STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03418

DER ZEYDE MENDELE

Irme Druker

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירמיהו דרוקער

דער זייחע מענדעלע

ירמיהו דרוקער

דער זיידע מענדעלע

פֿאַרלאַג: יידיש בוך וואַרשע

1964

JEREMIASZ DRUKIER

NASZ KLASYK MENDEŁE

הילע פּראָיעקטירט: ערכאָוו
Okładkę projektował: ERCHOW

רעד. ד. ספארד
Red.: D. SFARD

Wydawnictwo „IDISZ-BUCH" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 1576. Nakład 2500 egz. Druk ukończono w listopadzie 1964 r.
Ark. druk. 10, ark. wydaw. 18. Papier rotograwiura III kl. 61 × 86, 90 g.
Druk. RSW „PRASA", Warszawa, Tarczyńska 8 Z-12



מענדעלע ביים שרייב־טיש



ערשטער אָריגינעלער מאַנוסקריפּט פון „ווינטשפינגערל“

אַ גלגול פון אַ נאָמען

מענדעלע מוכר ספרים אין לעבן איז אַליין אַ בוך
(שלום עליכם)

דער הויפּט־העלד מיט אַלע בייזוויטיקע פאַרשוינען און פאַרשווינדלעך האָבן שוין געהאַט אָראָפּגעגידערט פון די פאַרמעקטע, ווידער אָנגעשריבענע און צוגעשריבענע פילגאָרנדיקע שורהלעך און זיך באַזעצט אין דעם ענגן ציכטיקן פערלדיקן כתב.

אויפן שער־בלאַט איז געווען אָנגעשריבן מיט קליינע אותיות: „דאָס קליינע מענטשעלע“ אָדער „אַ לעבנס־באַשרייבונג פון יצחק־אַברהם תקיף“. דאַטירט 1864־טער יאָר.

דער מחבר האָט אָבער זיין ווערק נישט געהאַלטן פאַר פאַרענדיקט. ער האָט געספּקט, צי איז בכלל פאַראַן אַן ענדע, ווען אַלעמאָל איז מעגלעך אַ נייער אָנהייב. ווען אַ שרייבער וואָלט פאַרמאָגט צען לעבנס, וואָלט אים נישט גענוג געווען אויף איבערצואַרבעטן איבעראַנייס איינס און דאָס זעלבע ווערק.

און מחמת דעם טאַקע, האָט דער מחבר ליב געהאַט זיך דורכשמועסן מיט זיינע געשטאַלטן נישט נאָר ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, נישט נאָר ביים שילדערן זיי, נאָר אויך דאַן, ווען ער האָט זיי שוין געהאַלטן ביים אַרויספּראָוואָדען אין וועג אַריין.

— גיי זיך, גיי זיך — האָט דער מחבר אָפּגעשטויסן פון זיך זיין נייגעבוירענעם העלד — אַזאַ ביסטו און אַזאַ האָסטו זיך באַקומען. אָט דאָס איז דיין גרויס און דאָס איז דיין הויז, שענער און בעסער האָב איך דיך נישט געקאָנט באַשאַפן, אַ קליין מענטשעלע און פאַרטיק!

— אַ קליין מענטשעלע און אַ קליין מענטשעלע איז דאָך נישט גלייך — האָט יצחק תקיף זיך גענומען בעטן ביים מחבר — איר אַליין האַלט דאָך, אַז דאָס סאַמע קלענסטע מענטשעלע איז אַ גרויסע וועלט פאַר

זיך... פארגעסט נישט, אַז איידער איך בין געוואָרן „אַ וואַרגער“ בין איך אליין געווען אַ געוואָרגענער — ווער ס'האָט נאָר געהאַט גאַט אין האַרצן, דער האָט מיך געוואָרגן.

דער פּאַרטיידיקער אינעם מחבר האָט זיך פאַרטראַכט. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך געפּרוּווט נויגן אויף דער זייט פונעם תקיף, אַזוי גלייך האָט זיך אין אים צעבייזערט דער באַשולדיקער: אַ געוואָרגענער איז ערגער ווי אַ געבאָרענער, זיין שולד איז נאָך אַ סך גרעסער, אויף זיין פּלייצע איז דורך דער אַקער פון אַלדאָס בייז, איז ווי אַזוי זשע האָט ער געקאָנט טאָן אַזויפיל בייז לגבי אַנדערע?

יצחק תקיף האָט זיך פאַררופן אויף זיין תשובה טאָן:

— אדוני מחבר, זאָל אייער גרימצאָרן נישט פאַרבלענדן אייערע אויגן, זעט איין און מיר נישט נאָר דעם וואַרגער, נאָר דעם בעל־חרטה, וואָס האָט זיך מתוודה געווען אויף זיינע זינד און איז געוואָרן אַ בעל־תשובה, און תשובה, חרטה און ווידוי קאָנען דאָך מבטל זיין די גרעסטע גזירה!

דער פאַרטיידיקער האָט שיעור די אויבערהאַנט נישט גענומען אײַנעם מחבר, און דאָס האָט צוגעגעבן מער קוראַזש דעם באַשולדיקער צו וואַרפן אומברחמנותדיק זיינע גיפטיקע פיילן!

— חרטה? — חרטה איז נישט מעשה סוחר! און ווען אַ בעל תשובה, ווייסט איר דאָך, וואָס דאָס פאָלק זאָגט — ניע גאַנוויי אי ניע פּאַסטיי...

ווידוי קויפט אוים די זינד נאָר ביים אָנהייב לעבן, ביים סוף לעבן איז עס נישט מער ווי מורא פאַרן טויט.

דערזעענדיק, אַז ס'איז אַ פאַרפאַלענע זאַך, אַז דער מחבר וועט גאָרנישט אָפּשאַפן און גאָרנישט ענדערן אין זיין שטרענגן אורטייל, האָט יצחק תקיף גענומען איינשטיין אויף דעם, אַז דער אורטייל זאָל דערשייגען אויף דער שפּראַך, מיט וועלכער דער מחבר האָט זיך ביז איצט באַנוצט.

— ביז מיר האָט איר דאָך געשריבן אויפן לשון פון די נביאים, איז פאַרוואָס זשע קומט עס מיר, אַז גראַדע איך דאַרף ווערן דער אָנהייב פון אייער יידיש שרייבן? וואָלט איר מיך באַשריבן אין לשון־קודש, וואָלט עס געווען אַ האַלבע צרה, וואָלט עס געווען כאָטש פּאָקרישקע, וואָלטן ווען מיר געוווסט איינער פון טויזנט, צען פון אַ שטאָט, און אין יידיש מאַכט איר מיך צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר קינד און קייט.

— הער א מעשה, אָט דאָס מיין איך דאָך — איז דער מחבר שטאַרק צופרידן געווען, וואָס דער געטראָפּענער האָט אים צוגעטראָפן — אַנ־דערש קאָן עס גאָרנישט זיין!

זאָג מיר, מיין שפּיל־פּייגעלע, אויף וועלכן לשון האָסטו געריידט דאָס גאַנצע לעבן דיינס? אויף יידיש, דוכט זיך, איז ווי אַזוי קאָן מען דיך באַשרייבן אויף אַן אַנדער לשון? אין יעדן וואָרט פונעם לשון, אויף וועלכן דו האָסט גערעדט זענען פאַרהיט אַלע דיינע תנועהלעך און הע־וויותן, אַלע דיינע גרימאַסן און פּאָסטעמקעס.

וואָס מיינסטו זיך, ווערטער שיטן זיך ווי סעמשקע, ווי פּאַלאָווע? אַ וואָרט איז אַ לעבעדיק באַשעפעניש, מיט זיין קנייטש, מיט זיין קרעכץ, מיט זיין ניגון און מיט זיין נשמה. איך הער אַ וואָרט, דוכט זיך וואָס, אַ פּשוט וואָרט, און אין זיין קלאַנג דערהער איך און דערזע פאַר זיך אַ לעבעדיקן מיט אַלע פּיטשעווקעס, אָט דעם, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט.

איך ווייס, איך ווייס, נישט איינער נאָך וועט זיך מיט מיר אַמפּערן, און נישט איינער נאָך וועט אויף מיר אָנפאַלן פאַר מיין יידיש שרייבן, און דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז איך האָב גוט געטאָן, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו דער צייט.

דעם מחברס פּנים האָט זיך געמיניעט, זיך געענדערט, אַלע ווילע אַן אַנדער פּנים, אַלע ווילע האָט ער פאַרגעשטעלט אַן אַנדער געשטאַלט, יעדן מיט זיין אויסזען און יעדן מיט זיין קול. אַ וועלט מיט קולות:

ער סיקעט און ציקעט אַ משונהדיק פּאַלצעט קוויטשל: — סטייץ! סטייץ! ווי אַזוי איז דאָס געסען? ווי אַזוי טוט מען עס? בייטן אַ לאָסן איז להבדיל, ווי בייטן אַן איסע. מיט דער ערסטער זיך נישט געגט און מיט דער צווייטער אָן חופּה וועקידוסין. סאַראַ חילול האסעם, סאַראַ הרפּה, ס'אַראַ בוסע! ווי געסריגן, פאַרלאָזן די האַרנטע, וואָס הייסט לאָסנ־קוידעס און אוועק צו דער סיפּכע, דער דינסט, צום זאַרגאָן. דער מענץ איז אַראָפּ פונעם דרך־האיאָסער, פונעם גלייכן וועג. אַזעלכע זאַכן ווערן גיט געסענקט! סובו! סובו! — קערט זיך אומעט, ווייל דערנאָך וועט זיין צו ספּעט.

ער האָט אונטערגעכאַפּט אַ בלעכענע שטים, אַ היקעוואַטע, אַ סוקע־וואַטע, אַ פאַרקילט־הייזעריקע, אַ גאָרגל־שטיקנדיקע און לאַקריץ־טריפנ־דיקע:

— קערט זיך אום! קערט זיך אום! ווייל דערנאָך וועט זיין צו שפּעט!

אלס צייכן, אז ער וועט זיך נישט אומקערן, אז ער האָט פעסט באַשלאָסן גיין מיט זיין אָנגעמערקטן וועג, האָט דער מחבר איינגעטונקט זיין פּען אויף אונטערצושרייבן זיין ערשט ווערק אין יידיש. די פּען איז ווי פאַרגליווערט געבליבן אין זיין האַנט...

איצט, ווען ער הייבט אָן שרייבן יידיש, איצט, ווען ער ווענדעט זיך צו די ברייטע מאסן פון פאָלק, איז ווי אזוי שרייבט מען זיך אונטער, אז מ'זאָל גלייך דערפילן, אז דאָס רעדט אַן אייגענער מענטש!

— אפשר שלומקע?

— ניין, עס טויג נישט, עס קלינגט בן־יחידש צעפּעסטעט. ניין א צו געמאַכטע פּאניע בראַטסקאָווע.

— און אפשר זאָל איך הייסן ווי איך הייס?

— שלום־יעקב? — שטרענג!

— איז ווי אזוי זשע פּאַרט?...

דער מחבר האָט אָנגעהויבן רעכענען נעמען און פּאַמיליעס, און צו אים אין קאַבינעט האָבן זיך א לאָז געטאָן צענדליקער און הונדערטער פאַרשוינען, פאַרשוינען, וואָס ער האָט געדענקט פון דער סאַמע פריער קינדהייט, פאַרשוינען, וואָס זענען שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ, תנ״ך־פאַרשוינען, פאַרשוינען פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, וועלכע ער האָט געהאַט אויסגעלייענט אין פאַרשידענע ראָמאַנען און מעשה־ביכלעך.

ס'איז געוואָרן אַן איינגעלויף, ווי דער איינגעלויף פון ווערטער אויפן רוף פונעם מחבר. די פאַרשוינען האָבן זיך לויטן אלף־בית געשטעלט אין דער ריי און אייגער האָט געפּרוווט איבערשרייען דעם צווייטן:

— מיין נאָמען גייט אייך, מיין נאָמען פּאַסט אייך!

— איך בין אוועק פון דער וועלט אָן א נאָמען, איז זייט זשע אזוי גוט און גיט א נאָמען נאָך מיר.

— מיין נאָמען האָט אין לעבן מיר מזל געבראַכט, א מזלדיקער נאָמען, איז זאָל זיין מיט מזל!

— מיין נאָמען איז אַלט, מיין נאָמען איז ניי, מיין נאָמען איז אייביק, קיין בעסערן נאָמען וועט איר נישט געפינען, מיט מיין נאָמען וועט איר אין דער אייביקייט אריין!

און נאָך אייגער, ערגעץ־ווו אין דער לעצטער ריי פאַרשלאָגן אין א ווינקעלע, האָט נישט אָנגערופן זיין נאָמען. ער האָט זיך געטוליעט צו דער וואַנט, זי זאָל כאָטש ווי עס איז פאַרשטעלן זיינע פאַרלאַטעטע פּלודערן,

דעם צעפּליקטן לייבסערדאַק, אין וועלכן עס האָט זיך קוים געהאַלטן זיין קליינטשיק אויסגעדייוועוערט און אויסגעדאַרט גופל.

די בענדלעך־שלייפן פון זיינע ברילן, ווי ענג ער האָט זיי נישט גע־פּרוּווט פאַרציען, האָבן זיך נישט געוואָלט האַלטן אויף זיינע אויערן, נאָך אַ לאַנגן באָבּרען זיך מיט זיי, האָט ער די ברילן אַרויפגעזעצט אויף דער נאָז און זיי אונטערגעשפּאַרט מיט אַ פינגער פון זיין רעכטער האַנט.

דער אין ווינקל־פאַרשלאָגענער מענטש האָט הויך פאַרהויבן זיין קאָפּ און זיין בליק נישט אָפּגעריסן פון די ביכער־שראַנקן. אוי־וואַ! אוי־וואַ! — האָט ער אַלע ווײַלע זיך געצופּט מיט דער לינקער האַנט זיין שפּיציק ווייס בערדל — אַ וועלט מיט ספרים! ס'אַרא טייערע ספרים! ס'אַרא שיינע בונדן! אין מיינע צייטן זענען גאָרנישט געווען אַזעלכע ספרים!

דאָס געשריי און דאָס געפילדער פון די פאַרשווינען, וואָס יעדער איי־נער פון זיי האָט אויסגערופן זיין נאָמען, ווי מ'רופט אויס דעם נאָמען פון גאָר אַ געהויבענער סחורה, איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ טומלדיקער.

— שטילער! שטילער! — האָט דער מחבר געשפּאַנט הין און צוריק איבערן קאַבינעט מיט זיין אויפגעהויבענער האַנט, זיך אַלע ווײַלע אָפּגע־שטעלט און יעדן איינעם פון די פאַרשווינען איבערגעפרעגט:

— אַט איר, זייט מוחל, ווי האָט איר געהייסן אין אַ פּשוטן מיט־וואָך?

— און איר, האָט קיין פאַריבל נישט און חזרט איבער נאָכאַמאָל אייער נאָמען און פאַטערס נאָמען, אי דעם רב, אי דעם ברב...

— משולם, זאָגט איר, אַזוי האָט מען אייך אַ נאָמען געגעבן און אַזוי האָט איר טאַקע געהייסן?

— און ביי אייך זענען אַזש דריי חיות אין איין נאָמען — בער — לייב — וואָלף, ציקאַווע, ציקאַווע כ'לעבן!...

— און איר?

— און איר?

— שעמט זיך נישט און זאָגט אַרויס מיט אַ פול מויל אייער פולן נאָמען.

ביים ווינקל־פאַרשלאָגענעם מענטש האָט זיך דער מחבר לאַנג פאַר־האַלטן, אים באַטראַכט פון אַלע זייטן, אָפּגעגאַנגען און ווידער צוגעגאַנ־גען און פלוצעם אויסגעשריגן, ווי ער זאָל דערזען דעם טאַטן פון יענער וועלט — רב סענדערל! סענדערל מוכר ספרים! דאָס זיינט איר, האַ? אַ

ברייטן און פיינעם שלום־עליכם אייך! אָט אייך האָב איך געזוכט, אָט איר האָט אויסגעפעלט, אָט אייך באַדאַרף איך! קומט אהער אויבנאָן, זעצט זיך, זייט מוחל, און פילט זיך ווי ביי זיך אינדערהיים. איי, רב סענדערל, ס'אַרא אָנגעלייגטער גאַסט איר זייט ביי מיר! ס'אַרא גליקלעכע באַגע־געניש!

די פאַרשוינען מיט די פיינע נעמען זענען געבליבן ווי אָפּגעשמיסע־נע, פאַרגליווערטע, ביי קיינעם האָט זיך דאָס מויל נישט געעפנט און קיינער האָט זיך פון אָרט נישט געקאָנט רירן.

דער אַלט־באַקאַנטער נאָמען פונעם אַלט־באַקאַנטן מוכר־ספרימניק האָט אויפגעוועקט דעם מחבר אין אַלטע, לאַנג פאַרשוווּנדענע צייטן, האָט אים אומגעקערט אין קאַפּולע, אומגעקערט צו זיין קינדהייט:

...א שמחה אין שטעטל, קינדער לויפן פון אַלע זייטן אויפן שול־הויף, סענדערל מוכר־ספרים האָט זיך באַוויזן מיט זיין ביידל. ס'וועט זיין צו זינגען און צו זאָגן. ווי, ווי, וויפל נייע מעשיות וועט מען זיך אָנקויפן. וויפל נייע מעשיות וועט מען זיך אָנהערן פון אים, פון סענדערלען אַליין. אָנהערן זיך אומזיסט, אָן א גראָשן געלט. אדרבה, ער וועט זיין העכסט צופרידן, אז מ'וועט אים אויסהערן.

דעם ערשטן ברוך־הבא גיבן אָפּ קינדער דעם פערדל, וואָס פּאַשעט זיך אויפן שול־הויף. סענדערל מוכר־ספרימס פערדל בריקעט זיך נישט, בייסט זיך נישט, האָט קיין פאַריבל נישט און שטייט פּאַקאָרנע, ווען מ'צופּט פון אים די לעצטע האָר פון זיין געוואַקסענער קאָלטאָנאָוואַטער גריווע, פון זיין אויסגעליניעטן אָרעמען שטערן עק.

סענדערל מוכר־ספרימס פערדל איז שטאַרק שטומפּיק אויף די ציין, נישט אזוי פון אַלטקייט ווי פון לאַנגן נישט דערעסן.

קינדער וויקן סוכאַרעס אין דער גרויסער קופּערנער בית־מדרש־קוואָרט, מיט וועלכער מ'גיסט אויף די כוהנים פאַרן דוכענען.

זיי שטויסן שטיקלעך און ברעקלעך צוקער, וואָס יעדער איינער האָט געהאַלטן פאַר א מצווה אָפּשלעפּן אינדערהיים לכבוד אזא גאַסט.

דער כיבוד איז זייער א שיינער, און נאָך שענער זענען די מעשיות, וואָס ווערן דערציילט וועגן אים, וועגן אַלטן אויסגעמאַטערטן פערדל.

— דאָס איז האָך נישט קיין פּשוט פערד — אזוי זאָגט אברהממטשע דעם באַלעבאָס זונדל, וואָס איז שוין א מבין אויף פערד און ווייסט אַלע פערדישע געשיכטעס — וואָלט עס געווען א פּשוט פערד, וואָלט עס זיך

מענדעלע אין יאָר 1862

אָפּגעשטעלט אויפֿן מאַרק, וואָלט עס געשטאַנען ערגעץ־ווו אין א שטאַל, נאָר ווײַבאַלד זײַן אָרט איז אין שול־הויף, איז דאָס א הייליק פֿערד.

— יאָ, יאָ, א הייליק פֿערד — זענען ייִנגלעך מסכּים.

— ניין, עס הייבט זיך גאָרנישט אָן — דערהווידערט בערעלע דעם באַגראָבערס — מײַן טאַטע שיקט דאָך אָפּ אַלעמען אַהינצו... אַזוי, אַז ער ווייסט אַלץ, וואָס עס טוט זיך סײַ אויף דער וועלט און סײַ אויף י ע נ ע ר וועלט...

און טאַקע פֿון אים אַליין, פֿון מײַן טאַטן האָב איך געהערט, אַז סענדערל מוכר־ספֿרימס פֿערד איז גאָר קיין פֿערד נישט, ס'איז א גלגול, א זינדיקע נשמה בצורת פֿערד. אין בית־מדרש טאָר דער גלגול נישט אַרײַן, ער קאָן זיך נאָר אויפֿן שול־הויף פּאַשען און אָנשטאָט הייליקע תּפֿילות, שלינגען נעבעך צעטראָטן גראָז.

דער אַמאָליקער קינדערישער ציטער פֿאַרן אומשולדיקן פֿערדל, וואָס האָרך זיך אַרומשלעפּן אויף דער וועלט מיט א זינדיקער נשמה, העלט אויף איצט אויפֿן מחברס פּנים א זוניקן שמייכל. ער איז צופֿרידן פֿון דער דערמאָנונג און פֿאַרצייכנט זי גלייך אין זײַן ספֿרל הזכרונות, אינעם בלאָקנאָטל. עס קאָן אַמאָל אויסוואַקסן אין א פֿײַנעם פּירוש, אין א משל, אין אן אַלעגאָרישער פֿאַרשטעלעניש...

...אַן אַלולדיקער אויפֿדערנאַכט, שוין לאַנג נאָך מעריב, די באַלעבאַטים זענען זיך צעגאַנגען. ער, דער מחבר, באַגלייט מיט צענדליקער אַנדערע ייִנגלעך, גאַפֿט פֿון סענדערל מוכר־ספֿרימס מעשׂיות, וואָס זענען אַן אַן ערך שענער און פֿאַרכאַפּנדיקער פֿון די, וואָס זענען באַשריבן אין די מעשׂה־ביכלעך.

וויפֿל וואַסערן זענען פֿון יענער צײַט אַדורך, וויפֿל שטורעם־ווינטן האָבן זיך דורכגעטראָגן? דער דור פֿון די זיידעס איז שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדן, דער דור פֿון די טאַטעס איז שוין אויך אַוועק אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, און ער, סענדערל, שטייט אים איצט פֿאַר די אויגן, ווי אַמאָל צענדליקער יאָרן צוריק.

...סענדערל דערציילט פֿון זײַנע יאַזדעס...

...פּלאַצט בײַ מיר א ראָד, פֿאַרקרעמפּעוועט מען עס און מע ריירט ווײַטער. דאָסביידל גייט שווער, ריפּעט און סקריפּעט, נאָר מען שטייט נישט אויף איין אָרט, אַז מע פֿאָרט באַוועגט מען זיך און אַז מע באַגעגנט זיך, רעדט מען, דערציילט מען, אַז מע פֿאָרט דערהווסט מען זיך אַזוינס, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויער, פּאַסירן פֿאַרשידענע פּאַסירונ־

גען, טרעפן זיך פארשידענע געשיכטעס פון טויזנט און איין נאַכט. נישט אומזיסט שטייט געשריבן: אז וויל צו די, וואָס לאָזן זיך אין וועג.

אַ יאַזדע איז ווי אַ פיש־געפאנג, אמאָל מער און אמאָל ווייניקער, נאָר ס'האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן אזויגס, אז מיין ביידל זאָל חס וחלילה בלייבן אַ פוסטע אָן מעשיות, אָן געשיכטעס.

אַז מען פאָרט, פאַרפאָרט מען אין אַ וואַלד, אין וואַלד זענען דאָ אַ סך ביימער. יעדער בוים האָט זיך זיינע צווייגן, און צווייגן קאָנען אויך נישט איינשטיין אויף איין אָרט!... ווען אַ ווינטל גיט אַ בלאָז, הוידען זיי זיך, זינגען זיי פון פרייד, ווערן זיי אזוי איבעראשט, אז זיי אָרט נישט און זיי טוט נישט וויי, וואָס אַ סך בלעטער רייסן זיך פון זיי אָפּ און פאַלן, פאַלן.

שיין איז דער טאָל, הויך איז דער באַרג און לויטער איז דאָס פלייצנדיקע טייכל. גרעזעלעך און בלימעלעך רייצן, רופן און פארשיכורן מיט זייערע ריחות און געווירצן. און ווי שיין ס'איז די ערד, אזוי אויסגעפוצט און שיין איז דער הימל, ווען די זון גייט אויף און ווען די זון פאַרגייט.

אַלץ איז שיין און אַלץ וואָלט גוט געווען אויף גאָטס וועלטל, ווען נישט די רויבפויגלען און פאַרצוקנדיקע חיות, וואָס לאָקערן אויף יעדן טריט.

אין אָט קינדערלעך, הערט אויס אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר אויף איינער פון מיינע יאַזדעס. ויהי היום, פאָר איך ארוים מיט מיין פערד און וועגעלע...

— טפרו־טפרו־טפרו — גיט זיך אַ כאַפּ אויף דער מחבר פון זיינע דערמאָנונגען, שטעלט אָפּ דאָס פערדל און בעט רב סענדערלען, ער זאָל אויף אים קיין פאַריבל נישט האָבן — אייער מעשה וועלן מיר פאַרצוקערן, נאָר לאָמיר זי דערווייל אויף אַ ווײַלע אָפּלייגן אין אַ זייט. איצט איז פאַר מיר דער מאַרשרוט אייערער וויכטיקער ווי די מעשה.

אין בלאָקנאָטל איז פארשריבן געוואָרן:

פאַרוואָס זאָל איך נישט גיין אויף די וועגן פון סענדערל מוכר־ספרים? אָט ווי ער, שטענדיק זיין אין דער געדיכטעניש פון לעבן, ארומפאָרן, זיך באגעגענען, הערן, זען, באטראכטן יעדן נפש, וואָס קומט אויפן וועג, יעדן בוים און יעדעס גרעזעלע, פון אַלץ מאַכן די נייטיקע פאָטראַוועס, באשרייבן, דערציילן, פלעכטן אן אומגליק בתוך אומגליק, אַ מעשה בתוך מעשה, אריינזאָגן אַ ביסל מוסר און פאַר איינוועגס לאָזן אַ טרער זיך אויסגיסן דאָס האַרץ.

און נאָך איז צוגעגעבן געוואָרן אין בלאָקנאָטל:

מיט דעם נייעם נאָמען קרוינגע נישט נאָר זיך אליין, דעם מחבר, נאָר אויך איינעם פון מיינע באַשטענדיקע הויפּט־העלדן, וואָס ווו א צווייטער זאָל ער שטענדיק זיין א דריטער. צוזאמען מיט מיר טיאקען און וויאקען איבער אלע בלאָטעס, ארויסהעלפן אין אן עת־צרה, זיך צוקוקן, צוהערן, מיר אונטערזאָגן, אן עצה געבן, א נייטיק וואָרט אונטערזאָגן וכדומה...

— איי, רב סענדערל! — איז דער מחבר איבעראַשט געוואָרן פון זיין נייעם איינפאַל — נישט נאָר אייער נאָמען וועט מיר צונוץ קומען, נאָך אויך אייער פערד און וועגעלע, אייער ריפּען און סקריפּען, אייער־ע יאַזדעס....

ארויסבאַגלייטנדיק מיט גרויס ליבע, רעספּעקט און אָפּשיי זיין אלטן באַקאַנטן פריינד רב סענדערל מוכר־ספרים, האָט זיך דער מחבר געזעגנט צו די פארגליווערטע פאַרשוינען: — און איר, קאָנט זיך גיין. גייט זיך אין אייער רו אריין! הלמאי זאָלט איר זיך מטריח זיין!...

* * *

„דאָס קליינע מענטשעלע" האָט אָנגעשפּאַרט קיין אָדעס, זיך אָפּגעשטעלט אין דער רעדאַקציע פון דער יידישער וואָכנשריפט „קול מבשר".

שרייבער, זשורנאַליסטן און לייענער זענען ווי אויף א בייז־וווּנדער געלאָפן אין רעדאקציע אָנקוקן „דאָס קליינע מענטשעלע", אָנקוקן ווי דער העברעישער מחבר איז געוואָרן א זשאַרגאָנישער, ווי שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש איז געפאנגען געוואָרן אין קלאמערן און דעם אויבנאָן האָט פארנומען א נייער נאָמען סענדערל מוכר־ספרים.

די אָדעסער ליבהאָבער און באַשיצער פון דער הייליקער שפּראַך האָבן זיך געוויצלט און געחוזקט, אוים שלום־יעקב, נאָר צוליב וואָס זיך באַהאַלטן אונטערן נאָמען סענדערל מוכר־ספרים, אז עס קליידט אים אזוי דער נאָמען „דאָס קליינע מענטשעלע"...

אלע האָבן געווארט און יעדן האָט אינטערעסירט, וואָס וועט אייף דעם ווערק זאָגן דער רעדאַקטאָר אלעקסאנדער צעדערבוים.

ווען „דאָס קליינע מענטשעלע" איז ארייננעפאלן צו צעדערבוימען אין די הענט, האָט ער עס אָפּגעוואָרפן פון זיך און איז אייפגעשפּרונגען א דערשראָקענער.

— וואָס? ווירער א פּאמפלעט? ווער איז דאָס קליינע מענטשעלע? וועמען מיינט ער עם דער מחבּר? וואָס איז דאָס פּאַר א פאַרשטעלעניש? וואָס איז דאָס פאר א סענדערל? איז עס נישט קיין אָנצוהערעניש, אז איך, אַלעקסאַנדער, האָב אמאָל געהייסן סענדערל? סאַראַ חוצפּה! אין מיין וואָכנשריפט שיקן א פּאַמפלעט קעגן מיר, דאָס דארף מען קאָנען!...

זיין לאַנגע איינגעבויגענע נאָז איז נאָך לענגער געוואָרן, דאָס רעכטע אויג, וואָס איז ביי אים שטענדיק געווען קלענער, האָט איבערגעשטיגן דאָס לינקע. אלץ אין אים האָט געשריגן — איך בין נישט קיין סענדערל. מיין נאָמען איז אַלעקסאַנדער! ווו נאָר א קהלהשער עני! קאָן מען זיך אָן מיר נישט באגיין, ווו א צרה, וואלגערט מען ארויף אויף מיר, און אָט האָסטו דיר, אָט דאַנקט מען דיר אָפּ.

ניין, אזוי וועט עס נישט גיין, מ׳באדארף בייטן דעם נאָמען פונעם ווערק און דעם נאָמען פון מחבר.

דער רעדאקציע־מיטארבעטער האָט דערהוויזן, אז ס׳איז אוממעגלעך ענדערן דעם נאָמען פונעם ווערק. „דאָס קליינע מענטשעלע“ איז נישט גלאט א נאָמען, נאָר דער הויפּט־געדאנק, וואָס איז דורכגעוועבט דורך און דורך אינעם ווערק. דאָס איז דער תוך, די כוונה און מיין פּינעם מחבר.

און וואָס שייך דעם פּסעוודאָנים פון שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש, איז אין דעם נישט פאַראַן די מינדסטע פאַרבאָרגענע אָנצוהערעניש קעגן דעראַקטאָרס פּערזאָן.

צעדערבוים האָט אָפּגעלאָזן „דאָס קליינע מענטשעלע“, באטראכט נאָכאמאָל און ווידעראמאָל דעם „סענדערל מוכר־ספרים“, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אינעם אויבנאָן פון ווערק. ער האָט געטראכט און געטראַכט און מיט עטלעכע דיקלעכע שטריכן פאַרמעקט דעם נאָמען סענדערל און אויבן מיט דריבנענקע אותיעלעך אָנגעשריבן — מענדעלע.

און אזוי איז שוין דער נאָמען מענדעלע פאַרבליבן אויף אייביק. מיט דעם נאָמען האָט זיך אַבראַמאָוויטש געעלטערט און איז געוואָרן דער זיידע פון דער יידישער ליטעראטור.

גאָספּאָדינו מענדעליו באַדאַרף מען נישט

אַבראַמאָוויטש האָט זיך לאַנג נישט געקאָנט צופּאַסן צום נאָמען מענדעלע, אים האָט אַלץ ווי געטאָן פאַרן נאָמען פונעם קאַפּולער מוכר־ספרים־מניק סענדערל, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן אונטער צעדערבוימס חשד און אויסגעמעקט געוואָרן אויף שטענדיק.

— מענדעלע — פלעגט אַבראַמאָוויטש זיך אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר זיין פרוי און פאַר זיינע פריינד — איז עפּעס נישט דאָס, ס'איז ווי אַן אַנטליענער מלבוש, וואָס שטייט אָפּ פון לייב.

אַ נאָמען דאַרף עפּעס זאָגן, אַ נאָמען דאַרף דערמאָנען, טאָר נישט לאָזן פאַרלוירן גיין פון די געדעכענישן אָט דעם, וואָס לעבט אין אונדז, צווישן אונדז....

אַ קינד אַז עס קומט אויף דער וועלט איז וואָס עס טוט זיך אָפּ צווישן טאַטע־מאַמע ביז מען געפינט אויס דעם פּאַסיקן נאָמען — וויל ער נאָך זיין טאַטן, זאָגט זי, אַז איר טאַטע איז נישט ערגער פון זיינעם.

שטעלט ער אַרויס דעם זיידן, זאָגט זי, אַז נאָך אַ זיידן וועט זיך שטענדיק געפינען אַן אייניקל, וואָס וועט טראָגן זיין נאָמען, איר פעטער, וואָס איז יונג אַוועק פון דער וועלט איז בילכער.

געפעלט אים משה, געפעלט איר יצחק, ער שטייט איין־פעסט פאַר זיין משפּחה און זי טרעט אויף קיין האָר נישט אָפּ פון איר משפּחה. מע יחוסט זיך, ווי ביים ווערן חתן־כלה.

היינט וואָס איז שוין דאָ, וואָס צו ריידן וועגן אַ נאָמען פון אַ שרייבער? אַ נאָמען זאָגט אַ סך, אַ נאָמען דאַרף זאָגן אַ סך!...

פאַלינען, אַבראַמאָוויטשעס פרוי איז דווקא דער נאָמען מענדעלע בעסער געפעלן געוואָרן ווי סענדערל.

די קינדער און אַ סך פון זיינע נאָענטע פריינד איז נישט געפעלן געוואָרן נישט מענדעלע און נישט סענדערל.

— נו, און מאַרק טווען געפעלט אייך? — האָט זיך אַבראַמאָוויטש געבייזערט, וואָס זיינע סאַמע נאָענטסטע פאַרשטייען נישט דעם תוך און מיין פון זיין פסעוודאָנים.

סאַמועל קלעמענס איז צוזאַמען מיט מיר אין איין יאָר געקומען אויף דער וועלט. זיין יוגנט איז אַדורך אויפן טייך מיסיסיפּי צווישן די מאַטראָסן־יונגען, וואָס האָבן געמאָסטן און שטענדיק געוווסט די טיפן און די הייכן פון די וואַסערן, דעם גאַנג פון די טייכן.

ווערנדיק אַ שרייבער האָט סאַמועל קלעמענס זיך אַ נאָמען געגעבן מאַרק טווען. דאָס איז נישט געווען קיין שפּאַס, קיין הומאָריסטישער שפּיצל, נאָר אַ טיפער מיין דערביי. מיט דעם פּסעוודאָנים האָט קלעמענס געוואָלט, אַז די ליבע מאַטראָסן־יונגען זאָלן אים שטענדיק שטיין פאַר די אויגן, און ער, דער שרייבער, זאָל שטענדיק וויסן דעם גאַנג און הייך פונעם לעבן, ווי זיי וויסן דעם גאַנג, די טיפן און הייכן פון די וואַסערן...

די מוכר־ספרימניקעס, דאָס זענען אויך מאַרק טווענס, אַ באַזונדער אַרט מאַרק טווענס — זיי האָבן מיט זייערע סקריפּנדיקע רעדער געמאָסטן די פאַרשאָטענע זאַמדן, די בלאָטעס, די הייכן און טיפן פון אַלע אומגליקן און צרות.

גישקשה, זיי שטייען מיר אָן די מוכר־ספרימניקעס, ס'איז דאָ אַ סך וואָס צו לערנען ביי זיי.

די געשיכטע מיטן נאָמען האָט לאַנג נישט געקאָנט פאַרגעסן ווערן. און שטענדיק ווען נאָר מ'פלעגט דערמאָנען פאַר אַבראַמאָוויטשן צו־דערבוימען, פלעגט ער זיך אָנציונדן — זאָל איך נישט הייסן מענדעלע, אויב איך וועל אַמאָל פאַרגעסן סענדערלען. אויב איך וועל זיך פאַר אים נישט אָפּרעכענען...

* * *

עס זענען דורכגעגאַנגען יאָרן. אַבראַמאָוויטש האָט זיך באַזעצט אין אָדעס און איז באַרימט געוואָרן אַלס מענדעלע מוכר־ספרים.

צעדערבוים האָט זיך באַזעצט אין פּעטערבורג. ער איז באַרימט געוואָרן אַלס דער אַרויסגעבער פון דער העברעישער און יידישער פּרעסע, פון דעם „וועסטניק רוסקיך יעווריעוו“ און „ראַזסוועט“. נאָכדעם האָט ער זיך אַ נאָמען געמאַכט אַלס ערשטער קאָכלעפל, וואָס איז אויס־

געבונדן און אויסגעקניפּט מיט דער העכסטער נאַטשאַלסטווע. ביי וועמען ער שלאָגט אָפּ די שוועל און האלט אין איין אויסבעטלען טובות.

— נישטאָ אזא פּאָדער-טיר — האָט צעדערבוים זיך אליין נישט אויפגעהערט רימען — זי זאָל זיך פאר מיר נישט עפענען, נישטאָ אזא גובערנאַטאָר און אזא פּאָליצמייסטער, איך זאָל ביי אים נישט זיין, איך זאָל ביי אים עפּעס נישט פועלן. וואָס דארפט איר מער, דעליאַנאָוו, דער מיניסטער פאר פאָלקס-בילדונג נעמט מיך אויף אין יעדער צייט, אפילו אויסער זיינע אָפיציעלע אויפנאַמס-שטונדן.

אריינפאלנדיק אין התפעלות פון זיינע אויפטוען, פלעגט צעדערבוים זיך אונטערשרייבן אלעמאָל אונטער א מער קנאקנדיקן פּסעוודאָנים.

אַבראַמאָוויטש האָט געוווסט, אז דירוקן א פּאַמפלעט קעגן צעדער-בוים וועט קיינער זיך נישט דערוועגן. אָבער נישט שרייבן האָט ער שוין מער נישט געקאָנט, און ס'איז אַוועק א בריוו-אויסטויש צווישן מענדעלע מוכר-ספרים פון טונעיאַדעווקע און רב סענדערן פון באַלטונעווא.

די אַדרעסירטע בריוו אין באַלטונעווא זענען איבערגעכאפּט געוואָרן אין א סך שטעט און שטעטלעך. מ'האָט זיי איבערגעשריבן און געהזרט אויף אויסנווייניק.

אומעטום האָט מען געקוואָלן און געקייכט פאר געלעכטער — רב מענדעלע האָט שוין אוועקגעפּטרט נאָך א בעל-טובה.

עס האָבן זיך געפונען אזעלכע, וואָס האָבן זיך נישט געפוילט און איבערגעשיקט אָט די בריוו אויף זייער ריכטיקן אַדרעס קיין פּעטערבורג צו אים, צו צעדערבוימען.

צעדערבוים איז געווען שטארק געטראָפן, איין קלייניקייט, אים אַלעקסאַנדערן אָגרופּן מיט זיין אלטן קליינשטעטלדיקן נאָמען סענדער, אים דעם פּעטערבורגער מאַכן פאר א באלטונעווער, וואָס שטאמט פון שורש באלטון — אַז אָנצוהערעניש אויף זיין פלאַפּלעריי.

מענדעלע האָט געוווסט, אז צעדערבוים האָט שטארק נישט ליב אָדעס. אָדעס איז געווען דער וואָלקן, וואָס פארטונקלט זיין שיין. די דרומדיקע שטאָט דערמאנט אים, אז ער, דער פּעטערבורגער צעדערבוים, דער לאַנד-שתדלן, וואָס קען פּערזענלעך אלע אָנגעזעענסטע רעגירונגס-באַמטע, האָט אמאָל, נישט היינט געדאכט, אין אָדעס געציפערט, גע-חשבונט און געציילט פרעמדע קאַפּיטאלן — געווען א בוכהאלטער אין א מאנופאקטור-געשעפט!

נאָר דאָס וואָלט נאָך געווען א האַלבע צרה, אין אדעס האָט ער געהאַט א קראָם פון פאַרטיקע קליידער, זיך אליין אויסגעלערנט צושנייַדעריי פון די פראַנצויזישע מאָדע-זשורנאַלן און איז געווען פאַרבונדן מיט די אָדעסער שנייַדער-יונגען.

מענדעלע האָט אָנגעטאַפּט אויך אָט דעם שוואַכן אָרט און גענומען דערמאַנען צעדערבוימען דאָס, וואָס ער האָט אזוי שטאַרק געוואָלט פאַרגעסן.

ערשטער בריוו

א גרוס פון די אָדעסער שנייַדער איבערגעגעבן דורך מענדעלע פון טונעיאַדעווקע צו סענדערן פון באַלטונעווא.

ליבער רב סענדער!

גרויסער אַלעקסאַנדער, וועמענס נאָמען עס קייקלט זיך ווי א ווידערקול פון איין עק וועלט צום צווייטן, זיין ליכט זאָל שייַנען און באַשייַנען די וועלט!

עס דרייט זיך אונדז דער קאָפּ און עס שווינדלט אונדז אין די אויגן, ווען מיר ווענדן אונדזער בליק צו אַזאַ הויכן צעדערבוים ווי איר זענט! וואַקסן זאָלט איר אין דער לענג און דער ברייט, אז קיין שום ריז זאָל זיך נישט קאָנען פאַרגלייכן מיט אייך. אמן!

דער ריח פון אייערע טובות צעטראָגט זיך ווי דער ריח פון די בעסטע געווירצן. איר שטעלט זיך פאַר גאָרנישט אָפּ און ציט די פאַסטריגעס פון יעדן בגדל און יעדן מונדירל... איז זאָל גאָט געבן, אז איר זאָלט זיך בכבוד גדול שטענדיק קאָנען באַגיין אָן א נאָדל, אז איר זאָלט קיינמאָל נישט בלייבן אָן אַ שטאָך אַרבעט, אייערע פיס זאָלן קיינמאָל נישט מיד ווערן לויפנדיק און אייער מויל זאָל זיך קיינמאָל נישט צומאַכן און האַלטן אין איין בעטן, אַז מ׳בעט בעט מען אוים!

דאָס, וואָס איר האַלט זיך ווי אין די שנייַדער-יאָרן בייַ דער מאָדע, דאָס איז על פי אונדזער שנייַדערשן שכל זייער א וויכטיקער ענין. ווייַל באַלד איר זענט אין דער מאָדע, וועט איר קיינמאָל נישט אָפּשטיין און קיינמאָל חס וחלילה נישט אָפּגעשטויסן ווערן פון דער הויכער געזעלשאַפט. ווער, ווער, נאָר מיר שנייַדער ווייסן דאָך, אז קיין בעסערע באַשטעלער ווי געזעלשאַפט איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. טאָ האַלט זיך פעסט בייַ זיי און גיט זיי נאָך אַלע ווייטיקן.

מענדעלע אין יאָר 1868

לעבט אייך בשלום מיט אונדזערע פריינט, פּאַליאַקאָווס און גינצבורגס, וואָס האָבן מער ווי אַ דרייערל אויף שבת, דערצו נאָך מיט אַ גרויסן שם אויף דער וועלט. וארום אַ פעטן טאָפּ איז זיך גוט צו רייבן.

אונדז פריידט שטאַרק דאָס הארץ, וואָס אויך איצט האָט איר צו טאָן מיט זשורנאַלן, פראוודאַ, נישט מיט קיין פראנצויזישע מאָדע-זשור-נאַלן, נאָר מילא, זאָל זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי צום לעבן!...

ביי אונדז אָדעסער שניידער איז קיין איבעריקע נייעס נישטאָ. ווי זאָגט מען עס, די נאָדל גייט און דער שלימזל גייט נאָך, קוים וואָס מען פארדינט אויפן שטיקל ברויט.

איז דערמאָנט זיך, גרויסער אַלעקסאַנדער, אז איר אַליין, נישט היינט געדאכט, זענט געווען אמאָל נישט מער ווי א סענדער און אָפּגע-לעקט אַ בייגל פון שניידעריי.

מיר מיינען חס וחלילה נישט קיין נדבה, מיר מאַכן נאָר א שניידע-רישן חשבון. נאָר ווי קומען מיר צו אזוינע הויכע מאטעריעס, רעדן מיט אַזאַ בעל חשבון ווי איר וועגן חשבונות.

איז זייט זשע אזוי גוט און אין א פרייער מינוט גיט א רעכן אויס וויפל איר האָט אָפּגעריסן, וויפל איר האָט נישט דערגעבן און וויפל איר האָט פארדינט אין אונדזערע ברידער שניידער, וואָס האָבן געניידט פאר אייער קראָם פון גרייטע קליידער. האָס וועט הייסן אי א חוב אָפּגעצאָלט, אי א מצווה אַריינגעכאפט, אי א טובה געטאָן! איר האָט דאָך ליב טאָן טובות!

זייט געזונט און שטארק און פארבלייבט אויף עוויג און שטענדיק דער גרויסער בעל יושר און דער נאָך גרעסערער בעל טובה, וואָס הערט זיך נישט אויף זאָרגן פארן כלל ישראל.

פון אונדז עמך שער און אייזן, אייערע געוועזענע קאָלעגן

אָדעסער שניידער

צווייטער בריוו

א שיינעם דאַנק פארן שניידערשן גרוס איבערגעגעבן דורך סענדער פון באַלטונעווע צו מענדעלע פון טונעיאדעווקע.

...

א שיינעם דאַנק, רב מענדעלע, פארן שניידערשן גרוס, וואָס איר האָט מיר איבערגעגעבן. ווייזט אויס, שוין א פארפאלענע זאך, אין אייך

האָט זיך באַזעצט אַ מעפיסטאָפל, ווי אַ דיבוק נישט אַרויסצוטרייבן אים פון אייך.

אָן אַ בים און אָן אַ ריס. אָן אַ קרעל, אָן אַ געלעכטערל און אָן אַ הוזקל קאָנט איר זיך גאָרנישט באַגיין. גאַגאַל און שטשעדרין האָבן אייך געלאָזט גריסן...

זיי האָבן אייך אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג, זיי האָבן אייך געפּטרט, זיי האָבן אייך פאַרסמט מיטן גאַליקן ביטערן סם, וואָס הייסט סאַטירע.

מבטל מאַכן, אויסלאַכן, מאַכן צונישט, דאָס איז פון די סאַמע גרינג־סטע זאַכן. ווען איר זאָלט ווייסן ווי דאָס פאָלק בייטיקט זיך אין טובות און ווי שווער עס קומט אָן יעדע טובה, וואָלט איר אַזוי נישט גערעדט. אַ בעל טובה איז ביי אייך להבדיל נישט בעסער ווי דער ערגסטער יידן־פיינט.

איר וואָלט אַ פּנים געוואָלט, איך זאָל אָנהייבן ריידן אויף אייער קליאַטשע־לשון קעגן די „פּאַנסקע צאַפּעס“, ווי איר דערלויבט זיך אָנרופן אונדזערע הערן און מיניסטאָרן אין וועמענס זכות מיר אַלע לעבן. אָ, ניין! דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען!...

איר דערשאַצט נישט רב מענדעלע, דעם כוח פון אַ זיפץ און פון אַ טרער. אַ הייסע טרער קאָן שטיינער שפּאַלטן. דער איינציקער פּלאַסטער צו אַלע אונדזערע מכות איז נאָר אַ גוט הארץ פון אַ מיניסטער, אַ גוט וואָרט פון אַ פּאָליצמייסטער.

אין אייער שנײַדערשן גרוס איז פאַראַן נאָר אַ בייזע אָנצוהערעניש, ווי באַלד אַ נגיד, אַ באַלעבאָס, אַ געשעפטסמאַן, איז עס אַ פּיאַווקע, וואָס זויגט אויס די בלוטן פונעם אַרבעטער און האָרעפּאַשניק. דאָס איז גאָר אַ געפערלעכע אפיקורסות, דאָס הייסט פשוט טרייסלען די יסודות פון אונדזער אָרדענונג.

און ווייטער, ביי לייטן, אַז אַ מענטשן ווערט אויפגעריכט גרויסט מען זיך מיט דעם און מע דערמאָנט מיט קיין וואָרט נישט, אַז אַמאָל איז ער־ ווייט נישט געווען דאָס, וואָס איצט. און איר טיטשעט מיט די פינגער, קוקט אים אָן דעם אַלעקסאַנדער, ער האָט גאָר געהייסן סענדער און גע־ האַט אַמאָל אַ שייכות צו שניידעריי.

וואָס איז שייך צו רעדן — קנאה! פון קנאה קומען אַלע אומגליקן. קנאה געבוירט אומזיסטיקע שונאים, און אַן אומזיסטיקער שונא איז דער סאַמע געפערלעכסטער שונא.

נאָר לאָזן שונאים רעדן צוזעצעניהייט. אלעקסאנדער וועט נישט אויפהערן טאָן טובות פאַרן כלל ישראל.

לאַנגע בייזע ווינטן בלאָזן, דער צעדערבוים בלייבט א צעדערבוים.

דריטער בריוו

מענדעלע פון טונעיאַדעווקע זאָגט שארף אריין סענדערן פון באַלטונעווא און בעט אים, אז ס'זאָלן זיין לרצון די רייד פון זיינע לעפצן.

איך איַיל מיט מיין ענטפער, רב סענדערל, ווייל איר האָט מיך שטאַרק אויפגעבראַכט מיט אייער פאָריקן בריוו. די מינוטן פון כעס זאָלט איר וויסן, זענען די בעסטע מינוטן אויף אָנצופאלן. די מוזע פון סאטירע דאָס איז כעס. מיט כעס טאָר מען נישט איבערנעכטיקן, עס וועבט זיך אויס ווי א האַרבע משקה — אָט ביסטו טויט=שיכור, זיך דורכגעשלאָפן — און דו שטייסט אויף א ניכטערער ווי גאָרנישט געווען.

איר האלדערט, רב סענדער, ווי אַן אָנגעבלאָזענער איינדיק'אזן קאָנט זיך גאָרנישט אָפּלויבן פון אייער אלעקסאנדער=נאָמען. נאָר ווער, ווער, איר ווייסט דאָך מן הסתם, אז נישט יעדער אלעקסאנדער איז א מוקדן...

אייער פאמיליע צעלייגט איר אויף טעלערלעך — צעדערבוים אַהער, צעדערבוים אהין. אייער פאמיליע איז אייך אזוי שטארק געפעלן, אז איר האָט זי אפילו איבערגעזעצט אויף העברעיש און שרייבט זייער אָפּט אונטער ארז, אז אָנדייטונג, אז איר געהערט צו די שטאָלצע, אז אייערע פּיס קגיען פון זיך אליין פאר יעדן טשינאָווניקל, ווי די פּיס פון די קעמלען אין די זאמדן פון מהבר.

קיין איין ליץ אין דער וועלט וואָלט נישט געקאָנט צוטראַכטן קיין גרעסערן חוזק ווי דאָס, וואָס איר הייסט צעדערבוים, ס'איז פונקט ווי אויפהענגען א שילד אויף א קלייט פון דזשענעכיץ, אז דאָ פארקויפן זיך די שענסטע בלומען מיט די פיינסטע בשמים.

אייער צייטונג הייסט דער „המליץ“ און איר אליין שטעלט זיך אומעטום ארויס אלס מליץ=יושר. ווען איר וואָלט כאָטש איינמאָל ווי ס'דאַרף צו זיין אראָפּגענידערט אין עמק הבכא, אינעם טאָל פון געוויין, וואָלט איר מער נישט געטריפט מיט קיין בוימלדיקע צוקער=זיסע ריידעלעך. איר וואָלט געשריגן, יעדעס וואָרט וואָלט אייערס ווי א האמער געבראָכן און

אויפגעריסן שטיינער! איר וואָלט נישט פּרוּווט, נאָר געוועקט, גע־שטורעמט!

יאָ, יאָ, קליאַטשע־לשון, ס'מעג אייך אָנשטיין! גענוג מיט אייער קליאַטשע־לשון.

איך לאַך פון מיין געלעכטער, פון מיין חוזק, יאָ, געלעכטער איז פאַר אייך פרעמד. דער חניפהשער שמייכל, וואָס גייט קיינמאָל נישט אראָפּ פון אייערע ליפּן האָט באַרויבט ביי אייך דאָס געלעכטער.

ביי וויקטאָר הוגאָ איז פאַראַן א ווערק, וואָס הייסט „דער מענטש, וואָס לאַכט", ווען אייך וואָלט מען געקאָנט אָנשרייבן א ספר — דער מענטש, וואָס לאַכט נישט.

לאַכן הייסט ווידערשפּעניקן, און שמייכלען הייסט זיך אונטערגעבן, שלום מאַכן מיט אַלדאָס בייז.

וואָס שייך גאַגאָלן און שטשעדרינען, מעגן אַלע אייערע דעליאַנאָווס די כפּרה ווערן פאַר זייער מינדסטן נאָגל. דעליאַנאָווס קומען און פאַר־שווינדן. לאָזן נאָך זיך נישט איבער קיין זכר, און אַזעלכע ווי גאָגאָל און שטשעדרין זענען אייביק.

אייך שרעקט זייער שנאה. איז האָט קיין מורא נישט, זייער שנאה דאָס איז דער דונער און בליץ, וואָס ברענגען מיט זיך דעם רעגן אויף באַפרוכפּערן, אַז אַלץ זאָל בליען, אַז אַלץ זאָל וואַקסן, אַז אַלץ אַרום זאָל זיין שיין.

שרייבער מיט קאַלטע לונג און לעבערס, וואָס צעלייגן קיינמאָל נישט די שייטערס פון סאַטירע אין זייערע ווערק, זענען קיין שרייבער נישט. פון זיי איז נישט קאַלט און נישט וואַרעם, זיי געהערן צו די טויטע נפשות, און זאָלן זיי זיין ווייט אָפּגעשיידט פון אונדז.

נאָר ווו ביטערע גאַל עסט נישט אוים דעם זשאַווער, דרינגט נישט אריין קיין שטראַל פון ליכט און האָפענונג.

איך חב סענדער, האַלט שטאַרק פון אַ טרער, נאָר אייער טרער איז אַ וואַסערדיקע, אַ מוטנע, ווי די טרער פונעם קליינשטעטלדיקן טראַגיקער, וואָס ברעכט די פינגער, רייסט זיך די האָר און פּרוּווט מיט הויך קנאַקנדי־קע ווערטער איינרעדן, אַז ער לעבט טאַקע איבער. נאָר ווער גלויבט אַזאַ, אַז אַלץ איז ביי אים געמאַכט, אַז ער איז פאַלש פון קאָפּ ביז די פיס.

גאָגאָלס און שטשעדרינס טרער געלייטערט דורך געלעכטער איז א בלוטיקע טרער, זי ליגט פאַרבאָרגן אין די סאַמע טיפענישן פון האַרצן,

ווי דער דימענט אין די טיפענישן פונעם ים. זייער טרער רירט, זייער טרער לויכט און באלויכט אלע פינצטערע וועגן און אָנוועגן.

איך פארשטיי, רב סענדער, איר טראָגט אַ האַרץ אויף גאָגאָלן און שטשעדרינען, ווייל זיי ביידע האָבן שטאַרק אָנגערירט אייערע טשיגאָוואָניקעס, אייערע האַרן און האַרעלעך, פאַר וועמען איר האַלט זיך אין איין בוקן. נאָר אויב עמעצנס אַ שוואַכער קאָפּ האָט באַקומען אַ זונענשלאַג קאָן מען זיך דערפאַר נישט בייזערן אויף דער זון און שרייען, אַז די זון איז איבעריק און ברענגט שאָדן אויף דער וועלט.

פון אייער בריוו, רב סענדער, איז אויך צו זען, אַז איר קימערט זיך זייער שטאַרק פאַר די יסודות פון דער אָרדענונג, פאַרן ווייל פון די אַלע פּיאַווקעס און בלוטזויגערס, איר פאַרלאַנגט אפנים, אַז אַלץ זאָל זיין ווי ס'איז, אַז ס'זאָל נישט געשען קיין שום נייעס אונטער דער זון.

נאָר דאָ קום איך ווידעראַמאָל פאַראומערן אייך דאָס האַרץ, וויבאַלד אויף דער וועלט האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע ווי גאָגאָל און שטשעדרין, קאָן שוין די וועלט נישט זיין אַזאַ ווי זי איז געווען. צו שאַרף און סמיק זענען זייערע פיילן.

פאַראַן נאָך, רב סענדער, אַ סך, אַ סך וועגן, וואָס צו רעדן מיט אייך, ווייל אַלץ, וואָס ביי אייך איז טאָג, איז ביי מיר נאַכט, און אַלץ, וואָס ביי אייך איז שוואַרץ איז ביי מיר ווייס. יעדער מענטש ווייזט אויס אין אַ מין באַזונדער וועלטל פאַר זיך, ווי זאָגט מען, יעדער מענצל האָט זיך זיין טענדענצל...

זייט געזונט און שטאַרק און זאָל אייך זיין לרצון די רייד פון מיינע לעפצן, הקטן מענדעלע.

פערטער בריוו

סענדער פון באָלטונעוואָ פרווט דערהווייזן מענדעלען פון מוגעיאַדעקע, אַז ער איז באַשיידן און הערט נישט אויף זיך אליין לויבן אין טאָג אַריין.

ווייי, ווייי, רב מענדעלע, וואָס איר האָט דאָס געמאַכט פון מיר אין אייער לעצטן בריוו. איר האָט שוין נישט געוווסט וואָס אויסצוטראַכטן און האָט מיר פאַרגליכן צו אַ קליינשטעטלדיקן טראַגיקער. איז מיט ווע-

מען זאָל איך אייך פאַרגלייכן? ווייל ווער נאָך ווי איר, קאָן אַזוי די מלאכה פון פאַרשטעלן זיך.

אייער וועגעלע איז א צעבראָכנס, א סקריפּנדיקס, אייער פערדל, קוים וואָס עס פּלאָנטערט מיט די פיס, און איר אַליין מאַכט זיך פאַר א גיונקעלע, א נעבעכל, וואָס קאָן קיין צוויי נישט ציילן, וואָס קאָן קיין פליג אויפן וואַנט נישט אָנרירן און טרעט אָפּ אַלעמען דעם וועג — אני הקטן מענדעלע.

און אָט האָט מענדעלע, אַז עס גייט אַריין אין גרימצאָרן, אַז עס צעפּאַכעט זיך מיט דער טונעיאַדעווקער בייטש, איז זאָל גאָט אָפּהיטן הוכט זיך קליין און דערלאַנגט דעם גרעסטן.

איר טאַטשעט די וואָרצלען פונעם צעדערבוים און פאַרגעסט, ווי איר אַליין און צענדליקער אַזעלכע ווי איר האָבן זיך געפינען אין די הייסטע צייטן אינעם שאָטן פון דעם צעדערבוימס צווייגן. איך און נישט קיין אַנדערער האָב אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור אַלע עלטערע און ייִנגערע העברעישע און יידישע שרייבער פון מיין צייט.

איך און נישט קיין אַנדערער האָב אויף מיינע פּלייצעס צוויי דורות שריפטשטעלער איבערגעטראָגן, נישט געשלאָפן און נישט גערוט, טאָג ווי נאַכט זיך מקריב געווען אלץ לטובת הכלל.

איר, רב מענדעלע, לאָזט מיר די גאַנצע צייט שפּילקעס, אַז איך בין נישט באַשיידן, נאָר איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך האָב זיך קיינמאָל געלאָזט וואַרטן אויף כבוד, זיך נישט געלאָזט בעטן און אַלעמען אויסגעשטרעקט די האַנט מיינע, אַלעמען געהאָלפן, איך זאָל אַזוי געהאָלפן ווערן ווו איך וועל זיך קערן און ווענדן.

קיינמאָל האָב איך קיין פרייע מינוט, קיינמאָל האָב איך קיין צייט נישט. מיר דוכט, אַז ס׳איז נאָך נישט געווען אַזאַ צייט, אַז אַ מענטש זאָל אַזוי קיין צייט נישט האָבן, ווי איך האָבן קיין צייט נישט!

פיר אַזעלכער פאַרטאָג שטיי איך שוין אויפן פוס־בענקעלע און שרייב ביז צען אַזייגער אָן אויפהער.

דאָס ערשטע גיב איך אָוועק אַ גאָב מיינע ישונאים. פאַרגעסט נישט, אַז איר זענט ביי מיר נישט דער איין און אייגציקער... דערנאָכדעם לייג איך דעם פונדאַמענט, איך שרייב אָן אַ קעלער. ווערט פאַרטיק דער קעלער נעם איך זיך צום בוידעם, צום לייטאַרטיקל, און ערשט דערנאָך גייט אוועק אַ סדרה פון בריוו.

מענדעלע אין יאָר 1874

מע באַוואָרפט מיך מיט בריוו, לויט די קאָנווערטן, לויט די אָנגעשריבענע אַדרעסן, לויט די כתבימלעך, לויט די אויסלייגעכצן פון די נעמען, לויט די שיטערדיקע אותיות פון וואָרט „רעדאַקציע" און לויט דער גרויס און געדיכטעניש פון וואָרט „גאָספּאָדין" דערקען איך דעם מחבר און ווייס אויף צו פריער, וואָס ער האָט דאָרט אָנגעשריבן. ווידערשפּעניקע מאמרים אויף גאָט, אויפן קיסר, אויף משיחן און אויף נענאַטקען גלייך אין קאָרב אריין.

אויף אַ פאַרליבעניש סיי אין דיכטונג און סיי אין פּראָזע ענטפער איך קורץ און שאַרף, איך בין שוין אַלט און די טעמע איז פאַר מיר צו יונג.

וועגן אַ שרפה, וועגן אַ מגפה, וועגן אַן אויפגעריכטן באַלעבאָס, וועגן אַ בעל טובה, וועגן א לייטישן גובערנאַטאָר און אָנשטענדיקע פּאָליצמייסטער — גלייך צום דרוק.

פאַרענטדיק איך מיט די בריוו, דערמאָן איך זיך וועגן א נישט אָנגעשריבענעם מאמר וועגן אַן ערשט הערשינענעם ספר, וועגן א ניי אויפקומענדיקן טאַלאַנט, און איך שרייב אָן אַן אויפהער!

די געדאַנקען באַווייזן ביי מיר נישט נאָכלויפן נאָך דער פען. נישטאָ ווען א טראַכט צו טאָן וועגן אַן אויסדרוק, וועגן א וואָרט. ביי מיר האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן איך זאָל איבערשרייבן, איבעראַרבעטן, ביי מיר איז שטענדיק די ווייץ מיט דער פּאָלאַווע, דאָס קערל מיטן שאָלעכץ.

פון זשאַרגאָן רעדט מען שוין נישט. אז איך שרייב אין זשאַרגאָן איז מיין האַנט א שנעלצוג, ווי זאָגט מען עס „יאַק ריידעלע, אבי דאָברע מיינעלע".

נאָך דעם הייבט זיך אָן א סדרה „פּראָשעניעס", „זאיאַוולעניעס", „זשאַלאָבעס", „קאַסאַציעס", א.א.וו. אד"גל.

גלייך נאָך דער קאַטאָרזשנער שווערער פען=אַרבעט הייבט זיך אָן דאָס ריידעריי, דאָס געבעטעריי. ווען ס'זאָל פאַרצייכנט ווערן אלץ, וואָס איך ברענג ארויס פאַר די פאַרשידנסטע מיניסטאָרן און אָנגעזעענסטע לייט, וואָלט יעדער טאָג זיך באַקומען א גראָבער ספר.

היינט ווו איז א יובילײ, א באַנקעט, א לוויה, א חתונה, א געבורטסטאָג, א חגא.

און מיר פיקן דעם צונג באַדאַרף מען נישט ווען איך לעב אָפּ דריי מאָל אזויפיל, ווי איך האָב שוין אָפּגעלעבט, וואָלט מיר נישט אויסגע=

פעלט קיין רייד־מאַטעריאַל, וואָלט איך נאָך אַלץ געהאַט פון וואָס צו רעדן.

איך ווייס נישט נאָר די געשיכטע פון פּעטערבורג, פון יעדער גאַס, פון יעדן הויז און פון יעדן איינוווינער, נאָר מיר זענען זייער גוט באַקאַנט די פאַרבאָרגענע, די סודות פון דער שטאָט. וועקט מיך אויף אינמיטן דער נאַכט, וועל איך אייך דערציילן אַלץ, וואָס עס טוט זיך הינטערן נאָגל ביי יעדן איינעם פון די רעדלפירער.

די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור מיט אַלע אירע אינטריגע־ראָמאַנען פאַרמאָגן נישט קיין צענטהלק אינטריגע־שטאָף, ווי איך איינער טראָג אין זיך אליין.

ווי איר זעט, רב מענדעלע, קאָן איך נישט ווי איר זיך אונטערשרייבן אני הקטן. וואָס איר זאָלט נישט זאָגן און וואָס איר זאָלט נישט אויס־ברייען, בין איך געווען און בלייב — צעדערהבוים.

פינפטער בריוו

מענדעלע פון טונעיאַדעווקע דאַנקט סענדערן פון באַלטונעווא פאַר זיין ענטפער, מיט וועלכן ער האָט זיך אליין גוט אויסגעפּאַטשט.

לאַנג לעבן זאָלט איר רב סענדער! מיט אייער לעצטן בריוו האָט איר מיר פאַרשפּאָרט אַן אַרבעט ענטפערן אייך אויף יעדן פּונקט באַזונדער. איר גיט זיך אליין אַרויס מיט די פּאָטראַכעס. אייער גרעסטער אומגליק איז טאַקע דאָס, וואָס איר זענט אומעטום א מחותן און טאַנצט אויף אַלע התונות. א מענטש באַדאַרף זיין היים אָדער קאַלט, אָבער נישט לעבלעך, מילכיק אָדער פליישיק, נאָר נישט פּאַרעווע.

צוויי דורות — באַרימט איר זיך — האָט איר איבערגעטראָגן אויף אייערע פּלייצעס. באַקומט זיך, אַז משה רבינו אין פאַרגלייך מיט אייך איז א וועווריקל, ער האָט זיך אפילו מיט איין דור נישט געקאָנט ספּראַ־ווען...

און ווערליק איר הויבט א מאַטקע, האָוועט און שמאַיעט, וואַקסט אויס דאָרט וווּ מ'זייט אייך נישט, איז מען אויך פיגאַראָ הייצן ביי אייך די הרובע — אַן אינטריגע אַהער, אַן אינטריגע אַהין, אַן אינטריגע דאָ, אַן אינטריגע דאָרטן..

איר דערמאָנט אזויפיל אינטריגעס, אז אייך לוינט צו עפענען אַן אינטריגע=געשעפט, אזא געשעפט קאָן אויך אריינברענגען א סך מער הכנסה, ווי דער אמאָליקער אָדעסער מאַגאַזין פון פארטיקע קליידער. מ'וועט אייך אָפּשלאָגן די טירן. קונצן=מאַכער, סטענגעציער, ספּאַליגע=שמירערס און פּליאָטקע=מאַכערס זענען אויף דער וועלט, ברוך=השם, מער פאַראַן ווי עכטע שרייבער.

איצט א פּאָר ווערטער וועגן אונדזער שרייבערישער מלאכה:

צו יידיש באציט איר זיך ווי א שניידער=באַלעבאָס צו א הערשלאָגן לערן=ייגל, וועמען ער צווינגט ביאנטשען זיינע קינדער, פּאָלגן א גאַנג, אָנהאקן האָלץ, טראָגן די פּאָמוניצעס. דערביי האלט ער אים אין איין זידלען און אין סטראשען, אז ווייטער פון דער פּאָמוניצע וועט ער נישט אַוועק, קיין בעל=מלאכה וועט ער נישט ווערן און קיין לייט וועט פון אים קיינמאָל נישט זיין.

פע, רב סענדער, אויף אזוינס וואָלט איך זיך אפילו אויף אייך נישט געריכט.

יידיש איז א יונג לשון, און ווייל ס'איז יונג איז דער „יאַק ריידעלע" נאָך מער געפערלעכער. —

וואָלטער האָט געהאט געזאָגט, אז „פאר זעקס יאָר קאָן מען זיך אויסלערנען אלע הויפּט=שפּראכן, נאָר די מוטערשפּראך דארף מען לערנען דאָס גאנצע לעבן", ווייל זי טראָגט אין זיך אלע אוצרות, וואָס ליגן פארבאָרגן אינעם וואָרט.

די מוטער=שפּראך איז געגליכן צו דער מוטער עהד, וואָס נערט אונדז מיט אַלע זאַפטן, מיט אַלע געוויקסן און באַצירט אונדזער לעבן מיט די שמעקנדיקע פארביקסטע בלומען.

אין דער מוטער=שפּראך איז אונדזער קינדהייט און יוגנט, אונדזערע דערמאָנונגען, פאָרשטעלונגען, זעונגען און דערקענטעניש, די פאַרבן, קלאנגען און בילדער, אָן וועלכע אַ שרייבער קאָן נישט ווערן קיין שרייבער.

די צייט, ווען מ'האָט אריינגעקוקט, וואָס אין קרוג טוט זיך און דער קרוג אַליין האָט קיינעם נישט אינטערעסירט, איז שוין אַדורך.

דער בעסטער ווייַן אין א נישט פּאַסיקער שלעכטער כלי מוז זויער ווערן און איר, רב סענדערל, פּרוווט אַלץ פטרן די כלי. נאָר געדענקט, א שפּראך איז נישט קיין שטייענדיקע בלאָטע. דאָס איז א פליסיקער טייך, וואָס טראָגט אָפּ און ווארפט ארויס פון זיך אַלע אָפּפאַלן און אומרייניקייטן.

איר באַרימט זיך, רב סענדערל, אז אייערע אייליק שרייבנדיקע הענט יאָגן אריבער אייערע לויפנדיקע פיס. מיר איז פשוט א רחמנות אויף אייך.

א מענטש שרייבט אזויפיל יאָרן און האָט קיינמאָל נישט פארזוכט דעם ביטערן טעם פון זוכן און נישט קאָנען געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט אזויפיל יאָרן, אז איר שרייבט און אייך איז קיינמאָל נישט באשערט געווען דער צער פון זיך אליין נישט געפעלן ווערן.

דוכט זיך, אז דער גרעסטער שונא קאָן אזוי נישט צו נישט מאַכן, ווי דער אמתער קינסטלער מאכט זיך צו נישט אין די שווערע שעהן, טעג און וואָכן, ווען עס גייט נישט, ווען עס באקומט זיך גאָרנישט.

וואָס טראכט ער נישט אויס, וועגן זיך אליין? וואָס פאר א ביטער וואָרט זאָגט ער זיך אליין נישט אריין?

ער שעמט זיך האָך ווייזן אויפן גאַס, ער פילט זיך שולדיק פאר יעדן איינעם, אלעמען איז ער מקנא און יעדן איינעם שטעלט ער העכער פון זיך.

און ביי אייך אַ קוואָקע אַהער, א קוואָקע אהין, און דאָס גראָשנדיקע אייעלע איז שוין מיט מזל געקומען אויף דער וועלט.

שרייבן הייסט קאָנען זיך אליין לייענען, און זיך אליין לייענען הייסט שלייפן און שלייפן, פארריכטן, ענדערן, אָנהייבן איבעראניים, שרייבן און איבערשרייבן נאָכאמאָל און ווידעראַמאָל.

איר אפנים האלט, אז וויבאלד איר שרייבט פאר יענעם איז זאָל אייך יענער לייענען. איר פארגעסט, אז ווערטער זענען ווי סאָלדאַטן אויף א שלאַכט. ווערסט נישט אָנפירן מיט זיי, וועסט נישט צעשטעלן יעדן אויף זיין אָרט, וועסט נישט באַפוילן, וואָס יעדער אייגער האָט צו טאָן, צע־לויפן זיי זיך און די שלאכט איז פאַרשפילט.

דערביי דארף מען נישט פארגעסן, אז ווערטער זענען נישט איינס געקליידט, שפאנען נישט אלע באגלייך ווי אויסגעמושטירטע סאָלדאַטן. יעדעם וואָרט האָט זיך זיין מלבוש, זיין גאַנג, זיין טאָן, זיין מיין, זיין סוד, זיינע טיפענישן, און צו טיפענישן איז נישט אזוי גרינג זיך דערגרונטעווען. אויף אַ וואָרט דארף מען האָרעווען, שטארק האָרעווען. וואָס קלאָרער דאָס וואָרט, אלץ קלאָרער דער געדאנק.

עפעס א קלייניקייט א וואָרט? דאָס וואָרט קאָן פאראייניקן און קאָן צעשיידן, קאָן פארטונקלען און אויסלייטערן סודות, פארטרייבט אין גע־מויזעכץ און פירט נאָך זיך אַהין, ווו קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך נישט געטראָטן.

אַ וואָרט, איין וואָרט, און די פֿאַרליבטע זענען די גליקלעכסטע אויף דער וועלט. אַ וואָרט, איין וואָרט, און אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן, אַלץ איז פֿאַרשפּילט.

נאָר געגוג, רב סענדהער, איר האָט דאָך מיר שוין אַמאָל געהאַט געשריבן אין איינעם פֿון אייערע בריוו, אַז אַלע מיינע געדאַנקען און אַרויסזאָגונגען וועגן ליטעראַטור און לעבן קריכן אייך אַפֿילו אין דער לינקער פּאה נישט, איך זאָל דאָס אַלץ איבערלאָזן פֿאַר מיינע תּלמוד־תּורה־יינגלעך.

אינגרעאַמתּן, צו וואָס קאָן אייך טויגן מיין וואָרט, אַז איר פֿאַרמאָגט גיין מאָס רייד.

פֿאַרן געזעגענען זיך האָב איך צו אייך איין בקשה, אַזוי ווי איר טוט אַלעמען טובות, טאָ טוט מיר די איין און איינציקע טובה. הערט אויף שרייבן אין יידיש, דאָס וואָלט געווען אייער גרעסטער פֿאַרדינסט פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור.

איך וואָלט נאָך מיט אייך גערעדט און גערעדט, איז האָפּערדל שלי, דאָס פֿערדל מיינס, דרייט מיטן עק, שנאַרעט מיט די נאָזלעכער, טופּעט מיט די פֿיס, עס ציט אים אין וועג אַריין.

יאָ, מ'דאַרף פֿאָרן. אויסער טונעיאַדעווקע און אויסער באַלטונעווא זענען נאָך פֿאַראַן, ברוך השם, אַ סך שטעטלעך און אַ סך שטעט און אויסער רב מענדעלע און רב סענדערל זענען נאָך פֿאַראַן אַ סך פֿאַרשוינען, וואָס זענען ווערט צו באַשריבן ווערן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז וועמען איך וועל נאָר באַגעגענען אין וועג, וועל איך גלייך איבערגעבן אַ גרוס פֿון אייך, און ווי נאָר כ'וועל זיך אַ ביסל אָפּפּאַרטיקן מיט מיינע מעשׂיות און געשיכטעס, וועל איך זיך אַ נעם טאָן צו אַזאַ שיינדל ווי איר און אָנשרייבן וועגן אייך אַ ספֿר כּפֿי איר האָט פֿאַרדינט. זאָל די וועלט וויסן, אַז זינט צעדערבוימס זענען געוואַקסן, איז נאָך אַזאַ צעדערבוים ווי איר נישט אויסגעוואַקסן.

הקטן מענדעלע

*   *

*

ווען מענדעלע פֿון טונעיאַדעווקע האָט איבערגעריסן זיין בריוו אויסטויש מיט סענדערן פֿון באַלטונעווא, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן בריוו פֿון אַלע זייטן:

— רב מענדעלע, לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן און שרייבט ווייטער. אייערע נישט געדרוקטע בריוו האָבן אונדז פאַרשאַפן פיל פאַרגעניגן.

— איי, רב מענדעלע, איי האָט איר אריינגעציטבלט, איי האָט איר אריינגעזאָגט, געזונט זאָלט איר זיין און קיינמאָל נישט וויסן פון קיין צער.

הלוואי — האָט מענדעלע וואַרעם זיך געזעגנט מיט די לייענער פון זיינע נישט געדרוקטע בריוו — הלוואי זאָלן מיר אלע מער נישט וויסן פון קיין צער, ס'זאָל אינזינען זיין לייענען בריוולעך און שרייבן בריוולעך.

שרייבט, מיינע טייערע לייענער! שרייבט אויס אלץ, וואָס עס טוט זיך ביי אייך אויפן האַרצן. נישקשה, פאַר מיר האָט איר זיך נישט וואָס צו שעמען.

שרייבט פשוט: מענדעליו מוכר־ספרים, גאָספּאָדינו מענדעליו באַדאַרף מען נישט.

למד־וואָווניקעס

די וואסערן פון טעטערעוו האָבן אָפּגעפרישט מענדעלעס שלאַנקן, פאַרברוינטן בראָנזענעם קערפּער, אים צוגעגעבן כוחות איבערטראָגן און אויסהאַלטן די אַלע שיינקייטן, וואָס האָבן זיך ארויפגעוואַלגערט אויף אים אָט דאָ פון אלע זייטן.

זיין פּנים איז געווען געווענדעט צו מזרח און זיינע הענט אויסגעשטרעקט צו דער אויפגייענדיקער זון ווי ביים תפילה טאָן, ווי ביים בעטן זיך ביי איר, זי זאָל אלע וועגן זיינע באַשיינען.

די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון טוקן זיך אין די קרישטאָללויטערע וואסערן פון טעטערעוו, אז זיי זאָלן נישט פארשרפעט ווערן אין ברען פון שטייגן איבער די הויכן פון הימל.

דער טעטערעוו ווערט באַשאָטן און באַלייגט מיט פינקלדיקע גילדענע פּליטערלעך.

גישט ווייט פונדאַנענט פעלדער געשפּרענקלט מיט בליענדער רעטושקע ווייס ווי שניי.

זאַנגען פון ווייץ, פון גערשטן, פון האָבער און קאָרן בייגן זיך איינער פארן צווייטן, גריסן זיך און נעמען זיך איבער מיט די שווערע פולע קערנער זייערע.

סטערטעס היי — שמעקנדיקע בערג און בערגלעך.

ארום און ארום זשיטאָמירער וועלדער.

די ריחות פון סאָסנעס מישן זיך אוים מיט דער פרישקייט פון פאַרטאָג, מיט דער פרישקייט פון טעטערעוו, מיט די ריחות פון געווירצן און קרייטעכצער, מיטן רויך פון די קוימענס.

מענדעלע קוויקט זיך — אַ מחיה! אַ מחיה!

דאָס אויג באַווייזט זיך נישט אָנצוקוקן, און די נעזלעכער אָנצואָטעמען און די אויערן צעעפענען זיך אלץ ברייטער און ברייטער.

אַ הוידעריי, אַ סווישטשעריי, אַ צוויטשעריי, אַ שורשעריי און מורמלע־דיי, אַלץ זינגט און צוזאַמען מיטן אַרום זינגט מענדעלע זיין ברכי נפשי — לויב מיין זעל, זינג מיין זעל א געזאַנג, דאָס געזאַנג פון דער וועלט, וואָס וויים נישט פון מפסיק זיין, פון אויפהערן, פון אָפּשטעלן זיך און איבער־געריסן ווערן.

פון מזרח קערט זיך אוים מענדעלע צום מערב און א נייער וווּנדער אנטפּלעקט זיך פאר אים.

אויף אַ הויכן פעלז אָדם־נאַקעט זיצט א גרויער מאַן מיט א לאַנ־גער ברייטער ווייסער באָרד, מיט א גערדיכט באוואקסענעם קאָפּ. א ברייטער שטערן, טיף צעעפנטע, זולל־וסובאדיקע אויגן, וואָס קאָנען זיך נישט זעטיקן, מיט אייביק פארשמאַכטע ליפּן, וואָס קאָנען קיינמאָל נישט שטילן זייער דורשט.

חיים־זעליק סלאָנימסקי!

יאָ, דאָס איז ער!

מענדעלע נעמט נישט אראָפּ זיינע אויגן פון אים און דערזעט אַלע ווײַלע אינעם לעבעדיקן דענקמאָל אן אנדער געשטאַלט.

אָט דוכט זיך אים, אז ער זעט פאר זיך משהן. ער זעט די צוויי שטראַלן, מיט וועלכע די זון האָט אים באשאָנקען, די צוויי שטראַלן, וואָס שיינען ארוים פון זיין פּנים, פון זיינע אויגן, פון זיין קאָפּ.

ניין, ס'איז גאָרנישט משה, ס'איז גאָר ירמיהו....

דער נביא ירמיהו האָט פון ווייטיק די קליידער צעריסן אויף זיך און נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים געבוירן איז ער צוגעשמידט צו פעלדז, ווי צוגעשמידט ער איז צום אומגליק פונעם חרוב געוואָרענעם לאַנד און חרוב געוואָרענעם פאָלק.

— איכה? — ווי אזוי? ווי אזוי איז דאָס געשען?

אַ רגע שפּעטער — און מענדעלע דערזעט אויפן פעלדז אייגעם פון די אַלטע יידישע געלערנטע, וואָס פרוווט דורך מאַטעמאַטישע אויסרעכענונ־גען און געאָמעטרישע צייכענונגען פאַרהיטן דעם אָנדענק פונעם חרוב גע־וואָרענעם בית־המקדש.

אזוי האָט באַהאַרפט אויסזען דער געלערנטער שמואל פון נהרדעאָ, וואָס איז געווען געניט אין די וועגן און שטעגן פון די הימלען, ווי די גאַסן און געסלעך פון זיין שטאָט.

און אָט גאָר דאַרווין. דאַרווין אויף א פעלדז, דאַרווין ביים טעטערעוו...

פּלוצעם לאָזט זיך הערן א קול פונעם לעבעדיקן דענקמאָל:

— מענדעלע! מענדעלע!

עס געדויערט נישט לאַנג און מענדעלע, דער צווייטער סלאָנימסקי, ווי מ'רופט אים אין זשיטאָמיר, וואַקסט אויס אויפן הויכן פעלדז נעבן זיין גרויסן פריינד, וואָס האָט קיין אַנדער נאָמען, ווי דער יידישער הומ־באָלדט.

*

*　*

„דער יידישער הומבאָלדט" האָט געהאַט גאָר אַ סך נעמען. מ'האָט אים אויך גערופן „דער ייִד, וואָס האָט קיין צייט נישט", קיין צייט איז נישטאָ — האָט ער שטענדיק דערווייזן — ווייל די צייט שטייט נישט.

ווען ער איז דערגאַנגען צום שכל און דערפונדן ווי אויף איין דראָט געבן איינצייטיק פיר טעלעגראַמעס, האָט מען אים גענומען רופן דער „הענ־דוס פענדוס", דער „וויעכאיו וויעכייטע".

פאַרטאָג ביים טעמטערעוו אויפן הויכן פעלדז איז דער אומרואיקער סלאָנימסקי רואיק געווען, צייט געהאַט.

צוזאַמען מיט דער ערד דער געוויינערין, מיטן לויטערן הימל און מיט דער אויפגייענדיקער זון האָט ער אָנגעקוואָלן פונעם ניי געבוירענעם פרימאָרגן, ווי ער זאָל דער ערשטער אָדער בעסטער פרימאָרגן זיין אויף דער וועלט.

דער לייִדנשאַפטלעכער פּאָלעמיסט, וועמען ס'איז נישט נמאס גע־וואָרן אין משך פון 30 יאָר שטרייטן ארום דער אנטשטייונג פון דער יידי־שער יאָר־ציילונג, האָט אין דער שטילקייט פון אויפגייענדיקן פרימאָרגן געלאָזט אין אַ זייט אַלע ציפערן, צאָלן און אויסרעכענונגען, קיין איינמאָל זיך נישט אויפגערעגט און קיין איינמאָל נישט אויסגעשריגן ווי דער שטייגער זיינער איז — „איך פאַרשטיי פיזיק, אָבער נישט מעטאַפיזיק".

ביידע פריינד, דער „יידישער הומבאָלדט" און דער „צווייטער סלאָ־נימסקי", האָבן פאַרן יונגן פרימאָרגן דערציילט זייער יוגנט, זייער גאַנג צו די שטערן, זייערע מזלות.

יעדער איינער האָט זיין שטערן און יעדער איינער האָט זיין באַזונ־דער וועג צום שטערן.

...ווילנע. אַ קאַלטע ווינטער־נאַכט אין ישיבה.

פאַרן ישיבה־בחור שלום־יאַנקעוו סטייעט נישט קיין אָרט, סטייעט נישט קיין הוילע האַרטע באַנק אויף זיך אויסציען און אונטערשפּאַרן

דעם קאָפּ אויף א פּויסט. ער קאָרטשעט זיך אין דרייען ביי דעם קאַלטן פענצטער.

דער ווינט שנייִדט ווי אַ מעסער און די שטערן ווינקען, רופן און לאָזן גישט צומאַכן מיט קיין אויג.

שלום־יאַנקעוו שפּרינגט אַפּ פון פענצטער, צינדט אָן אַ חלבן ליכט, נעמט ארויס פון דער באהעלטעניש דעם „טריף פּסול" און פראוועט הצות, ער דערלערנט די גאַטור, ער דערלערנט דעם גאַנג פון די שטערן.

אַן ענלעכן עפּיזאָד דערציילט סלאָנימסקי. סלאָנימסקיס שטים ציטערט —

— איך, איר און אזעלכע ווי מיר, האָבן נישט געהאַט קיין משהן, וואָס זאָל צו אונדז אראָפּגידערן פון בארג סיני און אונטערטראָגן אַ גרייטע תורה.

יעדער איינער פון אונדז האָט פאר זיך אַליין געדאַרפט ווערן א משה...

אין פינצטערע נעכט אָן איין שטערן, אין שלאָקס־רעגנס, אין שטורעמס, אין דונערן און אין בליצן האָבן מיר געדאַרפט קלעטערן אויפן הויכן בארג און אַליין, אַליין דערגיין, אַליין דערגרייכן.

און האָבן מיר שוין דערגרייכט, האָט מען אונדז אינערגעץ נישט צוגעלאָזן און אונדזערע געמענער זענען געבליבן אומבאַקאַנט.

דאָס איינציקע, וואָס האָט אונדז אונטערגעהאַלטן איז האָס, וואָס שטערן אָן אַ נאָמען, זענען אַלצייִנס שטערן.

אויב צווישן אונדז האָבן זיך געפונען קאָלומבוסעס פון שוין לאַנג אנטדעקטע אמעריקעס, האָט מען זיי דורך דעם נישט ווייניקער באוואונדערט, ווי מיר באוואונדערן די זון פון הייִנטיקן פרימאָרגן, כאָטש זי איז שוין אזוי אויפגעגאַנגען נעכטן און אייערנעכטן, פאַריאָרן און מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

מענדעלע דערמאָנט סלאָנימסקען, אז די געדאַנקען, וואָס ער האָט דאָ ערשט ארויסגעזאָגט, האָבן די רוסישע געלערנטע געזאָגט וועגן אים סלאָנימסקען אין 1844 יאָר, ווען ער האָט באקומען די אַקאַדעמיע־פּרעמיע פאר דערפינדן א רעכענונגס־מאַשין.

די דערפינדונג — האָבן זיי אונטערגעשטראָכן — לאָזט זיך מאַטעמאַטיש אויסרעכענען, דער דערפינדער איז אומבאַגרייפלעך.

ווערן א געלערנטער, ווען אלע וועגן זענען אָפּגעשניטן און אלע טירן פארמאכט, איז מער ווי לעגענדאר.

מענדעלע דערמאָנט דעם 1858־טן יאָר, ווען דער באַוווּסטער דריי־
מישישער געלערנטער אַלעקסאַנדער הומבאָלדט האָט נישט געוווּסט, וואָס
צו טאָן מיט סלאָנימסקין, אים פאַרגעשטעלט פאַרן פּרייסישן קעניג, פאַר
די אָנגעזעענסטע געלערנטע פון זיין צייט.

מענדעלע לאָזט נישט דורך קיין איין עפּיזאָד, קיין איין דעטאַל.

און סלאָנימסקי לאַכט:

— איר דערציילט אַזוי לעבעדיק, אַזוי וואָרהאַפטיק, אַז מיר אַליין
הייבט זיך אָן דוכטן, אַז איר זענט בייגעווען ביי דעם אַלעמען.

סלאָנימסקי און מענדעלע נידערן אַראָפּ פון פעלדז, נעמען אויף גיך
זיך אָנטאָן, און זעצן פאָר זייער געשפּרעך.

...די לאָדנס זענען פאַרמאַכט, שטאַרק פינצטער אין בערדיטשעוו,
מען איז פאַרזונקען אין שלאָף מ׳האַלט אין איין חלומען וועגן נישט
געשטויגן און נישט געפלויגן.

נישט בעסער איז אין זשיטאָמיר, אין דער צווייטער „ספּאַלניע“.

„די לאַמטערנס אין די גאַסן ברענען ווי גוטע נאַכטלעמפּ, טונקל,
פינצטערלעך, נישט קאַליע צו מאַכן, חלילה, די ראיה און נישט צו
שטערן עמעצן צו פאַלן, אויסציען זיך אויפן טראָטואַר און אויסקנאַקן
אַ ביסל די ביינער“.

און אָט די שטאַרק פינצטערע נעכט איבער די טיפע בלאָטעס ביז
איבערן האַלדז, איז מענדעלע, מיטן לאַמטערנדל אין האַנט אַרומגע־
קראָכן און דערקוויקט די פאַרהוישכטע און פאַרפינצטערטע מיט אַ טראָפּן
שיין, מיט אַ ליכטיקן שטראַל.

— שטייט אויף! שטייט אויף! — האָט ער געוועקט — שטייט אויף!
שוין צייט זיך אַליין פאַרשטיין און באַנעמען אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום
אייך!

גיכער! גיכער! דאָס לעבן לויפט, דאָס לעבן איילט, דאָס לעבן שטייט
נישט אויף איין אָרט.

דער עולם שלאָפט, און מענדעלע רייסט די לאָדנס און צעעפנט ברייט
די פענצטער אין דער וועלט אַריין!

ער צעעפנט ברייט די טירן פון זיין הויז, און ווער נאָר ס׳איז בשלום
איבערגעטראָטן די שוועל זיינע, דער איז בשלום פון דאָרט נישט אַרויס...

ישיבה־בחורים זענען משכילים געוואָרן און משכילים האָבן איבער
גאָר דער וועלט שטודירן זיך געלאָזט.

צענדליקער דאָקטוירים, אינזשעניערן, יוריסטן, פֿאָרשער און געלערנטע האָבן מיט שטאָלץ זיך אָנגערופֿן מענדעליסטן, אלס דאַנקבארקייט צו מענדעלען, וואָס האָט זיי ארויפֿגעפֿירט אויפֿן ריכטיקן וועג.

דער אומלעגאלער חדר מיוחד, וואָס מענדעלע האָט אין בערדיטשעוו אויסגעטיילט ביי זיך אין שטוב פֿאַר די „טריף פּסולניקעס“, האָט ביי די משכילים געהייסן די שטוב פֿון שיין, און ביי די פֿרומע נאכטוועכטער האָט ער קיין אנדער נאָמען נישט געהאט, ווי די שטוב פֿון טומאה, פֿון עבודה זרה.

מענדעלע דערמאָנט מיט ליבע די בחורים, וואָס האָבן באזוכט זיין אונטערערדישן אפּיקורסים־צימער.

נישט איינעם האָט מען געפּאקט, נישט איינער האָט מער נישט געוואגט צו גיין, נאָר אַלע טאָג זענען צוגעקומען אַלץ נייע און נייע.

מענדעלע האָט פֿאנאנדערגעטיילט די „קראמאָלע“. צום ערשטן סאָרט קראמאָלע זענען אויך פֿאררעכנט געווען סלאָנימסקיס ביכער וועגן מאטעמאטיק און אַסטראָנאָמיע.

וואָס טראכט זיך עפּעס סלאָנימסקי?! — האָבן זיך געבייזערט די באַרדיטשעווער יידן — ער האָט עפּעס ארייננעלייגט אין גאָטס־געשעפֿט, וואָס ער ציילט און רעכנט?

וואָס איז זיינע דאַגות קריכן צו שטערן, זיי האָבן א באלעבאָס איבער זיך, גאָט האָט זיי באַשאַפֿן, איז זאָל ער זיי ציילן און זאָל ער מיט זיי טאָן וואָס ער וויל.

דערמאָנונגען און דערמאָנונגען, איין קאָמישער עפּיזאָד נאָכן צווייטן.

...שבת, דער עולם איז געשמאק געשלאָפֿן נאָך וואַרמעס. דוכט זיך קיין איין לעבעדיקער נפש איז נישט געווען אין גאַס, און מ'האָט אים געפּאקט, דעם הויכן סוכאָטשע־בחור, מיט אייער ספר „יסודי חכמת השעור“, געפּאקט גייענדיק פֿון מיין שטוב.

גאָטס וועכטער, וואָס שלאָפֿן נישט און דרימלען נישט, האָבן אויפֿגעהויבן אן אַליאַרעם, והעיר באַרדיטשעוו נבוכה — בערדיטשעוו איז אויפֿגערודערט געוואָרן, אן איינגעלויף ווי אויף אַ שׂרפֿה...

קללות זענען געפֿלויגן איבער אונדזערע בייזגס קעפּ, און ווען א טויזנט חלק וואָלט אָנגעגאַנגען אויף אונדזערע שׂונאים, וואָלטן מיר קיין שׂונאים נישט געהאט.

אַ רעש אַ געפּילדער:

— אָט, וואָס פֿאַרא קאַשע דער מענדעלע האָט עס פֿאַרקאָכט אין זיין פּענדרעלע, אָט צו וואָס עס דערהגייט שוין!...

אַ קללה און א פּירוש, א פּירוש און אַ קללה, נישט אומזיסט איז זיין פֿאַמיליע סלאָנימסקי, נישט אומזיסט זענען אין דער פֿאַמיליע אַלע אותיות פֿון סמאל, אלע אותיות פֿונעם סם, קלאָר, ער האָט צו טאָן מיטן סמאל, ער איז פֿון זיינע לייט און טראָגט מיט זיך סם אויף אָפּסמען אונדזערע קינדער.

דער הויכער סוכאָטע־בחור פֿאַרעקשפּערט זיך, ס'איז נישט קיין לעסטערונגס־בוך, ס'איז נישט קיין ספר קעגן גאָט און קעגן זיין וועלט־באַשאַף, חס וחלילה, פֿאַרקערט ס'איז א ספר, וואָס העלפֿט גאָר טיפֿער פֿאַרשטיין די חשבונות, אויסרעכענונגען און אויסמעסטונגען, וואָס זענען אויך פֿאַראַן אין דער גמרא.

— רשע! — האָט מען שיעור נישט פֿאַרשטיינערט דעם הויכן סוכאָטע־בחור. — א שיינעם פּנים וואָלט עס געהאַט, ווען סלאָנימסקים טריף פּסול וואָלט בעסער געהאָלפֿן פֿאַרשטיין א בלאַט גמרא!

און דער „זינדיקער" האַלט זיך אין איין פֿאַרענטפֿערן, סלאָנימסקיס ספר דערהווייזט, אז צוויי מאָל צוויי איז פֿיר, איז דאָס נישט ריכטיק? איז דאָס קעגן גאָט?

— יאָ! נישט ריכטיק! יאָ! קעגן גאָט!

סלאָנימסקי מיט מענדעלען פֿאַרלאָזן דעם טעטערעוו און גייען אין שטאָט אריין.

די שווערע דערמאָנונגען דעריאָגן זיי איבער די גאַסן פֿון זשיטאָמיר, מענדעלעם הענגט שלאָגן זיי אומרואיק אָפּ.

אין זשיטאָמיר איז מען געווען געווינט צו מענדעלעס אומרואיקע הענט.

מענדעלעס הענט זענען אומרואיק און נעמען אָנטייל אין יעדן געשפּרעך דערפֿאַר, ווייל אומרואיק איז זיין האַרץ, ווייל אומרואיק זענען זיינע בלוטן, ווייל אומרואיק איז יעדעס וואָרט זיינס.

יאָ, שווער איז געווען דער וועג פֿון די, וואָס זענען געגאַנגען צו דער וויסנשאַפֿט און נישט גרינגער איז געווען דער וועג פֿון די, וואָס האָבן זי געטראָגן און געבראַכט צווישן די מאַסן.

מענדעלע דערציילט די געשיכטע פֿון זיין „נאַטור־געשיכטע", פֿון זיין „תולדות הטבע".

איך האָב געוואָלט דערנעענטערן מיינע ברידער צו דער נאַטור, פון וועלכער זיי זענען דערווייטערט און אָפּגעפרעמדט געוואָרן און איך האָב צו זיי אזוי געזאָגט:

ווילט איר וויסן פונוואנען איר שטאַמט, ווער איר זענט און וווהין איר גייט, איז דערלערנט און באַקענט זיך מיט דער וועלט, וואָס ארום אייך.

איך הייב אָן איבערזעצן לעצטנס נאַטור-געשיכטע און דערפיל גלייך, אַז טאָמער מיש איך זיך נישט אַריין און אַרבעט זי נישט איבער אויף מיין אופן, וועט זיך גאָרנישט באַקומען, וועט דער עולם גאָרנישט פארשטיין.

און גוט, וואָס איך האָב אזוי געטאָן...

גוטע עברי באַדאַרף נאָך האָבן גוטע אילוסטראַציעס און אויף גוטע אילוסטראַציעס באַדאַרף מען גוטע געלט און איך פאַרמאָג בלויז 300 רובל. פאר אזא סומע וואָלטן זיך באַקומען אזעלכע באַשעפעניש, וואָס אונטער יעדן איינעם פון זיי וואָלט מען באַדאַרפט אונטערשרייבן — דאָס איז א פויגל און נישט קיין קאַץ.

די בעסטע אילוסטראַציעס מאַכט מען אין לייפּציג און אין לייפּציג דארף עס קאָסטן 1.500 רובל.

אזא סומע געלט איז אוממעגלעך געווען צו באַקומען, אָבער נאָך אוממעגלעכער איז פאר מיר דאַן געווען ארויסלאָזן די נאַטור-געשיכטע מיט גרויע פאַרבגלאָזע אילוסטראַציעס.

אַ מיאוסע אילוסטראַציע פאַרמיאוסט דעם שענסטן פויגל און זיי קאָן עס געדאַכט זיין, ווען איך גיי וועקן שיינקייט ביים פאָלק.

איך ריזיקיר און נעם אויף זיך אויסצאָלן די 1.500 רובל פון די עקזעמפּליארן, וואָס איך אליין וועל פאַנאַנדערטראָגן פון שטוב צו שטוב.

מענדעלע ווערט פארוואַנדלט אין א מוכר-ספרים.

סלאָנימסקין דוכט זיך, אז ער זעט ווי מענדעלע איז באַהאָנגען פון קאָפּ ביז די פיס מיט זיין „נאַטור-געשיכטע“.

— איך רעד וועגן גאָטס שיינער וועלט מיט אַלע זיינע באַשעפעניש ווי אין „ברכי נפשי“ שטייט געשריבן, און ער, דער גביר, זעט די גאַנצע וועלט דורך דער שיסל, די שיסל איז זיין ברכי נפשי....

ער שלינגט הייסע לאָקשן און שטיקט זיך מיט אָפּגעבריטע ווערטער:

— יונגערמאַן, ביז עס וועט זיך אייך איינגעבן פון אייערע פייגעלעך אמאָל א פויגל עסן, וועט אייך אויסקומען נישט איין פאָר אָקסן אויפעסן

פּאַפּירענע פויגל זענען נישט קיין פויגלען און נישט קיין פיש, זיי זענען נישט פליישיק און נישט מילכיק.

פּאַפּירענע פויגלען זענען צאַצקעס און איך שפּיל זיך שוין לאַנג נישט מיט קיין צאַצקעס, גייט אייך געזונטערהייט און לאָזט הנאה האָבן פון א הייסן לאָקש.

— עפּעס איז דאָ ביי אייך אין אייערע ספרים, ווי להבדיל ביי נחן אין קאַסטן, די אומריינע מיט די ריינע פויגלען צוזאַמען, כאַפּט זיך פאַר באָרד און פּאות א צווייטער קונה. נאָר ווי קומט איר צו נחן, נח איז געוועזן א צדיק.

נח האָט גענומען פון די ריינע כשרע פייגעלעך צו זיבן פּאָר און פון די אומריינע בלויז צו צוויי פּאָר.

און ביי אייך, זאָל מען גאָר באַהיט און באַוואָרנט ווערן, אויף הונדערט אומריינע פויגלען אפשר איין פּאָר פונעם ריינעם כשרן מין פויגל.

אַקיש! אַקיש! — האָט דער ייד מיט דער באָרד און פּאות זיך צעפאָכעט מיט די הענט און גענומען טרייבן די פויגלען צוזאַמען מיט זייער באַלעבאָס...

א משכיל מיט א קיילעכדיק אונטערגעשוירן בערדל, מיט א סימן פון פּאות, מיט פּענסנע און אן אראָפּהענגענדיקן שוואַרצן שנור האָט געבלעטערט די ביכער און זיך געדונגען, אָט, אָט און מ׳זעט זיך מיט א פריש קערבל.

פּלוצים האָט דער משכיל דערקענט דעם פויגל וועמענס אור־אור עלטערן האָבן פייער געטראָגן אין זייערע שנאָבלען אויף אונטערצינדן דעם בית־המקדש און ער האָט זיך צעשריגן נישט מיט זיין קול.

— וואָס מיינט איר זיך, אַז עס ציט מיר צו דער השכלה, צו דער „בת אלהים“ — צו גאָטס טאָכטער — האָב איך צוליב דער טאָכטער פארגעסן אין דעם טאַטן גאָט? האָב איך פארגעסן אינעם חורבן פונעם בית המקדש? בין איך געוואָרן אויס ייד?!

נישט דערלעבן וועלן עם אייערע פויגלען און אוודאי און אוודאי נישט דער פויגל דער רשע, דער פויגל דער אונטערצינדער, איך זאָל קויפן אזעלכע ביכער, זוכט זיך אנדערע קונים.

חיים זעליק סלאָנימסקי לאַכט, לאַכט הילכיק, ווי ער זאָל וועלן מיט זיין געלעכטער אָנשטעקן אלע זשיטאָמירער גאַסן, אלע זשיטאָמירער איינוווינער.

סלאָגימסקים אויגן ווערן פייכטלעך. עס רינט אראָפּ פון זיי א טרער און ס'איז שווער צו זאָגן פונוואַנען זי קומט, צי פונעם געלעכטער, צי פון מענדעלעס שווערע דערמאָנונגען, וואָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט זיינע אייגענע איבערלעבונגען.

מענדעלע שטייט ווידער אויסגעגלייכט, ווידער מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. ער זוכט מער קיין קונים. אים פאַרבייט סלאָגימסקי, וואָס פאַרגלייכט זיך צו אַ קאַטערינשטשיק מיט אַ פּאַפּוגיי.

דער קאַטערינשטשיק גייט פון הויף צו הויף, זיין קאַטערינקע קאַטערינקעט, דער פּאַפּוגיי זאָגט נאָך ווי א פּאָפּוגיי, קיינער קוקט זיך נישט אום און ווי על פי נס פאַלט אַמאָל פונערגעץ ווו אראָפּ א גראָשן.

איך בין נאָך דאַן א יונגערמאַן געווען — קלינגט סלאָגימסקים שטים טרויעריק, ווי ביים אָנהייב מיט א ויהי, מיט א שווערן ויהי... — איך האָב אָנגעשריבן מיין ערשט אסטראָנאָמיש ווערק וועגן קאָמעטן „כוכבא דשביט" און בין געקומען קיין ווילנע קלייבן „פרענומעראַטן"־געלט.

אַ ייִד אַ למדן קוקט אריין אין מיין חבור, באַטראַכט מיר פון קאָפּ ביז די פיס ווי א פארפאַלענעם, וועמען קיין דאָקטער און קיין טאַטער וועלן שוין נישט העלפן. איר קאָנט, איר קאָנט — זאָגט ער מיט א זיפץ — אלץ קאָנט איר, נאָר קיין איין זאַך קאָנט איר נישט, איר קאָנט קיין שבת נישט מאכן...

איר געהערט צו יענע לייט וועגן וועמען אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „יודעין לשער כמה טפות יש בים ואין להם פת לאכול ולא בגד ללבוש" — זיי קאָנען אויסרעכענען וויפל טראָפּנס זענען דאָ אין ים און זיי האָבן קיין ברויט אויף צו עסן און א קלייד אויף אָנצוטאָן.

נעבעך! נעבעך!

א ייִד א גביר נאָך א פעטן וואַרעמס עצהט מיר בעסער ציילן געלט ווי ציילן די שטערן, ווייל ציילן די שטערן איז אַלצאיינס ווי ציילן זעמדעלעך ביים ברעג פונעם ים.

א משכיל איז צוגעזאָדן געוואָרן צו מיין ספר און האָט מיר באַשאָטן מיט שבחים — וווּנדער איבער ווונדער, רזין הרזין, איין סוד אין גרעסער פונעם צווייטן, אַן אַנטיק שבאַנטיק, א צימעס אַ געפילטע העלדזל. נאָר גיי, טו, מאַך, אז ער איז אַן איידעם אויף קעסט און האָט נישט קיין צעבראָכענעם גראָשן ביי דער נשמה.

סלאָגימסקי און מענדעלע באַווייזן זיך נישט אָפּצורוען פון די שווערע דערמאָנונגען, ווי אַנטקעגן קומט אָן אַ נאַכט־וועכטער מיט אַ חבור

מענדעלע אין יאָר 1884

אין האנט, דער נאכט־וועכטער האָט זיך נישט געלייגט שלאָפן און היפּשע עטלעכע שעה דורכאנאנד אָט דאָ אָפּגעוואַרט אויף סלאָנימסקין.

אין די לבנה־נעכט האָט דער שומר שכיר, דער באַצאָלטער וועכטער, אויסגערעכנט און צונויפגעשטעלט בחינם, בלויז צוליב דער אייגענער הנאה, אַ לוח אויף 50 יאָר. ווײַל ער, אַז סלאָנימסקי זאָל דורכקוקן אָט דעם 50־יאָריקן לוח און זען, צי האָט ער קיין טעות נישט געהאַט אין די צאָלן, צי האָט ער נישט פאַרהאַלטן איבעריק די וואָך און פאַר דער צייט אַראָפּגעבראַכט דעם יום־טוב.

סלאָנימסקי מיט מענדעלען קוקן זיך איבער און זייערע אויגן פינקלען — סאַראַ ליכטיקע גייסטער עס באַגעגענען זיך אויפן וועג צו די שטערן.

סלאָנימסקי איז נאָך נישט געקומען צו זיך פון דער באַגעגעניש מיטן נאַכט־וועכטער, מענדעלע שטעלט פאַר אים פאָר דעם קאַפּולעראייננבינדער.

אַ קליין אויסגעדאַרט און אויסגעדייוועט ייִדל, א פולע שטוב מיט דלות און מיט קינדער. און שטעלט זיך פאָר, אַז די גרעסטע צרה פון אַלע צרות ביי אָט דעם קאַפּולער אייננבינדער באַשטייט אין דעם, וואָס די לבנה איז צעשטשערבעט, וואָס זי איז קלענער פון דער זון און קאַלט ווי אַ שטיק אייז.

יעדן חודש ביים מחדש זיין די לבנה פאַרגיסט ער טייכן טרערן, וויינט הויך אויף אַ קול, אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען און פאַרהיילן די וווּנד פון דער לבנה, זי אויסגלייכן מיט דער זון, ווייל צו פינצטער איז די וועלט, אז איין זון זאָל זי קאָנען באַשיינען, אַז איין זון זאָל זי קאָנען דערוואַרעמען.

מענדעלען קומט אויפן זינען א צווייטער, אַ הריטער, אַ פערטער, א פינפטער, אַ צענטער, און איידער ער באַשטימט פון וועמען פריער אָנהייבן, דערציילט שוין סלאָנימסקי.

ווילנע. יאָ, דאָס איז געווען פונקט דאַן, ווען איך בין געקומען קיין ווילנע קלייבן „פּרענומעראַטן“ אויף מיין ערשטן אסטראָנאָמישן חבור וועגן קאָמעטן, אויף מיין ספר „כוכבא דשביט“.

אַ וויסטער פינצטערער טאָג, מ׳האָט מיך אומעטום אָנגעקוקט ווי א משוגענעם און קיינער האָט מיט מיר קיין וואָרט נישט געוואָלט אויסרעדן.

אַ מידער און צעבראָכענער האָב איך זיך צו אָוונט צו דערשלעפּט ערגעץ אין אַן אָרעמען שענקל.

איך האָב באַשטעלט בראָנפן און צובייסעכץ.

— האָט קיין מורא — האָב איך געטרייסט דעם שענקער — טאָמער וועט ביי מיר נישט סטייען קיין געלט אויף צו באַצאָלן וועל איך פאַרזעצן ביי אייך מיין אסטראָנאָמישן חבור, נישקשה, ער איז ווערט דאָס געלט, וואָס עס קאָסט אַ ביסל בראָנפן.

ביי דער הרובע נישט ווייט פון מיין טישל האָט זיך געוואַרעמט אַ ייד מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, מיט אַ ברייטן שטערן און מיט פינקלדיקע אויגן, אָנגעטאָן קרוע־בלוא ארומגערינגלט מיט אַ שטריק ארום די לענדן.

ווען אָט דער ייד האָט דערהערט וועגן אסטראָנאָמישן חבור, וועלכן איך בין גרייט פאַרמשכונען, האָט ער אויפגעציטערט, זיך א ריס געגעבן פון אָרט און איז גלייך אויסגעוואַקסן נעבן מיר.

— ביטע — האָב איך אים איינגעלאַדן — זעצט אייך, וועלן מיר באַלד מאַכן אַ לחיים.

— א דאַנק — האָט מיר דער אומבאַקאַנטער פאַרשוין אָפּגעענטפערט מיט אַ מילדער צאַרטער שטים, קיין בראָנפן טרינק איך נישט, מיך אינטערעסירט אַ קוק טאָן אין אייער חבור...

— וואָס? מיין חבור? — האָב איך אויסגעשאָסן אַ הילכיקן געלעכטער, — ס'איז נישט פאַר אייך, ס'איז נישט קיין מעשה וועגן א גראַף מיט אַ גראַפיניע, וועגן אַ בעטלער, וואָס איז אַן עושר געוואָרן, ס'איז א חבור, וואָס האָט צו טאָן מיט הויכע מאַטעריעס, מיט אסטראָנאָמיע, איר וועט אין דעם גאָרנישט פאַרשטיין.

— דאָס וועלן מיר זען, — האָט דער אומבאַקאַנטער פאַרשוין אַ זאָג געטאָן מיט אַזאַ איבערציייגנדיקער זיכערקייט, אַז איך האָב אים גלייך דערלאַנגט מיין כתב־יד.

דער ייד האָט זיך איינגעגראָבן מיט זיינע אויגן אינעם חבור און ווען ער האָט אים איבערגעלייענט, האָט ער מיר אויפמערקזאם געמאַכט אויף אַ ריי טעותן, אומפּינקטלעכקייטן און פאָרגעלייגט אַ ריי ענדערונגען און אויסבעסערונגען.

איך פרווו דערווידערן, איך פרווו שטרייטן, אָבער איך כאַפּ זיך גלייך, אַז גערעכט איז ער און נישט איך.

איך וויל אים אַרומנעמען, באַדאַנקען, דערוויסן זיך ווער ער איז גאָר ער איז גלייך ווי א למד־וואָווניק אויסגעטריקנט געוואָרן, געווען און נישטאָ.

מענדעלע קאָן שוין מער נישט גיין, ווי ער איז געגאַנגען, ער קערט זיך אוים אַלע ווײַלע אויף צוריק, פאַרלויפט דעם וועג פאָרוים, אָט דרייט ער זיך אוים רעכטס און אָט לינקס, קוקט זיך אום פון אַלע זייטן ווי ער זאָל איבער די זשיטאָמירער גאַסן זוכן דעם אויסטערלישן אַסטראָנאָם, וועלכן סלאָנימסקי האָט פאַרלוירן פון אויג.

נאָר גיי זוך אַ שטערן, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון הימל און אין איין אָטעם אויסגעבליצט זיין שיין.

מענדעלע כאַפּט זיך אָן אינעם פאָדעם פון דער לעגענדע...

אַ וווּנדערלעכע לעגענדע האָט דאָס פאָלק באַשאַפן, די לעגענדע וועגן למד־וואָווניקעס.

די לעגענדע וועבט זיך און וועבט זיך און גייט איבער פון דור צו דור. יעדער דור, דער סאַמע זינדיקסטער און ערגסטער דור אפילו האָט זיך זיינע למד־וואָווניקעס, זיינע 36 צדיקים, וואָס זעען אַלץ און זיי זעט קיינער.

די גאַנצע וועלט לעבט אין זייער זכות און זיי נעמען פון דער וועלט גאָרנישט מיט גאָרנישט. אַ סקאָרינקע ברויט פון איין ערב שבת ביזן צווייטן איז זיי גענוג. און אָנגעטאָן גייען זיי קרוע־בלוא מיט שטריק פאַרגאַרטלט אויף די לענדן.

ווייל טאָמער דערקענט מען זיי, מאַכט מען זיי פאַר הייליקע, גיט מען זיי אָפּ כבוד און מ׳צעפּויקט, אַז יעדער איינער פון זיי איז אַ „לא קם כמוהו" — איז אַזאַ, וואָס אַזאַ איז נאָך גאָר אויף דער וועלט נישט געווען.

און ווי באַשיידן דער מענטש זאָל נישט זיין, הייבט זיך אים אָן דרייען דער קאָפּ פון כבוד, ער הויבט זיך אָן האַלטן פאַר אַ גאָט, און ווי באַלד אַ גאָט איז דערלאַנג אים קרבנות יעדן טאָג מער און מער.

ס׳אַראַ וווּנדערלעכע לעגענדע, איבערראַשט זיך מענדעלע, אין די לע־גענדע וועבט זיך און וועבט זיך, ציט זיך און ציט זיך...

...האָרט, ווו קיין ליבע איז נישטאָ, קומען זיי די למד־וואָווניקעס פאַרליבטע ביזן טויט און זאָגן נישט, אַז זיי האָבן ליב...

האָרטן ווו קיין גלייבן איז נישטאָ, גלויבן זיי יעדן איינעם, זיי גלויבן, אַז דער מענטש איז שטענדיק בעסער פון זיינע מעשים.

און פֿאַלט עמעצער הייבן זיי אים אויף און קיינער ווייסט ניט, ווער ס'האָט געטראָטעוועט, ווער ס'האָט געהאָלפֿן.

איז פֿינצטער אַרום און אַרום, צעצינדן זיי די הלבֿנה־ליכטלעך און ציען זיך אומבאַמערקט צו דער זון, צו די שטערן!...

וואָס פֿאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט די וועלט, ווי וואָלט אויסגעזען דער דור, ווען ער וואָלט ניט געהאַט זײַנע למד־וואָווניקעס?

— ריכטיק! — איז סלאָנימסקי מסכים ווען ניט זיי, וואָלט דאָס בוך פֿון לעבן קיין שום אינטערעס ניט געהאַט.

ווען איך האָב פֿאַרענטפֿערט הומבאָלדטס הויפּט־ווערק „קאָסמאָס“ האָב איך באַקומען צענדליקער בריוו פֿון ישיבֿה־בחורים, וואָס האָבן ערגעץ־וווּ אויף די בוידעמער אָדער שפּעט בײַנאַכט ערגעץ אין אַ בית־מדרש בײַ אַ הלבֿנה־ליכטל געשטודירט און געלערנט הומבאָלדטס „קאָסמאָס“.

איר, מענדעלע, זענט דאָך עפּעס אַ שרײַבער בײַ ייִדן, איז פֿאַרוואָס זשע אַנטפּלעקט איר זיי ניט, אָט די למד־וואָווניקעס?

איז וואָס זשע טראַכט איר זיך, מענדעלע?

— איך טראַכט, — פֿאַרענטפֿערט זיך מענדעלע, — אַז איר זענט גערעכט! נאָר פֿאַרגעסט ניט, אײַדער מ'פֿירט אַרײַן דעם שבת און יום־טובֿ אין שטוב, האָט מען פֿריער אויס די בלאָטע, רייניקט מען, שאָבט מען, שײַערט מען און מע וואַשט.

— וואָלטן מיר פֿאַרמאָגט אַ טאָג־טעגלעכע פּרעסע, וואָלט איך ניט באַדאַרפֿט אָפּלייגן אַזאַ וויכטיקע אַרבעט אויף שפּעטער. איר וואָלט בײַדע אַרבעטן געקאָנט טאָן אײַנצײַטיק.

— ריכטיק! האָט זיך מענדעלע אָנגעכאַפּט אין דער וויכטיקער פֿראַגע, מיר מוזן האָבן אַ טעגלעכע צײַטונג!

— ווי אַזוי שטעלט איר זיך פֿאָר די צײַטונג, וואָס מיר וואָלטן באַדאַרפֿט אַרויסגעבן?

לאָזט זיך אויס, אַז בײַ מענדעלען איז דאָ אַ גרייטער פּראָגראַם, מיט וועלכן ער טראָגט זיך שוין לאַנג אַרום.

— הויפּט־רעדאַקטאָר.

— סלאָנימסקי, חיים זעליק סלאָנימסקי — שרײַט אויס מענדעלע.

— און געהילף־רעדאַקטאָר?

— מענדעלע! — לאַכט הייליק מענדעלע — קיין בעסערן שני רעדאַקטאָר ווי מענדעלע וועט איר אײַנערגעץ ניט קריגן.

— איך זע שוין, איך זע שוין, לאַכט אויך מיט סלאָנימסקי.

— אָט איז מיין שטוב, איז קומט אַריין צו מיר אין שטוב, — האָט דער געהילף־רעדאַקטאָר איינגעלאַדן דעם הויפּט־רעדאַקטאָר, — לאָמיר דעם יום־טוב דערפילן פריער אין שטוב ביי זיך און דערנאָך וועלן מיר אים מיט פאַראַד אַרויספירן אויפן גאַס.

מענדעלע האָט אין שטוב פאַר סלאָנימסקען אין די אויגן בעל פּה צונויפגעשטעלט אַ צייטונג פון אָנהייב ביזן סוף.

ער לייענט דאָס לייט־אַרטיקל און סלאָנימסקי איז איבעראַשט פון מענדעלעס לייזנשאַפטלעכער שאַרפזיניקער פּובליציסטיק.

סלאָנימסקי וויל עפּעס זאָגן, ער וויל מאַכן אַ באַמערקונג, ער איז דאָך פאָרט דער הויפּט־רעדאַקטאָר, אָבער מענדעלע לאָזט אין גאַנג משונה אַנשטעלערישע קאַרטינקעלעך, וואָס מ'דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן נישט פּלאַצן פון געלעכטער.

אַ בעטלער־פּאַראַד, אַ פאַראַד פון טאָרבעס, בלינדע, טויבע, שטומע, הינקענדיקע, קרומע, לאָמע, הויקערס און גלאַט קאַליקעס.

אָפּגעבריטע און נישט דערבריטע, געקוילעטע און נישט דערקוילעטע, איינגעטונקענע אין יחוס און אויסגעשמירטע איבערן האַלדז אין בלאָטע.

„פּעשע“, „קאַניצע“, מ'רוקט זיך אויף די גאַסלעך, מ'שפּאַנט אויף די הענט און מע גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר שאַצט הויך אָפּ דעם בעטלער־פּאַראַד און פאַרגלייכט דעם מחבר צו דאַרווינען, דער דאַרווין פון קבצנות און קבצנים.

מענדעלע בליצט מיט אַפאָריזמען, מיט גלייכווערטלעך, משלים און רעטענישן. עס זינגען אַרויס פון אים פאַרשיידענע פאָלקס־לידער וועגן פאַרשפּילטער ליבע, וועגן עלנט און נויט.

דער זינגער, דערציילער, נאָכמאַכער און אָפּשפּאָטער וויזט זיך גלייך אַרויס פאַר אַ געלערנטן. ער פילט זיך אין געשיכטע ווי ביי זיך אינדערהיים, רעדט וועגן געלערנטע פון פאַרשיידענע צייטן ווי וועגן זיינע סאַמע נאָענטסטע מיטציַיטלער.

מענדעלע רעדט און רעדט, דערציילט און דערציילט און ס'איז אים עפּעס אַ חידוש, אַלעמאָל ווען ער זעצט זיך אַוועק אין זיין פאָטעל, זעט ער אויס קלענער, ווי איינגעזונקענער, און איצט זעט ער אויס אַ סך העכער.

מענדעלע דערלאַנגט אַ צעטל פֿון כּראָניקעס, און ווען ער פֿאַרענדיקט מיטן מישמאַש פֿון אַלערליי מיני זוכענישן, גייט ער צו צום ביכער־שראַנק זיך באַרימען פֿאַר סלאָנימסקען מיט זײַנע אַנטיקלעך.

מענדעלע שטרעקט אויס זײַן האַנט צום אַנטיקל שעבאַנטיקל און ער שטויסט זיך אָן אויף אַ שמאַטע שבשמאַטע.

וואָס איז דאָס? ווער האָט זיך דאָ געפּאָרעט? ווער האָט דאָ איבערגעשטעלט זײַנע ביכער? מענדעלעס בייזע בליקן לויפֿן אומרואיק אַרום און גלײַך בלײַבן זיי פֿאַרגליווערט. וואָס קומט דאָ פֿאָר? ער דערקענט נישט זײַן קאַבינעט, די ווײַסע ווענט זענען בלוי געוואָרן.

אַ פֿאָטעפּאָלגעסט פֿון אַ יידענע, — פֿאַרקלאָגט מענדעלע זײַן פּאַלינען פֿאַר סלאָנימסקען. פֿאַר די עטלעכע שעה, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט מיט אײַך האָט זי מיך דאָ נאָך שבֿועות אָפּגעראַטעוועט אַן ערבֿ פּסח און געמאַכט די שטוב אַזוי, אַז איך דערקען זי נאָרנישט.

זי פֿאַרגעסט אַפּנים, אַז די הכנסה פֿון מײַן שרײַבערײַ, פֿון מײַנע דערשינענע ווערק קלעקט מיר אַפֿילו נישט אויף קיין דירה־געלט. די ווילנער און וואַרשעווער פֿאַרלעגער האָבן מיך בדיל הדל געמאַכט, באַגזלט אין מיטן העלן טאָג און אויף אַ גנבֿישן אופֿן שטילערהייט איבערגעדרוקט „די טאַקסע“, „די קליאַטשע“ און „דאָס קליינע מענטשעלע“.

וועגן דעם האַרף מען אויך שרײַבן אין אונדזער צײַטונג אומבאַדינגט, מ'דאַרף שרײַען געוואַלד.

נאָר ביז וואָס ווען העלפֿט מיר אויסמוסרן מײַן פּאַלינען, דערקלערט איר, אַז אַ ווײַב פֿון אַ יידישן שרײַבער איז אַ ווײַב פֿון אַ קבצן „פּיערוואַי גילדי“ און אַ קבצן טאָר זיך נישט גלוסטן.

— דער סנהדרין איז גרייט, — האָט זיך סלאָנימסקי צעשמייכלט און מעשה ריכטער רואיק באַדאַכט גענומען גלעטן זײַן לאַנגע ווײַסע באָרד.

מענדעלע האָט מיט אַ שטרענגן מידת־הדין־געשריי גענומען רופֿן פּאַלינען, — אײַ וועט מען דיך צימבלען, אַז דו וועסט פֿאַרזאָגן קינדס קינדער, פּאַלינע, אַהער!

— פּאַלינע גיכער, גיי שטעל זיך פֿאַרן געריכט און גיב אָפּ דײַן חשבון, פּאַלינע! פּאַלינע!

אויף מענדעלעס געשריי האָט זיך באַוויזן אַ שטאַלטנע פֿרוי יום־טובֿדיק פֿאַרפּוצט מיט אַ פֿול־אָנגעלאָדענעם כּיבוד־טאַץ.

— ווער זענט איר? — האָט מענדעלע פאַרוואונדערט זי אָנגעקוקט.

— לאָמיר זיין באַקאַנט, — האָט די שטאַלטנע אומבאַקאַנטע פרוי הילכיק זיך צעלאַכט און אויסגעשטרעקט איר האַנט, — איך בין די באַלעבאָסטע פון שטוב און ווער איר זענט, דאַרפט איר מיר נישט זאָגן.

איך בין גליקלעך און ס'איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד, וואָס צו מיר אין שטוב האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַזעלכע חשובע און טייערע געסט. זייט זיך מכבד און פילט זיך ווי ביי זיך אינדערהיים.

מ'האָט געטרונקען לחיים. די באַלעבאָסטע האָט פייערלעך צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיין די ערשטע, וואָס וועט אויסשרייבן זייער צייטונג.

מ'האָט געטרונקען פאַר דער לייענערין, און זי, די לייענערין, האָט גע־טרונקען פאַר די רעדאַקטאָרן.

מען איז געוואָרן היימיש. מענדעלע האָט דערציילט אַ ריי קאָמישע עפּיזאָדן פון פאַרשיידענע צעטראָגענע בריות און פון זיין אייגענער צע־טראָגנקייט, פאַרטראַכטקייט, פאַרחלומטקייט און פליען אין די הימלען.

אַלע דריי, די באַלעבאָסטע און די אומגעריכטע פאַרבלאָנדזשעטע געסט האָבן הילכיק געלאַכט.

אין דער נאַכט פֿון גלות

דער צוג פֿון זשיטאָמיר קיין פּעטערבורג האָט געדאַרפֿט דורכגיין עלף אינדערפֿרי, און האַלב צען איז שוין מענדעלע געווען אויפֿן וואָקזאַל. ווען נישט פֿאַליגע, די פֿרוי זיינע, וואָלט ער געקומען אַהער, ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג.

אַ וואָקזאַל — האָט מענדעלע געהאַלטן — איז אַן אָפֿענער בוך מיט אַ סך פֿאַרכאַפּנדיקע קאַפּיטלען, וואָס לאָזן זיך הערן און לאָזן זיך זען...

צוגן גייען אַוועק און צוגן קומען אָן, און ווער ווייסט וווהין דער צוג וועט פֿאַרפֿירן? אַ ניי אָרט איז אַ ניי מזל! און ווער ווייסט צי דער נייער וועט זיין בעסער פֿונעם אַלטן? און אפֿשר דערפֿאַר טאַקע פֿילט זיך אָפּט אויפֿן וואָקזאַל אַזאַ אומהיימלעכקייט, עלנטקייט און נאָגעניש אין האַרצן? און אפֿשר דערפֿאַר טאַקע ווערט דער מענטש אויפֿן וואָקזאַל אומרואיקער און צאַרטער און ס׳באַמערקט איינער אינעם צווייטן דאָס, וואָס מ׳האָט ביז אַהער נישט געזען. ס׳איז אַ שאָד זיך צעשיידן און ס׳איז אַ ווייטיק, וואָס מ׳האָט ביז אַהער איינער דעם צווייטן רעכט נישט געקענט...

שפּאַנענדיק הין און צוריק איבער די זאַלן פֿון וואָקזאַל, האָט מענדעלע פֿאַרגעשטעלט פֿאַר פֿאַליען יעדן אַנטקעגן אָנקומענדיקן פּאַסאַזשיר.

— קוק אים אָן אָט דעם בן אדם, קוק אים אָן ווי ער שמייכלט, ווי ער שטעלט פּיס. ס׳איז די זיכערקייט פֿון אַ מענטשן, וואָס ווייסט, אַז ער וועט זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט...

און ווי געפֿעלט דיר אָט דער? די פּיס אַמפּערן זיך ביי אים: זאָגט די רעכטע נישקשה, מען וועט דיך אויפֿנעמען פֿאַר אַ שיינעם גאַסט, קומט די לינקע און זאָגט, אַ נעכטיקער טאָג...

און זי? די יונגע שיינע פֿרוי? זי פֿאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף איר שיינקייט... און אָט דער? — אָט דעם איז שטאַרק ביטער אויפֿן האַר-

מענדעלע און פרוי אין יאָר 1887

צן, דער אומגליק מיט וועלכן ער פאָרט זיך באַגעגענען, ליגט אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים.

זע, זע, קוק אים אָן, פּאָלינע, ווי דאָס סאַקוואָיאַזשל גייט עם אַ טענצל, שפּרינגט פון האַנט צו האַנט אָט ביי דעם בייביקן און פּלייציקן. אַזוי טאַנצן קאָן אַ סאַקוואָיאַזשל, ווען דער באַלעבאָס זיינער איז זיכער, אַז דער גרויסער פּאַרדינסט איז ווי ביי אים אין קעשענע.

און אָט דער, נעבעך, פּאַרציט זיך מיט זיין שטעקן ווי מיט אַ שטריק, ווען ער קאָן וואָלט ער זיך אַליין דערשטיקט...

און אויפן בחור מיטן מיידל איז אַ צער צו קוקן, מ'געזעגנט זיך, מע צעגייט זיך און מ'קומט זיך ווידער צונויף. זיי הייבן גאָרנישט אָן צו וויסן, ווי אַזוי וועלן זיי זיך קאָנען צעשיידן אויף לאַנג.

ס'אַראַ שיינע ברייטע צעעפנטע אויגן ביי אָט דעם בחור! און אַזעלכע אויגן זעט אויס די גאַנצע וועלט העל און קלאָר. איז דען נישט קיין ריס אין האַרצן, אַז ביים ערשטן טראָט אין לעבן, גלייך ביי דער ערשטער סטאַנציע, ווערט ער זיך אַראָפּשלאָגן פון גלייכן וועג, פונעם אָנגעמערקטן מאַרשרוט.

— געוואַלד! — האָט פּאָלינע אַ כאַפּ געטאָן און אָפּגעשלעפּט מענדעלעס אומרואיקע האַנט, — זע, ווי ער לאָזט עס קיינעם נישט דורך, מיר זענען אַ האַנט געאָט באַזאָרגט מיט אייגענע צרות. נו, גענוג שוין!...

* *
*

די צאָל פּאַרעדער און פּריינד פונעם שרייבער, וואָס זענען געקומען אויפן געזעגעניש-פּרישטיק אין רעסטאָראַן-זאַל פון וואָקזאַל איז פון מינוט צו מינוט אַלץ מער געוואַקסן. מענדעלע איז פּאַרשאָטן געוואָרן מיט בלומען. ער האָט איינגעאָטעמט אין זיך דעם ריח פון יעדן בוקעט, צעטרעט באַרירט מיט זיינע דיקלעכע פינגער די בלעטלעך פון די רויזן.

— ווי אַזוי הייסט אָט די בלום אין רוסיש און ווי אַזוי וואָלט מען עס געקאָנט אָנרופן אויף יידיש?

פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן פאַרשיידענע נעמען...

— ניין, עס טויג נישט, עס קלינגט נישט, עס שמעקט נישט!

מענדעלע דערקלערט די סיבות פונעם מאַנגל און וואָרט, פון מאַנגל אינעם נאָמען, ער דערקלערט עס מיט קאַבצאַנסק...

און ווי שטענדיק... ווען ער דערמאָנט זיך און רעדט וועגן קאַבצאַנסק, גייט אַראָפּ דער שמייכל פֿון די ליפּן און אַ טרויער צעגיסט זיך אין זיינע אויגן.

אויף קאַבצאַנסקער מיסטן זענען קיינמאָל קיין בלומען נישט געוואַקסן, און קאַבצאַנסק איז קיינמאָל קיינעם קיין פֿויגל־געזאַנג נישט אָנגעגאַנגען...

און דערפֿאַר טאַקע איז ייִדיש די רייכסטע שפּראַך פֿאַר צרות און אומגליקן, און די אָרעמסטע פֿאַר בלומען און פֿייגלען.

שמעציער פֿון די באַגלייטער האָט פּלוצעם דערמאָנט, אַז ביז אָנקומען פֿונעם דורכגייענדיקן צוג איז געבליבן נישט מער ווי פֿערציק מינוט. אַלע האָבן זיך געכאַפּט פֿאַר די זייגערס — יאָ, שוין צייט!

די פֿאַרשטייענדיקע רייזע איז ווייט נישט געווען קיין לוסט־רייזע... מענדעלע איז געפֿאָרן קיין פּעטערבורג זיך זען מיט זיין קראַנק געוואָרענעם מאַריקען, מיט מאַריקען זיין זון, וואָס הייסט אין פּעטערבורג מיכאַיל.

ער איז געפֿאָרן זיך זען, גיכער זיך געזעגענען מיט מיכאַילן, וואָס האָט געוואַרט אויף זיין שטרענגן אורטייל אַרויסגעשיקט צו ווערן פֿון פּעטערבורג און פֿאַרשיקט ווערן אַהין, ווו אַלע נישט געוווּנטשענע ווערן פֿאַרשיקט.

יעדער איינער פֿון די פֿריינד און פֿאַרערער האָבן געוואָלט מיט וואָס נישט איז בייהילפֿיק זיין און פֿאַרלייכטערן מענדעלעס שווער געמיט.

— ברענגט אייער זון קיין זשיטאָמיר, זשיטאָמירער זון און זשיטאָמירער וועלדער זענען די בעסטע דאָקטוירים.

— קיין בעסערע דאָקטוירים ווי טאַטע־מאַמע, — כאַפּט אונטער אַ צווייטער, — איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. אינדערהיים וועט אייער זון אויף געוויס געזונט ווערן. עסט זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ.

אַ דריטער טראָגט אונטער מענדעלען אַ מיקסטור — דאָס איז אַ רפֿואה פֿון דער שווייץ, זי האָט מיין זון פֿון טויט לעבעדיק געמאַכט. זאָל אייער זון עטלעכע מאָל נעמען די רפֿואה און די קרענק וועט ווי מיט דער האַנט אָפּגענומען ווערן.

— קליינע קינדער — קליינע צרות, גרויסע קינדער — גרויסע צרות. צער גדול בנים! נאָר נישקשה, רב מענדעלע! אייך וועט עס צונוץ קומען: ווען איר וועט וועגן דעם אָנשרייבן, וועלן מיר זיך דערוויסן אַזוינס, וואָס מיר האָבן זיך ביז איצט גאָרנישט געקאָנט פֿאָרשטעלן. ס'איז נישטאָ אַזאַ

בים אין לעבן, וואָס זאָל נישט ברענגען מיט זיך זיין האָניק, פאַרגעסט עמעצער דעם פּאָטער און טרייסט דעם שרייבער.

עס פאַרגייט א רייד וועגן פּעטערבורג, וועגן וווינרעכט, וועגן דער פּאָליציי, וואָס שפּירט נאָך און לאָזט נישט צורו יעדן רעכטלאָזן ייִדן, וואָס קומט אויף עטלעכע טעג אין דער הויפּטשטאָט.

— סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש, איר זאָלט טאָן דאָס, וואָס איך טו, ווען איך קום קיין פּעטערבורג, — האָט איינער א שלאַנקער מיט גילדערנע פּענסנע און מיט א פּנים פון אַ גוטן מענטשן, וואָס ווייסט ווו איין און ווו אויס, איבערגעגעבן מענדעלען זיין דערפאַרונג — אין א וועלכן האָטעל איר זאָלט נישט אַריינקומען, פאַרגעסט נישט אַריינלייגן אין אייער פּאַספּאָרט א קנאַקנדיק צענערל, און דאָס צענערל וועט שוין אַליין רעדן פאַר אייך... אַז וויבאַלד צושרייבן איז אוממעגלעך, איז זאָל זיין נישט קיין צוגעשריבענער...

— אַ דאַנק! אַ דאַנק פאַר דער עצה, — האָט מענדעלע מיט ציטערדיקע הענט אַראָפּגערוקט די ברילן אויפן שטערן, ער זאָל בעסער באַטראַכטן דעם עצה־געבער, — וואָס? לא יהרג־געלט! דאָס הייסט געלט, אַז דער הונט זאָל נישט האַווקען און נישט בייסן?! ניין, איך האָב קיינמאָל מיט קיין הונט נישט גערעדט אויף אַזאַ לשון. געבן אַ צענערל מ'זאָל מיך נישט צושרייבן, הייסט מסכים זיין, אַז איך בין טאַקע אַ טריף שטיקל סחורה. דאָס הייסט אָנערקענען מיין רעכטלאָזיקייט און אָפּגעגעבן גערעכט דעם, וואָס האָט ביי מיר צוגענומען דאָס רעכט. ניין, נישט ביי מענדעלען פועלט מען עס! אויב איך האָב קיין רעכט נישט קומען אין דער הויפּטשטאָט אויף עטלעכע טעג זיך זען מיט מיין קראַנק געוואָרענעם זון, איז זאָל מען מיך שוין בעסער אָפּשיקן מיטן עטאַפּ. ליידן איז קיין חרפה נישט, ליידן און זיך נישט אונטערגעבן — הייסט גיין מיט אַ שטאָלצן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

— אַוודאי איז סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש גערעכט, — האָט זיך אָנגענומען מענדעלעס קריוודע איינער פון די זשיטאָמירער פּני, ביי וועמען עס האָט זיך גדלותדיק געהוידעט א גאָלדן קייטל איבערן זשילעט, — סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש איז נישט קיין סוחר, ער איז נישט קיין קרעמער! נישקשה, אין פּעטערבורג זענען דאָ ייִדן, וואָס שאַצן זיין טאַלאַנט. זיי וועלן אים שאַפן נישט נאָר ווין־רעכט, נאָר וועלן אים אויפנעמען מיט גרויס כבוד און איינאָרדענען זיין זון אין איינעם פון די בעסטע פּעטערבורגער שפּיטאָלן. אָט שרייב איך צו איינעם פון די פּעטערבורגער גבירים, וואָס

האָט אַן אַרײַנגאַנג אין די הויכע פֿענצטער. זעט, האָט ער נישט אויפֿגעהערט פּאָכן איבערהויך מיט אַ פֿאַרחתמעטן קאָנווערט, — איר מעגט זײַן רואיק, ער וועט אַלץ טאָן פֿאַר סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש.

מענדעלע האָט אַראָפּגערוקט די ברילן פֿון שטערן, איבערגעלייענט דעם אַדרעס און זיך הויך צעלאַכט, וואָס? צו אַ פּעטערבורגער גביר? צו אַ פּעטערבורגער יאַהודי? אָ, ניין! מײַנע פֿיס וועלן מיך נישט דערטראָגן אַהין. נעמט גלײַך צו דעם בריוו, ווײַל איך קאָן אײַך דאָ פֿאָרן אָפּשפּילן אַזאַ וויוואַט, אַז איר וועט נישט גערן זײַן.

די אָנגעזעענע פּערזאָן מיטן גלותדיק זיך הוידענדיק גאָלדן קייטל איבערן זשילעט האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס — דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן זע איך אַזאַ מענטש!...

אויפֿן וועג צום פּעראָן האָט מענדעלע גענומען אַ בוקעט בלומען בײַ איינעם פֿון זײַנע באַגלייטער און אונטערגעטראָגן אַ יונגער מוטער, וואָס האָט פֿאַרוויגט איר קינד אויף די קני.

אַ צווייטן בוקעט האָט ער אונטערגעטראָגן דעם בחור מיטן מיידל, וואָס האָבן אַלץ זיך נישט געקאָנט צעשיידן.

די שטימונג האָט זיך בײַ אַלעמען געהויבן. אַלע זענען געווען צופֿרידן, וואָס דער שמייכל האָט זיך ווידער באַוויזן אויף סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטשעס פּנים.

* *

*

ס'איז געווען אַ הייסער יולי־טאָג.

די אויסגעטראָגענע און זיך בילדער פֿון קומענדיקע ווערק מיט בילדער, וואָס לויפֿן אָן אויף די אַנטקעגן אָנקומענדיקע וועגן, מישן זיך צונויף צוזאַמען. מענדעלען אין ווייניק איין פֿאַר אויגן, איין האַרץ אויף אַלץ צו זען, אויף גאָרנישט דורכלאָזן...

קערט זיך אָפּ מענדעלע פֿונעם אָפֿענעם פֿענצטער, קומען אים גלײַך אַנטקעגן אָפֿענע קופּעען.

מענדעלעס בליק באַגעגנט זיך מיט אַ קאָמפּאַניע אָדעסער גבירים, ער זעט יעדן איינעם מיט זײַן טויז, מיט זײַן מלך און מיט זײַן דאַמע.

די קאָרט, וואָס שפּילט אויס, איז ווי אַ מלך, וואָס נעמט איין אַ לאַנד. די קאָרט וואָס פֿאַרשפּילט, ווערט געשליידערט און געשמיסן.

די סאַטירע שטויסט אַרויס די ליריק, אינדעראמתן, ווי פאַלט מען נישט אָן, ווי זידלט מען נישט אַזעלכע לייט?!

אַ צווייטע קופּע, אַ דריטע און מענדעלע געפינט זיך קיין אָרט נישט.

גלייך פון דער ערשטער מינוט האָט מענדעלע צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פּאַסאַזשירן, ווער איז ער?

לויט זיין שטאַלטנער פּעסטער פיגור קאָן מען מיינען, אַז יאָרן לאַנג האָט ער אָפּגעגעבן דער מיליטער־דינסט. דער שמייכל, וואָס גייט נישט אראָפּ פון זיינע ליפּן, לייקנט עס אָפּ — א מיליטער־מאַן קאָן אַזוי נישט שמייכלען.

ווער זשע איז ער? ביי אים איז אַ שטערן פון א דענקער און געלערנטן און אויגן זענען ביי אים יונגע, שטיפעריש, אומרואיקע, וואָס לאָזן קיינעם נישט דורך און דרינגען אַריין אין יעדנס נשמה. די אויגן רעדן וועגן נאָענטקייט צום מענטשן, צום לעבן, וואָס רינגלט אונדז ארום.

אומבאַקאַנטע שטרעקן אויס זייערע הענט, רופן זיך אָן און באַקענען זיך. זיי דערוויסן זיך, אַז דער שטאַלטנער מאַן, וואָס האָט צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט איז דער יידישער שרייבער אַבראַמאָוויטש, וואָס טראָגט דעם אויסטערלישן פּסעוודאָנים מענדעלע מוכר ספרים.

דער וואַגאָן־קאָרידאָר ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אויפנאַם־צימער. מע דערציילט אים, מע עצהט זיך מיט אים, מע פרעגט אים פראַגן און מע רעדט זיך אויס פאַר אים...

אַן אויסגעדאַרטער יונגערמאַן מיט איבערגעשראָקענע אויגן און מיט א ברייטן לאַנגן פּידזשאַק, באַטראַכט זיך פון אַלע זייטן און וואַרפט זיינע בליקן אויף אַלע אַרומיקע, צי שמועסן זיי זיך נישט אָן, אַז דער פּידזשאַק איז ביי אים אַן אנטליענער.

— איר פאַרשטייט, — פאַרענטפערט ער זיך פאַר מענדעלען דערפאַר, וואָס ער פאָרט אין א ווייכן וואַגאָן, — אין א ווייכן וואַגאָן איז מען זיכערער, אַז מען וועט דערפאָרן ביז פּעטערבורג. אינמיטן וועג וועט מען נישט אַרויסשליידערן פון וואַגאָן און נישט אַוועקשיקן מיטן עטאַפּ. נאָר ווי אַזוי דרייט מען זיך אויס אין פּעטערבורג? ווי אַזוי מאַכט מען איך זאָל נישט אַריינפאַלן צו דער פּאָליציי אין די הענט אַריין? אפשר אַרום אייך, סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש? אפשר וועט איר זיין מיין באַשיצער?

מענדעלע לאָזט הילפלאָז אראָפּ די הענט. אויף זיינע ליפּן באַווייזט זיך אַ ביטערער שמייכל, ער דערפילט זיך ווי אַן אָרעמאַן צו וועלכן אַ צווייטער אָרעמאַן איז צוגעגאַנגען בעטן א נדבה.

און ווידער א צעבראָכן האַרץ, און ווידער א וויסט פאַרפינצטערט לעבן...

...די נאַכט איז געווען אַן אומרואיקע. דער וואָגן האָט געוויגט און געוויגט, אָבער פאַרוויגן מענדעלען איז געווען אוממעגלעך. די אויגן זענען אָפן און דאָס האַרץ איז וואך.

אַזויפיל בילדער, אַזויפיל באַגעגעניש, זעונגען און דערמאָנונגען...

עס שאַריעט אויף טאָג.

מיט פאַמעלעכע טריט, שטיל, גלייך ווי ער זאָל נישט וועלן שטערן דער שטילקייט פונעם פרימאָרגן, גייט מענדעלע אַרויס אין קאָרידאָר. רוקט אַרויס זיין קאָפּ פונעם זעלבן פענצטער, דורך וועלכן ער האָט זיך נעכטן צעשייידט און געזעגנט מיט זשיטאָמיר.

— א גוט מאָרגן! — זאָגט מענדעלע דער אויפוואַכנדיקער וועלט. די וועלט ענטפערט אים אָפּ דורך יעדן בוים, דורך יעדן גרעזל, דורך יעדן צווישערייַ פון פויגל און געלויף פון וואסער — א גוט מאָרגן! א גוט מאָרגן!

די טוי-טראָפּנס לעשן זיך אויס און פאַרגייען אין שיין פון דער זון די שפיל אויף דער דורע פאַרבייט דעם קנאַל פון פאַסטעכס בייטש. א שטויב אַ מעקערייַ פון קי, געפּענטעטע פערד שפּרינגען און לאָזן זיך נישט כאַפּן.

מענדעלע דערמאָנט זיך דעם טאָג, די שעה, די מינוט און דאָס אָרט ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערהערט און גענומען פאַרשטיין פערד׳ש לשון, ווען צום ערשטן מאָל איז אים געקומען אויפן געדאַנק אָנשרייבן „די קליאַטשע“.

דאָס איז געווען אין באַרדיטשעוו. אַן אויסגעמוטשעטער ייִד אָנגעטאָן קרוע-בלוא האָט אָן רחמנות געקאַטעוועט אַן אויסגעמוטשעטע קליאַטשע, וואָס האָט נישט געקאָנט רירן פון אָרט א פולן וואָגן מיט ציגל.

און אים, מענדעלען, האָט זיך גענומען דוכטן, אַז ער הערט, ווי די געפּייניקטע קליאַטשע טענהט זיך אוים מיט איר פּייניקער — ווי קאָנסטו מיך שלאָגן, אז דו ביסט אַליין א געשלאָגענער, אז ביסט אַליין אַזאַ אומגליקלעכע קליאַטשע ווי איך...

...דער טוי אַרום איז שוין אויסגעטריקנט און די זון שטילט איר דאָרשט אינעם שוויים פון די שניטער...

ס'אַראַ אומרעכט! די בויער פון מאַיאָנטקעס, שטעט און דערפער זענען היימלאָז, הויל און נאַקעט און פאַרגינען זיך בלויז אַ האַר שטיקל ברויט. ס'אַראַ אומרעכט!...

און דער צוג יאָגט און דער צוג אײַלט!...

*　　　*
*

מיכאַל איז געווען אין הויך מיטן טאַטן, די זעלבע פלייצע, דער זעלבער הויכער שטערן, דאָס זעלבע בלאָנדזשענדיקע פייער אין די קליינע שוואַרצע אויגן, דער זעלבער שמייכל און לייכנשאַפטלעכער אויסדרוק אין די ווינקלען פון מויל, די זעלבע שטים.

די לאָקענעס האָר און דאָס בערדל אַלאַ=מענדעלע האָבן אינגאַנצן ענלעך געמאַכט דעם זון צום פאָטער.

אין בעט איז געלעגן אויסגעבלייכט און אויסגעצערט דער יונגער מענדעלע אין נעבן אים איז געזעסן דער איצטיקער און האָט זיך נישט געקאָנט אָנקוקן אויף אים.

די באַגעגעניש איז געווען אַ רירנדע.

דער טאַטע האָט דערציילט וועגן דער מאַמען, וועגן זיך, וועגן די שוועסטער, ווי מ'לעבט וואָס מ'טוט, און אריינגענומען אין קאָן גאַנץ זשיטאָמיר, די יידישע „געשעפטן", „די יידישע גליקן", די אַלגעמיינע לאַגע פון לאַנד.

ער איז נישט מער ווי אַ צווייג פונעם בוים, און רירט מען אָן די צווייגן ציטערט אויף דער בוים.

ער איז נישט מער ווי אַ פעדימל, וואָס איז איינגעוועבט אין דער מאַטעריע, וואָס גייט איבער דער וועלט אונטערן נאָמען ייד, אונטערן נאָמען מענטש...

דאָס זעלבע טוט דער זון, אויך זיין לאַגע איז נישט אָפּגעריסן און נישט אָפּגעטיילט פון דער אַלגעמיינער לאַגע.

רעדט ער וועגן אַלץ, וואָס אים טוט וויי, וואָס אים באַאומרואיקט, דערציילט וועגן די אומרוען אין פעטערבורג און אין גאַנצן לאַנד, וועגן די אומרוען צווישן ארבעטער, פויערים און סטודענטן.

...מ'האָט אים אויסגעשלאָסן. נאָר אַדאַנק זיין קרענק ווערט אָפּגעהאַלטן דאָס אַרויסשיקן און פאַרשיקן אים...

— וואָס שרייבט דער טאַטע? — און דער זון איז שטאַרק צופרידן פונעם טאַטנס פלייגער, פונעם טאַטנס גלויבן און האָפענונגען אויף בעסערע צייטן.

— וואָס שרייבט דער זון? — און אויך דער זון איז נישט געבראָכן אין זיינע לידער.

ער איז גרייט אָנגענעמען די שטראָף, ער איז גרייט ליידן, ליידן פאַר דעם, אַז קיינער זאָל מער קיינמאָל נישט ליידן.

דער פאָטער קוועלט פון זיין זונס ליבע צו דער נאַטור. ליבע צו דער נאַטור, הייסט ליבע צום לאַנד, ליבע צו דער ערד, אויף וועלכער מיר זענען געבוירן און אין וועלכער ס'איז באַהאַלטן א לאַנגע שורה אונדזערע עלטער-עלטערן.

ס'אַהאַ זאַפטיקע רייכע בילדערישקייט ס'אַהאַ ליכטיקע זעונגען!

מענדעלע האָט זיך גלייך געוואָלט זעצן און אָנשרייבן פאָלינען וועגן זייער מיכאַילן, וועגן מאַירקען זייער זון, וואָס איז נישט געבראָכן אין לעבן און וואָס איז נישט געבראָכן אין זיינע לידער.

און מיכאַיל רעדט אַלץ און מיכאַיל דערציילט אַלץ, און מענדעלע לייגט אָפּ די מונטערע ווערטער פון זיין ערשטן בריוו, וואָס ווירן איינעוויניק אין אים.

אויפדערנאַכט.

אויפדערנאַכט, ביים שרייבן זיין ערשטן בריוו צו פאָלינען און צו זיינע זשיטאָמירער פריינד, איז אים נישט אויסגעקומען אויסנוצן די פון פריער צוגעגרייטע מונטערע ווערטער.

מענדעלעס פען האָט געטריפט מיט ביטערער גאַל...

און פאָליציי-באַצירק האָט מען אים אין קיין פאַל נישט געוואָלט צושרייבן. אין 24 שעה אַרום זאָל ער נעמען דעם וועג פונדאַנעט. אין 24 שעה זאָל פון אים קיין שפור נישט בלייבן.

דער באַלעבאָס פון מיכאַילס דירה האָט אונטערגעשמירט, געגעבן א פיינע מטבע און מ'האָט צוגעשריבן מענדעלען אַלס לאַקיי.

אַ לאַקיי מעג! א לאַקיי מעג וווינען אין פעטערבורג, ווייל ער איז א לאַקיי, ווייל ער איז נישט געפערלעך. א שרייבער, און דערצו נאָך א יידישער, גאָט באַהיט!

ס'אַהאַ חרפּה! ס'אַהאַ בושה!

מענדעלע און פאמיליע אין יאָר 1890

מיכאל איז געלעגן מיטן פנים אויסגעדרייט צו דער וואנט און מענדעלעם האנט האט געציטערט ביים אנזאגן די פינצטערע בשורה, אז מ'האט אים אין פעטערבורג צוגעשריבן אלס לאקיי.

...מיינע טייערע, איך האב אין מיין לעבן געהאט א סך פינצטערע טעג און א סך פינצטערע יארן, נאר אזא פינצטערער טאג ווי היינט, אזא פינצטער יאר ווי דאס 1880-טע האב איך נאך נישט געהאט.

די פען זאגט זיך אפ צו דינען און דאס ווארט לייגט זיך נישט אויפן פאפיר.

„מיינע הענט זענען געבונדן ווי מיט כישופדיקע פענטעס", די געפילן רייסן זיך אויסגיסן אויפן פאפיר, אבער איך בין ווי פאראליזירט און איך „קאן גארנישט שרייבן".

„איך בין ווי איינער פון יענע אומגליקלעכע מענטשן אין די וואנדערדערצייילונגען, וואס זענען דורך א בייזן כישוף פארוואנדלט געווארן אין מאדנע באשעפענישן: זיי זעען, באגרייפן, פילן, טרויען, אבער זיי פארמאגן נישט די פעיקייט צו רעדן, זיי קאנען נישט אויסדריקן פאר די נאענטסטע זייער געמיט, ארויסזאגן זייער אומגליק". אוי, וואס מ'האט געמאכט פון מענדעלען אין פעטערבורג, א לאקיי האט מען פון אים געמאכט!

אין וועלכן יארהונדערט און אין וועלכן לאנד לעבן מיר עס?!

גענוג! איך קאן שוין נישט מער, „די הענט ציטערן מיר, דאס הארץ קלאפט שרעקלעך, עס גיסן זיך ביי מיר טרערן טייכנווייז, איך בין צעטומלט און קאן נישט רעדן"...

* *

*

אין יענע שווערע טעג האבן זיך ווי שטענדיק צווי מענדעלעך „געבוצקעט אינעווייניק, געריסן זיך און געפליקט ווי די הענער"...

ווען איינער האט געוויינט, האט דער צווייטער געלאכט, ווען איינער האט געצערנט, האט דער צווייטער א מאך געגעבן מיט א „עט"...

האט איינער אפגעגעבן דאס געוועכט דעם זונס לידער, וואס האבן אנגעזאגט בעסערע צייטן, האט דער צווייטער אנגעווארפן א מרה שחורה, אז אויף בעסערס איז זיך נישטא וואס צו ריכטן.

דער דיספוט פון די פיזיאָלאָגן, וואָס איז פאָרגעקומען פונקט אין דער צייט, ווען מענדעלע האָט פאַרבראַכט אין פעטערבורג, האָט אַרייַנגעהויכט אין אים אַ נייע נשמה.

מענדעלע האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין זיין לאַגע און געהאַלטן אין איין שרייבן בריוו קיין זשיטאָמיר, אין וועלכע ער פלעגט געבן אויספירלעכע באַריכטן וועגן דיספוט און וועגן דעם אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום דיספוט.

ס'איז אַ פאַראַדאָקס, — האָט מענדעלע געשריבן, — נאָר ווי עס ווייזט אויס באַגייט זיך נישט דאָס לעבן אָן פאַראַדאָקסן.

אין די סאַמע שווערסטע טעג פון מיין לעבן, האָב איך איבערגעלעבט און לעב איצט איבער די סאַמע פרייידיקסטע מינוטן און שעהן.

...איינער א פראָפעסאָר פון פיזיאָלאָגיע, וואָס ווי עס ווייזט אויס איז שטאַרק געכאַפט אין דער מעשה, האָט גענומען אין זיין שטרייטרעדע דערווייזן, אַז זיין אָפּאָנענט, דער דאָצענט באָקסט איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ זון פונעם יידישן זשורנאַליסט און לערער פון זשיטאָמירער ראַבינער־שול. און וויבאַלד אַזוי, איז קלאָר, אַז אַפילו דאַן, ווען ער איז גערעכט, איז ער אויך אומגערעכט...

די מערהייט געלערנטע, וואָס האָבן זיך געפונען אין זאַל, האָבן דערווידערט דער ווייט נישט נייער און נישט אָריגינעלער טעאָריע פונעם פראָפעסאָר.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען — דאָס איז אַ דיספוט צווישן געלערנטע און נישט קיין פאַרזאַמלונג פון שוואַרצמאַהניקעס.

דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג האָט דערקלערט, אַז אַזאַ איינשטעלונג איז נישט נאָר אַן אומדערהערטע באַליידיקונג פאַר די יידן, נאָר אויך אַ גרויסער אומרעכט קעגן לאַנד.

מענטשן ווילן באַרייכערן מיט זייער וויסן די וויסנשאַפט, מענטשן ווילן ברענגען נוצן פאַר מענטשן...

קומט מען צוגיין און מ'זאָגט זיי, איר זענט קיין מענטשן נישט, איר האָט קיין רעכט אויף דעם... אויסלעשן אַ ליכטיקן קאָפּ איז פונקט אַזאַ פאַרברעכן ווי אַראָפּנעמען דעם קאָפּ!...

אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן, און מיר איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, ווי ס'זאָל נישט אויפהערן בליצן.

די אַפּלאָדיסמענטן זענען געווען דער גרעסטער פאַטש אין פּנים דער שוואַרצמאה. איך האָב געפילט ווי מ'אַפּלאָדירט אַלע די פון אונדזע-

רע ברידער, וואָס האָבן אַזוי העלדיש מסירת־נפשדיק דורכגעריסן אַלע פאַרצוימונגען און געקומען צו דער וויסנשאַפט.

איך האָב געפילט ווי מ׳אַפּלאָדירט אַלע די, וואָס זענען מיט פאַר־שמאַכטע דורשטיקע ליפּן צוגעפאַלן צום פרישן קוואַל.

איך האָב געפילט ווי מ׳אַפּלאָדירט מיר אַליין, מיר רב מענדעלען, מיר דעם יידישן שרייבער, וואָס איז צוגעשריבן אין פּעטערבורג ווי א לאַקיי.

טרערן שטעלן מיר זיך אין די אויגן, איך וויל נעמען א וואָרט, איך וויל אָפּדאַנקען פאַר מיטגעפיל און פריינדשאַפט און קאָן נישט.

איך האָב מורא, ווען איך אָנהייבן דערציילן וועגן מיין לאַגע, וועט מען אָנפאַלן אויף מיר פון אַלע זייטן:

— פאַרוואָס זשע האָט איר געשוויגן? פאַרוואָס זשע האָט איר זיך נישט געווענדעט צו דער רוסישער אינטעליגענץ? די רוסישע אינטעלי־גענץ וואָלט אויפגעהויבן איר שטים און געזאָגט איר וואָרט.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מיינע טייערע, אין יענע גליקלעכע, דערהוי־בענע מינוטן האָב איך געפילט ווי די פאַרשפילטע וווּנדערלעכע שטאָט פּעטערבורג איז ווידער מיין שטאָט. מיין שטאָט אין וועלכער איך פיל זיך נישט אַליין עלנט און אייגזאַם!

מיין שטאָט, אין וועלכער איך האָב אַ סך גוטע שכנים, אַ סך באַקאַנטע און אַ סך פריינד.

מיכאַיל איז גערעכט. אַ לאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע וווּנדערלעכע מענטשן, וועט זיכער דערלעבן בעסערע צייטן.

מיין מיכאַילס דיכטונג, וואָס זאָגט אָן די בעסערע צייטן, איז די נבואה, וואָס וועט מקוים ווערן!

מיין מיכאַיל איז נישט קיין פאַלשער נביא!...

שרעקט זיך נישט! שרעקט זיך נישט! — שרייבט מענדעלע אין אַ צווייטן בריוו.

מ׳האָט מיך טאַקע צוגעשריבן פאַר אַ לאַקיי — נאָר קיין לאַקיי בין איך נישט געוואָרן און קיין לאַקיי וועל איך קיינמאָל נישט ווערן.

„נישט דער קלאַנג פון גאָלד און נישט דער קלאַנג פון קייטן וועלן נישט אַרויפלייגן זייער פאַרדאָרבנדיקן שטעמפּל אויף מיין נשמה“.

איך גיי איבער די גאַסן פון פּעטערבורג מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, איך איל אויפן דיספּוט...

אוי, ווען סוואָרין, דער רעדאַקטאָר פון דער סאַמע מיטלאַלטערלעכסטער צייטונג, וואָס טראָגט דעם סאַמע פאַראַדאָקסאַלן נאָמען „נאָוואָיע וורעמיאַ“ וואָלט זיך וועגן דעם דערוווסט!...

און וואָס וואָלט געווען, ווען דאָס וואָלט דערגאַנגען צו פיכנאָ, צום רעדאַקטאָר פון „קיעוולאַנין“?

זיי וואָלטן אויפגעהויבן אַ גוואַלד, זעט, אויף וואָס אַ ייד איז פעיק, מ'לאָזט אים נישט אַריין אין פעטערבורג, פאַלט ער אויף אַ כיטרן איינפאַל! איז זיי זשע אַ לאַקיי, איז גיין, גייט ער אויף דיספוטן און גיסט בוימל אין פייער...

מענדעלע גיט צו ווויסן זיינע פריינד אין זשיטאָמיר, אַז די „נאָוואָיע וורעמיאַ“ וועט אינגיכן באַקומען די פּאָפּלעקציע, זי קאָן נישט איבערטראָגן דעם דורכפאַל פון אירע לייט אויפן דיספוט, סטייטש, סטייטש, שרייט זי, ווי אַזוי האָט עס געקאָנט געשען אין אַזאַ שטאָט ווי פעטערבורג?!

און געשען איז עס, — ענטפערט די צייטונג זיך אַליין, — ווייל פעטערבורג איז פאַרפלייצט מיט יידן, און די יידן זענען פאַראייניקט צווישן זיך און שטיצן איינער דעם צווייטן, קלאָר, ס'איז א יידישע אַרבעט!

דאָס „יידישע שטיקל אַרבעט“ לאָזט זיך אויס, האָט אָפּגעטאָן נישט קיין אַנדערער, ווי דער פּראָפעסאָר גאָלובאָוו, דער פאָרזיצער פון דער דיספוט־פאַרזאַמלונג און די צוועלף רוסישע געלערנטע, מיטגלידער פון פרעזידיום.

זיי האָבן עפנטלעך געמאָלדן, אַז זיי זענען געשטאַנען און וועלן שטיין אויף דער זייט פון דער עכטער וויסנשאַפט און נישט אויף דער זייט פון דער אַנטיסעמיטישער העצע, פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע.

זיי זענען זיכער, אַז אויף זייער זייט איז יעדער עכטער רוסישער געלערנטער, יעדער עכטער רוסישער מענטש..

די שטימונג ביי מענדעלען איז געווען אַזאַ געהויבענע, אַז נישט איינמאָל האָט ער אין זיינע בריוו אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס 1880־טע יאָר איז נישט נאָר איינס פון די פינצטערסטע, נאָר אפשר איינס פון די סאַמע ליכטיקסטע און בעסטע יאָרן פון זיין לעבן.

* *

*

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און דער פאַרמאַטערט־שוואַרצער מענ־דעלע האָט ווידער גענומען די אויבערהאַנט איבער דעם מונטערן אָפּטי־מיסטישן מענדעלע.

דער באַלעבאָס פון דער דירה האָט געמאָלדן, אַז מ'ריכט זיך אויף אַן אַבלאַווע, און אויב מ'וועט אים פאַקן נישט אין דער ראָל פון אַ לאַקיי, קאָן עס קאָסטן טייער, דעריבער ליגט ער פאַר מענדעלען אַריבערגיין צו אים. וועט זיך אַריינכאַפּן אַ פּאָליציי־מאַן אָדער אַן אונטערגעשיקטער איינוווינער פון הויף, וועט סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש אויסקומען בלויז זיך פאַרגוין, אונטערשמייכלען און זאָגן דעם באַלעבאָס: — „סלושאַיוס! „פּאָזשאַלוסטאַ“.

אַרויסגייענדיק אין גאַס מיטן טשעמאָדאַן אין האַנט האָט מענדעלע נישט געוווסט ווו זיך קערן און ווענדן, ווו איז דאָס אָרט ווו ער זאָל זיך קאָנען פילן זיכער?

אַלע וועגן האָבן געפירט צום וואָקזאַל, נאָר ווי אויף צו להכעיס וועט אויסקומען וואַרטן אויפן צוג, וואָס גייט דורך זשיטאָמיר, ביז מאָרגן אינדערפרי.

די פּעטערבורגער גאַסן זענען פאַרפלייצט געווען מיט זון. פון אויבן אַ בלויער הימל און איין שפּרינקעלע. אָן דער מינדסטער אָנצוהערעניש, אַז פון ערגעץ ווו קאָן זיך דורכרייסן און באַווייזן אַ וואָלקן.

מענדעלען האָט שטאַרק וויי געטאָן. ווען ער וואָלט פאַרמאָגט דעם שפּרוך פון ביבלישן העלד יהושע דעם זון פון נון, וואָלט ער פאַר־שפּראָכן אַזוי:

— זון, פאַרגיי! לבנה, גיי נישט אויף! און איר פּעטערבורגער גע־לען קומט פון אומעטום אַרויס, קומט און פאַרהילט מיך, פאַרבאַהאַלט מיך אויס פון מענטשנס אויג, זאָל קיינער מיך נישט זען אין מיין חרפּה, אין מיין טיפן צער!...

גיין, ער פאָרט נישט אַוועק, ער אַנטלויפט. אויף אַ שענדלעכן אופן טרייבט מען אים אַרויס פון דער הויפּטשטאָט!

ווי לאַנג ס'איז צו וואַרטן ביז צום צוג! און די פּעטערבורגער גאַסן איז נישט אויסצומעסטן, נישט אויסצושפּאַנען.

מענדעלע איילט, מענדעלע לויפט, און אים דוכט זיך, אַז די צוויי־קעפּיקע אָדלערס, וואָס זענען דאָ אויף טריט און שריט, אויף יעדן שילד צעשטעלט, האָבן זיך אין סטאַיעס צונויפגעקליבן און יאָגן אים נאָך. זיי ווילן אים פאַרצוקן און אומברענגען!

אַזויפֿיל צווייקעפּיקע אָדלערס אויף דער וואַך! די נעסטן מאַכן זיי חרוב, די פֿייגעלען דערשטיקן זיי און די געזאַנגען מאַכן זיי שטום. אַזויפֿיל אָדלערס לעכצן און האָרשן נאָך בלוט!

ווי שיין איז די שטאָט! מענדעלע שטעלט אַוועק דעם טשעמאָדאַן ערגעץ נעבן א טויער און קאָן לאַנג זיך נישט אָנקוקן אויף די הייזער אַרום, אויף דער געמאָסטנקייט און גלייכקייט פֿון די גאַסן

ס'אַ זיכערע גלייכקייט! ס'איז די גלייכקייט, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך א סך קרומע פֿאַרפּלאָנטערטע וועגן, דורך דער פֿינצטערניש און געדיכטעניש פֿון וועלדער, דורך בערג און טאָלן, זאַמדן און זומפּן...

ווי שיין איז דער בוים! מענדעלע ווערט ווי צוגעוואַקסן צו אַ שלאַנקער בערעזע, צום וואַלד־תּושב, וואָס שרייט אויס מיט אַלע צווייגן די בענקעניש נאָך זיין שטאַם, נאָך זיינע ווייסע ברידער, פֿון וועלכע ער איז פֿאַרטריבן געוואָרן.

זיך פֿאַרטראַכטנדיק וועגן גורל פֿון דער בערעזע, קומט גלייך ווידער אויף מענדעלען זיין אייגענער גורל: ווי שרעקלעך! ער פֿרעגט ביי זיין זון, ווי פֿילט ער זיך, וואָס זאָגן די דאָקטוירים? און דער זון ענטפֿערט אים, אַז ער וויל נישט און טאָר נישט געזונט ווערן. געזונט וואָלט פֿאַר אים איצט געווען די געפֿערלעכסטע קרענק, די פּאָליציי האָט באַקומען א באַפֿעל אים אַרויסשיקן פֿון פּעטערבורג אויף דריי יאָר און דאַנק זיין קרענק ווערט דאָס אַרויסשיקן אָפּגעהאַלטן. וואָלט ער געקרענקט כאָטשבי נאָך אַ האַלב יאָר, קאָן זיין, אַז ס'וואָלט אָנגעקומען אַ באַגנאַדיקונג. ער האָט געשיקט אָנקלאַגעס צו אַלע אינסטאַנצן, פֿון די קלענסטע ביז די העכסטע.

דעם זון שיקט מען אַרויס און דעם פֿאָטער לאָזט מען נישט אַריין!

„ווי דעם טאַטן און ווי דעם זון“, — דערמאָנט זיך מענדעלע אין אַן אַלטער עלעגיע, — „ווי דעם טאַטן, וואָס זיין זון קאָן נישט זיצן מיט אים ביי איין טיש, און ווי איז צום טיש פֿונעם זון, וואָס זיין אויבנאָן פֿאַרנעמט נישט דער טאַטע“.

...מענדעלען ווערט אַ שאָד די ווייסקייט און קלאָרקייט פֿון דער בערעזע. ער קאָן זיך מער לענגער נישט פֿאַרהאַלטן, און ווידער טראָגט אים דער אומאויפֿהערלעכער שטראָם פֿון מענטשן.

ער גייט וווּ די אויגן טראָגן אים און דער טשעמאָדאַן פֿאָרויס ווי א פּויק פּויקט אויס פֿאַר אַלעמען:

— אָט דער מענטש איז אַ הײמלאָזער... אָט דער מענטש איז אַ רעכטלאָזער... ער אָטעמט מיט פֿאַרבאָטענער לופֿט און שטעלט זײַנע פֿיס אויף פֿאַרבאָטענער ערד!

יאָ, װען עמעצער פֿון די געזעץ־װעכטער װאָלט זיך דערװוּסט, אַז ער, מענדעלע, שפּאַנט איבער די פּעטערבורגער גאַסן, װאָלט ער אַלײן שױן נישט געגאַנגען, װאָלט ער אַלײן שױן נישט געשפּאַנט.

די צאַרישע תּפֿיסה איז אַ דאַך פֿאַר אַלע האַכלאָזע...

אַלע רעכטלאָזע האָבן רעכט אויף איר!...

...גיעװסקי פּראָספּעקט... שפּורן פֿון פֿאַרשײדענע טריט האָט געגאָל דאָ באַמערקט.

און אָט װעלן פֿאַרבלײַבן נײַע שפּורן, שפּורן פֿון אַנטלױפֿנדיקע פֿיס, פֿון אָפּטרעטנדיקע טריט.

מענדעלע כאַפּט זיך אַרױף אויף אַ פֿאַעטאָן.

— װוּהין? — פֿרעגט דער פֿורמאַן.

— װאָס װײַטער!

— אויפֿן סענאַטאָר־פּלאַץ זענט איר שױן געװען?

— נײן.

— איז פֿאָרן מיר אַהין?

— גוט, זאָל זײַן אַהין.

מענדעלע רײַבט די אויגן, װעעפּנט זײ ברײטער און לאָזט זײ אויף קײן רגע זיך נישט צומאַכן. די שטאָט באַשטײט פֿון אַזױפֿיל שײנקײט, אַז אַ מינוט פֿאַרשלאָפֿן, הײסט זיך אַלײן באַרױבן.

װאָס מער זײַנע אויגן זעען, אַלץ מער װילט זיך אים אַרױסזאָגן װעגן דאָס געזעענע, אַלץ מער װילט זיך אים פֿאַנאַנדערפֿרעגן בײַם פֿורמאַן, אים אויסהערן און זיך דערװיסן בײַ אים װעגן די אַלע שטאָט־אַנטיקן.

און גלײַך דערמאָנט זיך מענדעלע, אַז מ׳האָט אין פּעטערבורג אויפֿמערקזאם געמאַכט העראַעגען נישט צו רעדן פֿאַרן הרובע־הײַצער, זײַן געהיט פֿאַרן שערער, פֿאַר דער װעשערין, װײַל אויך זײ דינען זיכער אין דעם דריטן אָפּטײל...

אַזױ איז געװען אין העראַעגס צײַטן, אַזױ איז עס איצט. װענט האָבן אויערן. קוק און שװײַג! האָט זיך אַרױסגעריסן בײַ דיר אַ װאָרט, ביסטו איבער אים שױן מער קײן באַלעבאָס.

פון א וואָרט ווערט א קוואָרט און פון א פליג א העלפאַנט. און גיי דערווייז, אַז דאָס האָסטו נישט געזאָגט און דאָס האָסטו נישט געמיינט.

ווי שולדיק עס האַרף זיך פילן דער קיסר, וויבאַלד ער געטרויט קיינעם נישט, וויבאַלד ער איז זיכער, אַז קיינער וועט אים מיט קיין גוט וואָרט נישט דערמאָנען, אַז אַלץ, וואָס מ'זאָגט וועגן אים איז קעגן אים...

דער פאַעטאָן לויפט דורך איבערן סענאַטאָר־פּלאַץ. מענדעלע נעמט אַראָפּ זיין שטרויענעם הוט. די געהאָנגענע דעקאַבריסטן אין פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג שטייען אויף פאַר זיינע אויגן, גלייך ווי מ'האָט זיי ביז איצט נישט אַראָפּגענומען פון די תליות.

די תליות לויפן אים נאָך. פון מינוט צו מינוט ווערן זיי אַלץ מער און מער. זיי פאַרפילן אַלע גאַסן און פּלעצער.

מענדעלע קוקט זיך אום, צי איז נישט צוגעגרייט אויך פאַר אים אָט דאָ ערגעץ א תליה.

ער איז דאָך אַזוי זינדיק פאַרן קיסר: די רוסישע איבערזעצונג פון דער „קליאַטשע" האָט דער צענזאָר פאַרווערט:

— „די קליאַטשע" — האָט ער געזאָגט, — שפּרינגט נישט אַהין וווּ מ'באַהאַרף און פירט אַראָפּ די סמירנע פערדלעך פון גלייכן וועג".

...פאַרגאַכט צו האָט דער קלאַנג פון מוזיק געבראַכט מענדעלעס מידע פּים אין זומער־גאָרטן. אָט דאָ וועט ער זיך אויסרוען, אָט דאָ וועט ער בלייבן אויף נאַכטלעגער. נאָר ווי קאָן דאָס אויג זיך צומאַכן, ווען דעם מענטשנס האַנט האָט אַזויפיל וווּנדער באַשאַפן.

ס'אַהאַ געדיכטע צעצווייגטע ביימער! ס'אַראַ גלייכע אַלייען! ס'אַראַ פאַרביקע בלומען־טעפּיכער, נאָר מיטן אויג קאָן מען זיך פאַרגינען זיי באַרירן.

פאָנטאַנען, אָרקעסטערס. עס רעגנט און האָגלט מיט פאַרבן און קלאַנגען. אַרום און אַרום באַלויכטענע סטאַטועס. עפּאָכעס און דורות זענען פאַרהיט און אויסגעהאַקט אין מאַרמאָר.

...דער שטאָט־זייגער האָט געשלאָגן איינס. איינס איז דער זייגער און איינער אין זומער־גאָרטן איז פאַרבליבן מענדעלע.

מענדעלע דרימלט איין און עס חלומט זיך אים, אַז ער זיצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. ער רעדט אויס זיין פאַרדראָס, זיין שווער געמיט. זיין גרויזאָמע און ווייטיק. ער רעדט וועגן הינט, וואָס זענען פראָסטע קעלבער, מ'האָט זיי אָנגעררייצט און זיי ווייסן אַפילו „נישט רעכט ווי אָנצופאַלן, ווי צו בייסן, בילן מ'שטיינס געזאָגט, גלאַט אַבי געבילט".

מענדעלע אין יאָר 1900

ער רעדט וועגן הינט, וואָס רופן זיך אָן גלעגנטע. זיי „סלוזשען״, שטייען אויף די לאַפּקעס, דרייען מיט די ווידלען און פּאָלגן אַלץ, וואָס מ׳הייסט פון אויבן. שכל האָבן זיי כמעט ווי מענטשן, אָבער א האַרץ און אַ מויל — עכט הינטישע.

און מ׳שרייבט אים צו אַ נייעם פּונקט פאַר זיין העזה.

* *
*

פרי. אַלץ און אַלע זענען פאַרזונקען אין שלאָף. מענדעלע שפּאַנט איבער די שטילע פּעטערבורגער גאַסן און דערזעט זיך אינעם גרויסן עטאַפּ פון דער רוסישער געשיכטע. ניין, ער איז נישט אַליין. מיט אים ביינאַנד שפּאַנען די בעסטע זין פון לאַנד, די בעסטע זין פון אַלע דורות און צייטן...

דער עטאַפּ וואַקסט און ווערט גרעסער פון מינוט צו מינוט.

— וווהין גייט עס ראַדישטשעוו? וווהין טראָגט עס דעם רייזנדן אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש?

ראַדישטשעוו האָט באַדאַרפט זיך אָפּטראָגן אויף יענער וועלט און די טויט-רייזע איז אים פאַרביטן געוואָרן אויפן ווייטן קאַלטן סיביר.

און וואָס איז געשען מיט אַלעקסאַנדער סערגייעוויטשן? פאַרוואָס זענען זיינע געקרייזלטע האָר אַזוי צעשויבערט.

ס׳איז אים שווער זיך צעשיידן מיט דער שטאָט, מיט דער „יונגער מלכה“.

די יונגע מלכה פאַרלירט איר מלך און ווי אַן אלמנה שטייט זי מיט פאַרבראָכענע הענט... און די לידער ווי יתומים קלאָגן:

— ווי, אונדזער זינגער גייט פון אונדז אַוועק... אַלעקסאַנדער סער-געיעוויטש איז פאַראורטיילט, קיין איבעריקע שעה טאָר ער זיך נישט פאַרזאַמען דאָ אין פּעטערבורג.

מיטן רוקזאַק אויפן פּלייצע שפּאַנט דאָ דערנעבן מיכאַיל יורעוויטש לערמאָנטאָוו, אויך אים קאָן דער קיסר נישט דולדן, אויך אים קאָן ער דעם מינדסטן שטיין אין שטאָט נישט פאַרטרויען.

דומעס... דומעס... טאַראַס גייט אָפּקומען זיין שטראָף!...

נאַרישער קיסר! וויבאַלד דער קאָפּ פון דעם דיכטער איז נישט אַראָפּ-געהאַקט און זיין האַרץ האָט נישט אויפגעהערט קלאַפּן, איז זיין קעניג-

דייך די שטאַרקסטע אויף דער וועלט און קיינער וועט זי קיינמאָל נישט באַזיגן.

פונעם טויט־פּלאַץ איז פּיאָדאָר מיכיילאָוויטשעס וועג צום טויטן־הויז...

פון שאַנד־פּלאַץ טראָגט זיך ניקאָליי גאַווריליאָוויטש צום העלן טאָג, צו דער צוקונפט: „די צוקונפט איז ליכטיק! די צוקונפט איז וואונדערלעך!"

עס איילט מיכאַיל יעווגראַפאָוויטש, סאַלטיקאָוו שטשעדרין, מענדע־לעס גרויסער פריינד. דאָס האָט ער דאָך געזאָגט אים, מענדעלען, אַז אין אים, דעם יידישן שרייבער, פליסט זיין בלוט...

יאָ. דער אַנטדעקער פון גלופּאָוו האָט אים באַוויזן דעם וועג צו גלופּסק....

דער עטאַפּ גייט אַלץ ווייטער און ווייטער און אַנטקעגן קומט יעדע גאַס מיט אירע פּאַסירונגען, יעדער פּלאַץ מיט זיין געשיכטע.

שטיינער אַפילו ריידן דאָ און דערציילן...

רוסלאַנד איז גרויס! רוסלאַנד איז ווייט!

וויפל וועגן און אומוועגן! וויפל זומפּן און וויפל ערטער נאָך נישט קיין באַזעסענע און נישט קיין באַטראָטענע!

אַן איבערוף פון גובערניעס, פון ישובים און פאַרוואָרפענע העקן, וואָס זענען פאַרצייכנט בלויז אויף די שטראָף־קאַרטעס פון די הענקער.

מענדעלע הערט ווי אין דער שטילקייט פון די גאַסן קלאַפּן הילכיק אָפּ די טריט פון די פאַרטריבענע און עס צעטראָגט זיך דאָס ווידערקול פון ווייטערהדיקע איבערופן, פון פראַגן און ענטפערס:

— וווהין?

— אויף וויפל?

— אויף פינף!

אויף צען!

— אויף פינף און צוואַנציק!

— וווהין און אויף וויפל? דערקייקלט זיך די פראַגע אויך צו מענ־דעלען. איר פרעגט וווהין? אַלצאַיינס וווהין — גיט מענדעלע אַ מאַך מיט דער האַנט. — וווהין איך וועל נישט קומען, וועל איך אַלצאַיינס זיין אַ פאַרשיקטער, ווייל אומעטום בין איך אַלצאַיינס אַ פאַרורטיילטער, אַ רעכטלאָזער.

איך בין שוין פֿאַרמשפּט פֿון לאַנג, אַזוי לאַנג, אַז ס'איז שווער זיך צו דערמאָנען פֿון ווען אָן און ווי לאַנג מיין אורטייל וועט זיין גילטיק, איז ווער ווייסט. ווייזט אויס, אַז ווי לאַנג דער קיסר וועט זיצן אויפֿן שטול, אַזוי לאַנג וועל איך נישט אויפֿהערן אַרומגיין אין די שטאָפּן, געיאָגט און געטריבן ווערן פֿון אָרט צו אָרט...

...ווידער איז אויפֿגעגאַנגען אַ זוניקער טאָג איבער פּעטערבורג. ווידער וואַכט אויף דאָס לעבן. די ערשטע לעבנס־טריט זענען נאָך געפּענטעט אין דרימל. נאָר אָט ווערט אַלץ ראַשיקער. מ'לויפֿט, מ'איילט, מ'יאָגט. ס'איז נאָך פֿרי. אַ האָפֿענונג גייט אויף. מ'וואַרט, מ'גלויבט, דער ניי־געבוירענער טאָג מוז עפּעס בעסערס ברענגען מיט זיך...

דער שטאָט ווערט פֿאַרהילט ווי אין אַ געדיכטן נעפּל. די געהיימע מחנה צעטיילט זיך, יעדער גייט זיך זיין וועג, יעדער גייט אויספֿילן זיין באַזונדער שליחות.

מענדעלע מיטן טשעמאָדאַן אין האַנט ווייסט נישט, צו דאַרף ער גיין דורך דער גאַס, צו גאָר דורך אַן אַנדערער? ער בלייבט שטיין ווי אויף אַ שיידוועג, וווהין זיך קערן? וווהין זיך ווענדן?

און פֿון דעם פֿאַרגייענדיקן שטאָט דערטראָגט זיך צו אים אַ קול:

איר, רב מענדעלע, גייט און דערציילט, וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט אייך היינטיקע נאַכט, אַלץ, וואָס איר האָט דורכגעלעבט און דורכגעטראַכט, און אין דעם וועט באַשטיין אייער שליחות...

מענדעלע האָט אַ צי געטאָן צום שרייבטיש!

ביים שרייבטיש איז ער דער הערשער. דאָ גיט זיך אים אונטער דאָס וואָרט, דער מענטש. דאָ פֿאַרטראַכט ער, דאָ פֿירט ער אונטער חשבונות, דאָ רעדט ער זיך אויס דאָס האַרץ, דאָ רעכנט ער זיך אָפּ מיט אַלעמען פֿאַר אַלץ!

דאָ קען ער שעלטן די שנור און מיינען די שוויגער, דאָ קאָן ער אויסברייען אַ משל און מיט „אַ נישט דאָס בין איך אויסן" טרעפֿן אין דער זיבעטער ריפּ, אַז יענער זאָל נישט וויסן פֿונוואַנען דאָס איז אים געקומען.

— צום שרייבטיש!

— צום שרייבטיש!

היינטיקע נאַכט איז ביי אים געווען אַ רייכער געפֿאַנג פֿון טעמעס. די היינטיקע נאַכט וועט אים סטייען אויף יאָרן לאַנג!

— צום שרייבטיש!

און מענדעלע איילט מיטן טשעמאָדאַן אין האַנט צום וואָקזאַל.

ס'איז נאָך דאָ עטלעכע שעה ביזן אָפּגיין פון צוג, נאָר דאָס מאַכט נישט אויס.

— אויף א וואָקזאַל, — האַלט מענדעלע, — דאַרף מען שטענדיק קומען א שטיק צייט פריער איידער דער צוג גייט אַוועק, ווייל אַ וואָקזאַל איז אַן אָפּענער בוך מיט אַ סך פאַרכאַפּנדיקע קאַפּיטלען, וואָס לאָזן זיך הערן און לאָזן זיך זען.

מיט טאָלסטאָיען ביי איין טיש

ס׳איז געגאַנגען דער לימוד פון מאַטעמאַטיק. די תלמוד־תורה־ייִנגלעך האָבן פיינט געהאַט די אויפגאַבעס, די אויפגאַבעס צוזאַמען מיטן לערער פון מאַטעמאַטיק.

די אויפגאַבעס האָבן צו טאָן בלויז מיט פּריצים, מיט פאַבריקאַנטן, מיט סוחרים און מיט פּראָצענטניקעס.

און ער, דער לערער, גיט אַכטונג מע זאָל ריכטיק ציילן זייערע קאַפּיטאַלן.

פעלט אַ גראָשן, צווינגט ער נאָכאַמאָל פון אָנהייב איבעררעכענען. געלט האָט ליב אַ חשבון און אַ חשבון דאַרף זיין ריכטיק, אַז נישט איז עס קיין חשבון נישט.

דער לערער פון מאַטעמאַטיק גראָבט זיך איין מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן און אויפגאַבע־בוך און לייענט אַרויס פון דאָרטן וועגן דער גרויסער גערעטעניש, וואָס איינער אַ רייכער פּריץ האָט אַראָפּגענומען פון עטלעכע טויזנט דעסיאַטין.

— מיט וויפל זשע איז די היי־יאָריקע גערעטעניש מער ווי די פאַר־יאָריקע, און מיט וויפל איז דער פּריץ רייכער געוואָרן, ווי באַלד היי־יאָר האָט ער אַזויפיל און אַזויפיל טויזנטער פודן געהאַט מער ווי פאַראַיאָרן און יעדן פוד פאַרקויפט אויף אַ קאָפּיקע טייערער?

אין אַ צווייטער אויפגאַבע שווינדלען דורך פאַר די אויגן צענדליקער און הונדערטער פראַכט־צוגן. דעם לערער פאַרכאַפּט אַזש אָטעם, גלייך ווי ער זאָל זיך נאָך זיי נאָכיאָגן און וועלן אויף איינעם פון זיי זיך אַרויפכאַפּן.

דער קלאַס, וואָס האָט נישט לאַנג אויסגעזען ווי אַ פול אָנגעלאָדענער תבואה־שפּייכלער האָט שיר נישט גענומען פּלאַצן פון די פאַרשיידענע שוכוואַרגן, זיידנס, געוואַנטן, סאַטינען און ציצן.

די תלמוד-תורה-ייִנגלעך האָבן געחשבונט, געחיבורט, געחיסורט, געכּפלט און געחילוקט און זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן און נישט געגלויבט די סך-הכּלען. צי דען זענען דאָ אויף דער וועלט אַזעלכע, וואָס פאַרמאָגן אַזוי פיל?

דער לימוד איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן אומעטיקער, לאַנגווייליקער.

ווי קאָן מען ציילן פרעמדע געלטער, ווען ביי דיר אין קעשענע איז קיין גראָשן נישטאָ?

חבֿרה האָט זיך איבערגעשריבן מיט צעטעלעך.

דער לערער פון מאַטעמאַטיק האָט געשריגן, געדראָט.

פּלוצעם האָט זיך אָן עפן אויף געטאָן די טיר און ס'איז אַריין סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש, דער פאַרוואַלטער פון תלמוד-תורה.

די שילער האָבן זיך אַלע ווי איינער אויפגעהויבן פון די ערטער.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש האָט גלייך אויפן אָרט געשאַפן א ניי בעל-פּה-אויפגאַבע-בוך פון די הלוואות, פון די נישט אָפגעצאָלטע פראָצענטן און נישט באַצאָלטע חובֿות, פון די גרויסע חיסורן, וואָס לאָזן זיך נישט כּפלען און טיילן אויף דער מאָלדאַוואַנקע.

...גייט זיך א מאַמע אויפן מאַרק. ניין, זי גייט נישט, נאָר זי פליט. די פאָלעס פון איר צעפאָלאָכעטער שאַל פאָכען ווי די פליגלען, ווער אין צו איר גלייך, זי פאַרמאָגט א פערטעלע, 25 קאָפּיקעס.

איז וואָס-זשע קויפט מען אַזוינס ס'זאָל זיין אי אַ סך, אי וואָלוול, אי זעטיק. פּאַסאָליעס! פאַלט זי אויף א גליקלעכן איינפאַל.

ראַבע, געפּליאַמעטע און געפינטלטע קאָסטן וועלוועלער, „באָמבעס" טייערער.

וועט זי פאַר פופצן קאָפּיקעס קויפן די ראַבע, געפּליאַמעטע און געפינטלטע אויף אינדערוואָכן. פאַר פינף קאָפּיקעס „לאָפּאַטעס" נישט חס וחלילה קיין ווייסע „לאָפּאַטעס", נאָר פון יענעם אינדערוואָכיקן מין, וואָס איז ראַב, געפּליאַמעט און געפינטלט.

און אויף יום-טובֿ וועט זי שוין פאַר פינף קאָפּיקעס זיך פאַרגינען ווייסע נגידישע פּאַסאָליעס מיט די גראָבע בייכער.

און אַזוי האָט זי געטאָן.

אַ פולער קאָשיק מיט פּאַסאָליעס, יעדער מין אין אַ באַזונדערן שקאַרמוץ און יעדער שקאַרמוץ אין א באַזונדער אָרט.

די אויפגאַבע ווערט פאַרגעזעצט:

אויב דריי מאָל אין טאָג עסן פּאַסאָליעס צו דריי גלעזער אויף אַמאָל און אין יעדער גלאָז גייט אריין אזויפיל און אַזויפיל, איז וויפל פּאסאָליעס דאַרף מען אויף אַ וואָך, אויף א חודש, אויף אַ יאָר?

אָן אַ שיעור הענגט בעטן זיך צום טאָוול.

ביז דער פּאַרוואַלטער האָט אָנגעוויזן אויפן אויסדערוויילטן האָבן זיך פון אַלע זייטן געטראָגן הילכיקע קולות, וויפל פּאַסאָליעס מען דאַרף אויף אַ טאָג, וויפל אויף אַ חודש און וויפל אויף א יאָר.

נאָכן געלונגענעם לימוד איז סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש אַ צופרידענער געגאַנגען פון קלאַס צו קלאַס באַזוכן די פאַרשידענע לעקציעס.

איינמאָל אין וואָך האָט ער שטענדיק באַזוכט אַלע קלאַסן.

* *

*

אַ מידער נאָכן באַזוכן אַזויפיל קלאַסן און לימודים איז סאַלאָמאָן מאָיסייעוויטש געגאַנגען צו זיך אין זיין תלמוד תורה־קאַבינעט.

פונעם הויף האָבן זיך געטראָגן הילכיקע קינדערישע געשרייען און געלעכטערס. ס'איז פונקט געווען די גרויסע הפסקה.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש איז געבליבן אויפן ערשטן שטאָק ביי אַן אָפענעם פענצטער נאָכקוקן ווי די קינדער שפּילן זיך.

אַ פלינקער שפּרונג פון אַ תלמוד־תורה־יינגל הייבט אויף דעם פאַר־וואַלטער פון אָרט, אָט שפּרינגט ער אַרויס פונעם פענצטער — בראַוואָ! פון אָט דעם יינגל וועט זיין א לייט, ער וועט שוין נישט זיין קיין קרומער רוקן.

אַ קונדס קערט זיך עטלעכע מאָל איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ, און דער פאַרוואַלטער איז פונעם צווייטן נאָך מער איבערראַשט ווי פונעם ערשטן.

— מיר פאַר זיינע ביינער!

עס פאַרמעסטן זיך צוויי חברה, ווער וועמען?!

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטשן מאַכט נישט אויס ווער עס וועט אויס־שפּילן, ביי אים איז דער עיקר דער גראַנגל און דאָס, וואָס יעקבס קינ־דער קאָנען באַווייזן דעם כוח פון זייערע הענט.

נאָר אָט איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן איינער פון די לערער און מיט געשרייען און דראָונגען פאַנאַנדערגענומען די חברה.

סאָלאָמאָן מאָסייעוויטש ווערט אויסער זיך און שיקט גלייך רופן דעם לערער אַהער אין קאָרידאָר צום אָפענעם פענצטער.

— וואָס טראַכט איר זיך, — בייזערט זיך דער פאַרוואַלטער אויפן לערער, — ניונקעלעך וועט איר דערציען, אויסגעדייוועטע, וואָס האָבן נישט קיין גוף און קיין אויסזען פון קיין גוף, איבערגעשראָקענע, וואָס אַנטלויפן פונעם אייגענעם שאָטן, מיר האָבן זיי גענוג, איבערגענוג!

מיר דאַרפן דערציען קינדער, קינדערשע קינדער...

גייסט, אַ מעשה מיט אַ גייסט, ווו דו שטייסט און ווו דו גייסט איז גייסט. מיר דאַרפן האָבן פּשוטע בשר־ודמים, לעבעדיקע, געזונטע קינדער און לעבעדיקע געזונטע מענטשן.

לאָזט אָפּ מיטן רוח, מיטן גייסט, שיקט דעם רוח צו אַלדי רוחות!

אָט זענען זיי! קוקט און קלייבט נחת, — ווייזט אָן סאָלאָמאָן מאָסייעוויטש דעם לערער אויף די סטאַטעטשנע, אויסגעבלייכטע, דערשראָקענע קינדער, וועמען עס גייט נישט אָן די שפּיל אַרום. דאָס זענען קינדער, וואָס זענען ערשט געקומען פון שטעטל, דאָס זענען קינדער פון גלופּסק און קאַבצאַנסק, דאָס זענען קינדער, וואָס זענען קיין קינדער נישט.

יאָ, „אין גלופּסק איז נישטאָ קיין קינדער“, חזרט איבער דער פאַרוואַלטער פאַרן לערער דאָס, וואָס ער, מענדעלע דער שרייבער ווערט נישט מיד איבערצוחזרן פאַר זיינע צוהערער און לייענער טאָג־טעגלעך.

„גלופּסקער יינגלעך זענען קליינע יידעלעך מיט אַלע פּאָסטעמקעס: מיטן ריידן, מיטן אָנטאָן, מיטן היטן זיך, מיטן פּחד און דעם טרויער און די דאגות, וואָס זענען אויפגעשריבן אויף זייערע פּנימער, דער חלוק איז נאָר, וואָס זיי זענען קליינע, זיי האָבן נישט קיין בערד און קיין ווייבער.

גלופּסקער מיידלעך זענען אַלטע ווייבער אי מיט זייער לשון, אי מיט זייערע געננ, זייערע תנועות, זייער הכנעה, זייער שטילקייט און אראָפּגעפאַלנקייט, אי אַפילו מיט זייער חכמה. נאָר וואָס דען? זיי זענען קליינע און קינדלען נישט, ווייטער גאָרנישט. קינדער אָן קינדישקייט, קינדער — אַלטע מענטשן“.

אַ רחמנות אויפן יצר הרע — ווייזט זיך אויף סאָלאָמאָן מאָסייעוויטשס ליפּן אַ בייסיקער שמייכל, — מיט אַזעלכע האָט שוין דער יצר הרע מער נישט וואָס צו טאָן.



מענדעלע און פרוי אין יאָר 1906

און ווי איז צו די פֿון וועמען דער יצר הרע האָט זיך מיאש געווען.

דאָרט, וווּ דער יצר הרע, דאָרט איז לעבן, דאָרט איז פֿרייד, דאָרט איז נייגיר און פֿאַרלאַנגען.

און דאָרט, וווּ דער יצר טוב, דאָרט איז אַלץ גוט, אַלץ גענוג, אַלץ קלאָר, און עס ווילט זיך נישט און עס גלוסט זיך נישט...

אוי, ווי ענג ס'איז מיטן יצר טוב, ענג אויף צו דערשטיקט ווערן.

*   *
*

אויפֿן שרייבטיש זענען געלעגן אַ סך פּאַפּירן, וועלכע דער פּראָוואַלטער האָט געדאַרפֿט דורכקוקן, אַרויסטראָגן זיין באַשלוס, אַרויסזאָגן זיין מיינונג. ס'זענען געלעגן פּלענער, שילערישע אַרבעטן, מעלדונגען, אָנקלאַגעס.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן זיין בליק פֿון דער מאָלסטאָי־סקולפּטור, וואָס דער יונגער סקולפּטאָר, זיין געוועזענער תּלמיד, האָט אים געשענקט אַלס מתּנה.

מיט טאָלסטאָיען ביי איין טיש מוז מען אָן אויפֿהער דענקען אין ברייטע מאַסשטאַבן, מוז מען זיך אויפֿהויבן אינדערהויך.

דעם געדאַנק האָט ער שוין געהאַט אַרויסגעזאָגט זיין תּלמיד, ווען ער האָט אים אין זיין בריוו באַדאַנקט פֿאַר דער מתּנה.

אָט פֿרווו אַוועקשטעלן אין דיין וואַרשטאַט לעאָנאַרדאָ־דע־ווינטשיס פּנים צו דיר, צו דער אַרבעט, וועסטו דאַן פֿאַרשטיין, וואָס דאָס באַדייט.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטשעס בליק איז געפֿאַלן אויף דער אָנקלאַגע אין „סלאָוועסניק" אויף נחמיה דער אַלמנהס ייִנגל פֿון מאָלדאַוואַנקע.

...פֿון דעם נחמיה איז שוין מער נישט אַריבערצוטראָגן, די מאַמע קלאָגט זיך אויף אים, אַז ער מאַכט זי אומגליקלעך, ער קאַלופּעט אויס דעם ווייכן ברויט אויף די געצקעס, וואָס ער האַלט אין איין אויסקנעטן ביי טאָג און ביי נאַכט, ער לאָזט איר איבער די סקאָרענקע.

די לערער קלאָגן זיך אויף אים, אַז ער פּילט אויס פֿאַרשידענע באַשטעלונגען פֿון די תּלמידים, וואָס טראָגן אַ האַרץ אויף דעם אָדער יענעם לערער.

זיינע אויסגעקנאָטענע פֿיגורן גייען פֿון האַנט צו האַנט און רופֿן אַרויס דעם גרעסטן חוזק.

און דעריבער, — קומט דער „סלאָוועסניק" צום אויספיר, — דאַרף מען אָנלערנען דעם מאָלדאַוואַנקער, ער זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן מער נישט קנעטן קיין פיגורן.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש האָט אויף דער ערשטער זייט פון דער אָנקלאַגע מיט אַ רויטן בלייער אָנגעשריבן:

פריער פון אַליץ דאַרף מען זיך באַקענען מיטן ייִנגלס פיגורן, אפשר זענען עס אינטערעסאַנטע פיגורן? אפשר איז דער מאָלדאַוואַנקער אַ פּעיק ייִנגל? אַ ייִנגל אין וועמענס פינגער עס האָט זיך אַרייַנגעכאַפּט אַ דיבוק און דער דיבוק לאָזט זיי נישט צורו?

אפשר איז דאָ אַ קומענדיקער אַנטאָקאָלסקי? אפשר, ווער ווייסט?

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש האָט זיך גענומען צו אַ צווייטער אָנקלאַגע און די אָנקלאַגע פונעם „סלאָוועסניק" אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט.

ער האָט דערפילט אַ קאַלטקייט און אומצופרידנקייט אין טאָלסטאָיס בליק, די סקולפּטור, האָט זיך אים געדוכט, האָט מיטאָמאָל לשון באַקומען, — ווי אַזוי קומט מען עס אָפּ מיט אַ רעזאָלוציע וועגן אַ קינד, ווען אַ קומענדיקער אַנטאָקאָלסקי טרינקט זיך?! איך וואָלט אַזוי נישט געטאָן.

און טאָלסטאָי זאָגט אַזוי:

„ווען איך גיי אַריין אין שול און זע די סאַמע אָפּגעריסענע, שמוציקע, האַרע קינדער מיט זייערע ליכטיקע אויגן, וואָלט איך איבערגעלעבט דאָס זעלבע, וואָס ביים זען, ווי מענטשן טרינקען זיך. אַך, טאַטעלעך! ווי אַזוי שלעפּט מען זיי אַרויס, ווען פריער, און וועמען דערנאָך?"

עס טרינקט זיך דאָ דאָס סאַמע טייערסטע.

איך וויל בילדונג פאַרן פאָלק צו ראַטעווען די, וואָס טרינקען זיך דאָרט, די פּושקינס און לערמאָנטאָווס, און זיי זענען פול אין יעדער שול.

אַ שטערן יאָגט איבער אַ שטערן, יאָגט איבער מיט זיין בלייַשנעלקייט, מיט זיין פאַלן, מיט זיין אויסגעלאָשן ווערן.

אַ שטערן נאָך אַ שטערן, און פון יעדן פאַרלאָשענעם שטערן ווערט סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטשן פינצטערער אין די אויגן, שווערער אויפן האַרצן, אַזויפיל האָבן געקאָנט ווערן און ווערן און זענען פאַרניכטעט געוואָרן...

— אַדוני טאָלסטאָי, — פאַרענטפערט מענדעלע דעם פאַרוואַלטער, — סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש איז נישט דער מענטש פון רעזאָלו-

ציעס, ער האָט ליב, פאַרשטייט און פילט מיט דאָס קינד נישט ווייניקער ווי איך, מענדעלע דער שרייבער.

ער האָט ליב קינדער „און דווקא אַזוינע, וואָס האַלטן זיך קינדעריש, אַפילו דאָס קינדערישע פלאַפלען, דאָס שפרינגען און טאַנצן איז ביי אים ליב און טייער".

ווען ער דערזעט אַ קינדערש קינד, וואָס פלאַפלט, וואָס שטיפט, וואָס שפרינגט, וואָס טאַנצט און באַוווּנדערט די שיינע וועלט, וועקט זיך אויף אין אים אַליין דאָס קינד.

אַלס עדות, אַז ס'איז אַזוי און נישט אַנדערש, שטעלט אַרויס מענדעלע דודלען, סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטשעס תלמיד, דעם שעפער פון דער טאָלסטאָי־סקולפטור, וואָס באַשיינט דאָ איצט דעם קאַבינעט.

אויך דודל האָט פון ברויט געקנאָטן קאַריקאַטורן אויף לערער און פּאַטראָנעסעס.

אויך אויף אים זענען געגאַנגען „האָגאָסן" און מען האָט געפּאָדערט אויסשליסן פון תלמוד תורה.

ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלע פאַרברייטערטע פּעדאַגאָגישע באַראַטונג.

דער שול־זאַל איז געווען איבערגעפולט, אויסער די תלמוד־תורה־לערער זענען אויך געקומען לערער און דערציער פון אַנדערע שולן, די אָדעסער פּאַטראָנעסעס — די מאַמעס פון אַלע יתומים, דאָס קוגל־פּעטס — די טאַטעס פון אַלע אלמנות.

אַ יתום, עפּעס אַ קלייניקייט אַ יתום? אַ יתום איז האָך עפּעס אַ קהלשע זאַך, יעדער איינער האָט דאָך אין אים אַ חלק.

איצט, נאָך אַזויפיל יאָרן, האָט סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש הנאה פון זיין אַריינפיר־וואָרט אויף יענער פּעדאַגאָגישער באַראַטונג, ווי ער זאָל אים נאָר וואָס געהאַט צונויפגעשטעלט ביי זיך אין קאָפּ.

אָנגעהויבן האָט ער פון דעם, אַז קונסט איז ווי ליבע, ווי גלויבן, ווי דער פאַרליבטער און פאַרגלויבטער ווערט דער קינסטלער אויסגעפּרוווט דורך די סאַמע שווערסטע נסיונות, דורך זיין אָפּפערוויליקייט.

דודל האָט אויסגעהאַלטן, נאָך אַ מין אויסהאַלטן!...

דודלס איינגעשפּאַרטקייט, זיין פעסטער ווילן, וועלכן קיינער האָט נישט געקאָנט ברעכן, באַווייזט, אַז ער האָט פאַרמאָגט עפּעס אין זיך אַזוינס, פאַרוואָס ס'איז כדאי געווען צו ליידן, צו מקריב זיין זיך.

און איר, אָנשטאָט העלפֿן, שטעלט איר אים אומעטום אונטער אַ פֿיסל, איר פֿאַרביטערט און פֿאַרקלעמט אים זיין יונג קינדערש לעבן.

מיט איין פֿאָר העגט און מיט איין צונג האָט מען דאָרטן גאָרנישט געקאָנט מאַכן. ער איז אַריין אין גרימצאָרן. און אַז ער גייט אַריין אין גרימצאָרן, ווערט ער גלייך אַן אַנדער מענטש, און דאָרט ווו צוויי, דאָרט איז אַ דריטער און ווו אַ דריטער איז אַ פֿערטער. עס האָבן זיך סקאָמפּאַניעוועט מענדעלע דער גוטער מיט מענדעלע דעם בייזן, מענדעלע דער היציקער און מענדעלע דער באַהאַכטער. אַ גאַנצע מחנה מיט מענדעלעך זענען אַרוים אין געשלעג.

— אַ שוסטערס אַ ייִנגל און אַ יתום דערצו האָרף נישט פֿליען אין די הימלען, זענען קולות געפֿלויגן פֿון אַלע זייטן:

דער בייזער מענדעלע האָט אַלע קולות איבערגעשריגן:

— נישט פֿליען, זאָגט איר, און וואָס זאָל טאָן דאָס אָרעם קינד, דעם שוסטערס ייִנגל, וואָס איז נאָך אַ יתום דערצו, אַז ער איז פֿאַרט באַשאָנקען מיט פֿליגלען, זאָל ער נישט פֿליען דערפֿאַר, וואָס איר און אַזעלכע ווי איר פֿרוזען?!

— די קונסט וועט זיך באַגיין אָן דעם מאָלדאַוואַנקער שלעפּערל!

אַלע מענדעלעך האָבן נישט אויסגעהאַלטן און אַלע ווי איינער זענען אַוועק אין אָנגריף — ווען טאַלאַנט וואָלט געווען אַ סחורה, וואָס מע קען עס קויפֿן אין די קלייטן, וואָלט אַוודאי טאַלאַנט געווען בלויז אויף דער נגידישער גאַס. אָבער טאַלאַנט קויפֿט מען נישט, טאַלאַנט ווערט געגעבן גאָר אויסדערוויילטע.

נישקשה, מאָלדאַוואַנקע וועט נאָך באַווייזן, וואָס זי קאָן, וועט נאָך זאָגן איר וואָרט.

דאָס געלט, וואָס עס קאָסט אָפּ איין „טשיזשיק פּיזשיק" אין אַ נגידישער שטוב, וואָלט גענוג געווען אויף אויפֿצוהאַלטן צען עכטע טאַלאַנטן, וואָס קאָנען זיך נישט לערנען איבער זייער אָרעמקייט.

— וואָס רעדט איר וואָס, — האָבן די פּאַטראָנעסעס געשריגן, — מיר גיבן אַוועק אַלץ וואָס מיר קאָנען פֿאַר די אָרעמע קינדער, אונדזערע הערצער זענען איבערפֿולט מיט רחמנות צו זיי און איר... מ'באַדאַרף דאָך האָבן אַ שטיינערנעם האַרץ כּדי רעדן אַזוי!

ווײַ, ווײַ, וואָס ס'האָט זיך דערמלט אָפּגעטאָן, וואָס האָט מען אים נישט געזאָגט און וואָס האָט מען אים נישט פֿאָרגעוואָרפֿן!

אָבער ס'איז כּדאַי געווען זיך שלאָגן פֿאַר אַזאַ דודלען, כּדאַי געווען!

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט שוין סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש אויסגעהערט נחמיהן, אָנגעקוואָלן פֿון זיין לשון, זיך זאַט נישט געקאָנט אָנקוקן אין זיינע ברענענדיקע אויגן און אומרואיקע פֿינגער.

אָט די פֿינגער, האָט סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש פֿאָרויסגעזאָגט נחמיהן, וועלן נישט נאָר וואַסער קאָנען שלאָגן פֿון אַ שטיין, נאָר אויך בלוט.

זיי וועלן, ווי דודלס, פֿון ליים אַ האַרץ, אַן עכט מענטשלעך האַרץ אויסקנעטן, פֿון מאַרמאָר אַ רעדנדיקן מח אויסהאַקן און אויף בראָנזענע פּלייצעס אַן עפּאָכע אַוועקזעצן:

זיי וועלן באַטיילן מיט גבורה, וועלן געהאָרכזאַם אויף די קני אַוועקשטעלן.

און דערווייל קאַלופּען זיי אויס ביי דער מאַמען דאָס ווייכע ברויט און מאַכן קאַריקאַטורעס, חיות און מענטשן, חיות ענלעכע אויף מענטשן, און מענטשן ענלעכע אויף חיות!

איין צד איז שוין אויסגעהערט און איצט ווערט אויסגעהערט דער צווייטער: דער „סלאָוועסניק“. און וואָס מער דער צווייטער צד רעדט, דערוויזט און באַשולדיקט, אַלץ מער שטעלט זיך סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש אויפֿן צד פֿונעם ערשטן...

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש האָט זיך געזעצט שרייבן אַ בריוו. ער האָט געשריבן צו זיינעם אַ נאָענטן פֿריינד אַ סקולפּטאָר און אים שטאַרק געבעטן צונעמען נחמיהן צו זיך אין קלאַס:

מיר דוכט, אַז דאָס איז זייער אַ באַגאַבט יינגל, זייער און זייער, פֿון אים קאָן אויסוואַקסן אַ לייט.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש לייענט איבער פֿאַרן „סלאָוועסניק“ דאָס בריוול און בעט אים נאָך היינט איבערגעבן דעם סקולפּטאָר.

— איר אַלס אַ לערער פֿון ליטעראַטור האָפֿט זיך פֿאַרבינדן מיטן סקולפּטאָר און מיר מיטטיילן יעדע וואָך, לאָמיר זאָגן אַלע פֿרייטיק, וועגן נחמיהס דערפֿאָלגן.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש האָט צונויפֿגעלייגט די פֿאַרשיידענע פּלענער, די מעלדונגען, די אָנקלאַגעס און די שילערישע אַרבעטן.

אויס פֿאַרוואַלטער, ער איז ווידער שרייבער...

די ווענט פֿון דער תלמוד תורה נעמען זיך פֿאַנאַנדער, ער לערנט איצט פֿאַר גאָר דער וועלט, פֿאַר קליין און גרויס, און זיין וואָרט גייט זיך פֿאַנאַנדער בכל תפֿוצות ישראל...

ביי פֿאַרהאָנגענע שפּיגלען

פֿאַלינע האָט פֿאַרהאָנגען די שפּיגלען, ביי וועלכע רחל, די עלטערע טאָכטער אירע פֿלעגט זיך אַליין געפֿעלן ווערן און נישט איינמאָל גע־פּרווט ביי זיי דערגיין דעם סוד, ווי אַזוי געפֿעלן ווערן יענעם.

און איצט איז רחל טויט. די מוטער קאָן נישט און וויל נישט קוקן צו די שפּיגלען פֿון איר טאָכטערס יוגנט מיט איר טיפֿן צער, מיט איר גרויסן אומגליק..

ביים פֿאָטער, ביי סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטשן, זענען די פֿאַרהאָנגענע שפּיגלען געגליכן געווען צו פֿאַרמאַכטע אויגן, וואָס זעען נאָך מער קלאָרער, ווייטער, ברייטער און טיפֿער, ווייל פֿאַרמאַכטע אויגן קוקן מיט דער סאַמע ליכטיקסטער און ווייטזעעוודיקסטער שיין — מיט דער שיין פֿונעם האַרצן.

רחל איז טויט... און יעדע מינוט זעט סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש אַ באַזונדער טייל, אַ באַזונדער טאָג פֿון איר לעבן, אַ סך לעבנס.

יעדער טייל און יעדער טאָג פֿון איר לעבן פֿאַרגייט און שטאַרבט אָפּ באַזונדער — נישט איין טויט, נאָר אַ סך טויטן...

דער טויט איז קיינמאָל נישט ווייט פֿון געבורט, באַזונדערס רחלס טויט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן און איבערגעריסן דעם סאַמע אָנהייב פֿון איר לעבן.

מענדעלע דערמאָנט זיך פֿאַלינען אויפֿן בראָכשטיל, פֿאַלינע גע־בוירט אין ווייען... שרייט ווי אַ הילפֿלאָז קינד — מאַמע!

פּלוצעם ווערט זי שטיל. דאָס ערשטע געבוירענע באַגעגנט דעם אָנ־הייב לעבן מיט אַ זיך פֿאַרגייענדיקן געוויין.

די מוטער מיטן פֿאָטער זענען גליקלעך, מע שטאָלצירט מיטן ערשטן געוויין, מיט דעם איינציקן, וואָס זייער נאָך נאָמענלאָזע טאָכטער קאָן אַרויסברענגען.

— וויינען איז געזונט — זאָגן די, וואָס פֿאָרען זיך ביי דער קימפּעטאָרין, — וואָס שטאַרקער האָט געוויין ביים ערשטן געבוירן קינד, אַלץ מער לופֿט פֿאַר די לונגען.

— דאָס איז דער ערשטער געוויין, — האָט סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש געשמייכלט, און זיינע כמעט אָנגעדעמיקע טונקעלע אויגן האָבן זיך גע־זשמורעט אין די גילדענע ברילן.

דאָס ערשטע מאָל וויינט דער מענטש אויף זיין געבוירן, דאָס צווייטע מאָל אויף זיין לעבן און דאָס דריטע מאָל אויף זיין טויט, ווי עס שטייט געשריבן: בעל כרחך — מיט גוואַלד ווערסטו געבוירן, מיט גוואַלד לעבסטו און מיט גוואַלד שטאַרבסטו.

פֿאָלינע האָט אויפֿגעציטערט. זי האָט אויסגעצויגן איר מידע האַנט און מיט אַ פֿאַסמע פֿון אירע צעלאָזענע שוואַרצע האָר זיך פֿאַרדעקט די אויגן. זי האָט זיך דערשראָקן פֿאַרן נישט פֿאַרזיכטיקן וואָרט וועגן טויט, וואָס דער מאַן אירער האָט דאָ ערשט אַרויסגעבראַכט.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש האָט זיך גלייך געכאַפּט און גענומען רעדן מיט דער געווינערין וועגן געבורט:

— אַ געבוירן קינד — דאָס איז אַ חוב אָפּגעצאָלט דער וועלט...

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש האָט אָפּגעשאַרט די פֿאַסמע האָר פֿון פֿאָלינעס אויגן, וואָס האָבן נאָך אויסגעזען פֿייכטלעך פֿון די ווייטיקן און מוטער־גליק און פֿאַרגעזעצט זיין געדאַנק:

ווערט געבוירן אַ קינד, באַקומסטו מער רעכט אויף דער ערד, איבער וועלכער דו שפּאַנסט... ווערט געבוירן אַ קינד, ווערן אין דיר אַליין גע־בוירן נייע וועלטן! וועלטן, וועגן וועלכע דו האָסט פֿריער קיין אַנונג נישט געהאַט.

די ליבע צום קינד מאַכט פֿאַר דיר ליבער אַלעמען און אַלץ... און דעריבער, זינט דער מענטש איז געבוירן ביזן סוף פֿון זיין זיין, וועט ער נישט אויפֿהערן ליבן, רימען און לויבן די פֿרוי, די מוטער.

...אין יעדן צימער, אין יעדן ווינקל טופּען רחלס ערשטע טריט און עס הילכט איר מאַ־מאַ־מאַ!

פֿאָלינע האָט דאָס גאָרנישט געקאָנט מוחל זיין: סמיימיש, וואָס הייסט עס? ווי קומט עס? פֿאַרוואָס עפּעס פֿריער מאַ־מאַ־מאַ און נישט טאַ־טאַ־טאַ!

ווי ווונדערלעך זענען די קינדערשע טאָקטן טאַ=טאַ=טאַ... ס'איז אפשר די ווונדערלעכסטע מוזיק, וואָס דעם מענטשנס אויער איז געגעבן געוואָרן צו הערן.

...אַ זוניקער טאָג. רחלע קומט צולויפן אַ דערשראָקענע — אוי, פּאַפּאַ! ס'וועט שוין קיינמאָל נישט ליכטיק זיין, ס'וועט שוין קיינמאָל וואַרעם נישט זיין!

ער נעמט זי אויף די הענט, דריקט זי פעסט צו זיך, — וואָס איז געשען? דערצייל, טייערינקע! און רחלע ברעכט אויס מיט אַ ביטער געוויין: — אוי, פּאַפּאַ! אָט ערשט האָט די קאַץ אויפגעגעסן די זון. זי האָט זיך לאַנג, לאַנג געשפּילט און געוואַרעמט אויף דער זון און דערנאָך איך 'קום אַריין אין קינדער=צימער, די קאַץ איז דאָ, און די זון איז שוין מער נישטאָ — די קאַץ האָט זי אויפגעגעסן, איינגעשלונגען.

רחלע וויינט און ער לאַכט, לאַכט פון פולן האַרצן, — ניין, טאָכטערקע, די קאַץ האָט די זון נישט אויפגעגעסן. די זון איז היים ווי פייער. ווען די קאַץ וואָלט נאָר געעפנט דאָס מויל, וואָלט זי גלייך פאַרברענט געוואָרן.

די קאַץ איז נאָר אַ בריה אויף מייז...

די זון קאָן קיינער נישט איינשלינגען און קיינער קאָן זי נישט אויסלעשן. די זון האָט געשיינט, געוואַרעמט, און וועט ווידער שיינען און וואַרעמען. אָט וועסטו זען, מאָרגן אינדערפרי וועט ווידער די זון קומען צו דיר אין דיין קינדער=צימער.

נאָך דער געשיכטע מיט דער קאַץ קומט מענדעלען אויפן זכרון די געשיכטע מיט דער גוסעניצע...

שטענדיק פלעגט ער באַזאָרגן רחלען מיט באַבלעטערטע צווייגעלעך פאַר דער גוסעניצע, וואָס האָט זיך געפילט אין גרויסן גלעזערנעם סלוי, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. צוזאַמען מיט רחלען פלעגט ער אָנקוקן פון דעם באַשעפעניש, וואָס האָט געשמאַק געגעסן איין בלעטל נאָכן אַנדערן און זיך געהאַלטן אין איין פאַרריכטן און וואַקסן.

נאָר אָט האָט געטראָפן, אַז די פּרעסעריקע איז געבליבן אָן איין בלעטל. ער, מענדעלע, האָט זיך צוגעקוקט און פאָלינע האָט אים נישט אַרויסגעלאָזט אויפן גאַס. שיקן עמעצן אַנדערש נאָך גרינס איז געווען אוממעגלעך, עס האָט געגאָסן אַ שלאַקס=רעגן.

רחלע האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. אַלע ווײַלע האָט זי אים צו וויסן געגעבן, אַז די גוסעניצע איז אין גרויס געפאַר.

מע־דעלע און בן־עמי אין יאָר 1907 אין זשענעווע

— פּאַפּאַ! זי וויל לעבן! ראַטעווע זי! זע, ווי זי האָט זיך צוגעטוליעט צום אַרומגעגריזשעטן צווייגל.

רחלעס מורא פֿאַרן טויט און איר שטאַרקער צער בעלי־חיים־געפֿיל האָבן אים אויפֿגעהויבן פֿון בעט. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אויף זיך אַ רעגן־מאַנטל, אָנגעטאָן די קאַלאָשן, גענומען דעם שירעם און שטיל, אומבאַמערקט פֿאַר פֿאָליגען געלאָזט זיך אין וועג אַריין קריגן שפּיז פֿאַר דער פֿאַרשמאַכטער גוסעניצע.

דער גאַנג האָט אים געקאָסט טייער — ער האָט זיך נאָך מער צוגעקילט און איז געלעגן איבעריקע צוויי וואָכן קראַנק. נאָר דערפֿאַר איז די גוסעניצע געראַטעוועט געוואָרן און צו רחלס גליק איז נאָר קיין סוף און גאָר קיין ברעג נישט געווען.

...רחיל טי מניע דאַנאַ... לאָזט סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש נישט צורו אָט די אַריע.

אָט די אַריע פֿלעגט ער שטענדיק אונטערברומען ווען רחלע פֿלעגט זיך מיט עפּעס וואָס אויסצייכענען, ווען זי פֿלעגט אים מיט עפּעס וואָס פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן.

רחלע האָט געוווסט, אַז ווען דער טאַטע זינגט די אַריע, איז ער שטאַרק אויפֿגעלייגט און ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זי זאָל ביי אים דאַן נישט קאָנען פֿועלן.

— פּאַפּאַ! שפּיל פּושקינען, פּושקינען שפּיל!

שפּילן פּושקינען האָט געהייסן לייענען פּושקינס אַ ליד, און לייענען פּושקינס אַ ליד האָט ביי סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש געהייסן שפּילן, באַוויזן אָנשוילעד יעדעס וואָרט.

ס׳אַראַ גרויס דערפֿאָלג ער האָט געהאַט ביי רחלען זון ביי אירע חברטעס אין דער ראָל פֿון פּושקינס ציגיינער־בער:

„רוטשנאָי מיעדוויעד לעזשיט נאַ וואָליע“.

פֿלינק האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט זיינע הענט און שווער איז געוואָרן זיין גאַנג — אַן עלטער בער אויף אַלע פֿיר.

און אָט קניט ער און פֿאַלט לאַנגזאַם אויפֿן דיל און ברומט אויס מיט הנאה די בערישע פֿרייד פֿאַר דער פֿרייהייט.

הילכיקע קינדערישע געלעכטערס, רווישיקע אַפּלאָדיסמענטן.

אַ באַגייסטערטער פֿונעם דערפֿאָלג האָט ער נאָכגעמאַכט דעם געזאַנג פֿון די ציגיינערס און דעם געשריי פֿון זייערע קינדער.

אָן פֿייער און יאָן האַלץ צעצינדט ער אַ שייטער. מיטן צונג גיט ער איבער דעם קנאַק פֿון די ברענענדיקע צווייגן. ער פֿאַרשטעלט זיך די אויגן פֿון דער שיין און רוקט זיך אָפּ, אַז דער פֿלאַם זאָל אים נישט טרעפֿן. ער אײנער ווערט אַלע ווײַלע אַן אַנדער ציגײַנער. ער אײנער ווערט אַ טומלדיקע ציגײַנער־מחנה, וואָס קלײַבט זיך אויף נאַכטלעגער.

— פּאַפּאַ, אַ מעשׂה!

— דיאַדיאַ, אַ מעשׂה!

— דערצייל!

— דערציילט!

רחלע מיט אירע חבֿרטעס לאָזן אים נישט צורו און קלײַבן פֿאַר אים אויס אַ מעשׂה וואָס זיי ווייסן שוין פֿון לאַנג, וואָס זיי האָבן שוין נישט איינמאָל געלייענט.

און ער דערציילט און פֿלעכט אַרײַן אין דער מעשׂה נאָך אַ מעשׂה, און עס הייבט זיך גאָרנישט אָן און עס לאָזט זיך גאָרנישט אויס — ס'איז גאָרנישט ווי אין ביכל שטייט געשריבן.

רחלע מיט אירע חבֿרטעס הערן נישט אויף טענהן, אַז ס'איז נישט די מעשׂה, וואָס זיי האָבן אים געבעטן דערציילן. און ער פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר זיי, אַז אַנדערש קאָן ער נישט — יעדע מעשׂה, וואָס ער נעמט דערציילן, באַקומט זיך ביי אים גאָר אַן אַנדער מעשׂה...

רחלע'איז נאָך אַ קינד, זי האָט אין זיך אַזויפֿיל קינדהערשעס... און ער באַמערקט, אַז זי איז עפּעס איבערגעשראָקן און פֿאַרטרויט לעצטנס אירע סודות בלויז דער מאַמען אירער.

— פּאַפּאַ, קוק נישט!

— פּאַפּאַ, פֿאַרמאַך די אויגן!

— פּאַפּאַ, גיי אַריבער אין אַ צווייטן צימער!

זיין טאָכטער איז באַרייכערט געוואָרן מיט בושה און צניעות... אין איר האָט אויפֿגעוואַכט די פֿרוי...

איינצייטיק האָט אין איר אויפֿגעוואַכט די קינסטלערין...

ס'איז באַשטימט געוואָרן שיקן זי לערנען אין פּעטערבורגער קונסט־אַקאַדעמיע. אַ יאָר צייט ביז איר אָפּפֿאָרן האָט פֿאָליגע געגרייט זי אין וועג אַרײַן און נישט אויפֿגעהערט וויינען, ווי אַזוי וועט זי זיך קאָנען צעשיידן מיט רחלען? ווי אַזוי וועט זי גאָר קאָנען לעבן אָן איר?

„...רחיל מי מניע האנא!" פרוווט זיך ווידער דורכרייסן זיין געוועזענע באַליבטע אַריע. נאָר ווי קאָן ער זי דורכלאָזן, אַז רחל איז ביי אים צוגענומען געוואָרן?

ווו ער גיט זיך אַ קער, צו וואָס ער גיט זיך אַ ריר, דערמאָנט אים, אַז זי איז דאָ געווען, אַז זי איז דאָ מער נישטאָ...

אָט איז איר בעט...

זי איז פאַרבעט און זויבער ריין, ווי ביי איר לעבן, נאָר קיין לעבן איז מער אין דער בעט נישטאָ — דער ריח פון מענטשלעכן לייב איז אויסגעוועבט פון איר, איר סקריפּ רופט זיך מער נישט אָפּ אויף יעדן קלאַפּ פון הארצן און אויף יעדן אומרואיקן געדאַנק. דאָס בעט רירט זיך מער קיינמאָל פון אָרט און פאַרשווונדט מער קיינמאָל נישט אין דער וועלט פון חלומות...

די קליידער אין אַלמער זענען ווי קינדער, וועמען מ'האָט איינגערעדט, אַז זייער געשטאָרבענע מוטער איז אַוועקגעפאָרן צו גאַסט און וועט זיך איינגיכן אומקערן צו זיי. זיי וואַרטן אויף רחלען. אָט וועט זי קומען און אויסקלייבן די שענסטע פון זיי און גלייך פאַרריכטן איר טעות און איבערבייטן זי אויף אַ צווייטער, אויף אַ דריטער, אויף אַ פערטער קלייד.

יעדעס קלייד מיט איר באַזונדער שיינקייט, מיט איר באַזונדערן חן. און רחלען זענען קאַרג אַלע שיינקייטן און אַלע חנען.

גיין, רחל וועט שוין מער קיינמאָל נישט קומען. זי איז אויסגעטאָן פון דער וועלט, אויסגעטאָן פון אַלץ. די קליידער הייבן אָן אויסזען אין סאָלאָמאָן מאָיסייעווישעס אויגן ווי אלמנות, וואָס ווייסן, אַז זייער וועלט איז פאַרשפּילט, קיינער וועט זיי מער נישט דערוואַרעמען און זיי וועלן מער קיינעם נישט באַצירן און באַשיינען.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש פאַרהאַלט זיך לאַנג ביי רחלס ביכערשראַנק — ביי די לערער און וועגווייזער פון איר לעבן, און קאָן נישט שלום מאַכן מיטן טויט. זי איז נאָך נישט געוואָרן, נאָר האָט געקאָנט ווערן. די פּראָפעסאָרן פון דער פעטערבורגער קונסט־אַקאַדעמיע האָבן איר פאַרויסגעזאָגט אַ גלענצנדיקע צוקונפט.

ווי שווער ס'איז זיך באַגעגענען מיט די אָנגעהויבענע און נישט פאַרענדיקטע לייוונטן, וואָס וואַרטן נאָך אַלץ אויף רחלס צויבער־האַנט, וואָס

זאָל מיט טראָפּנס פֿאַרב ווי מיט טראָפּנס בלוט באַלעבן פֿאַרשידענע פּנימער, פֿאַרשידענע געשטאַלטן.

די נאַטור, דער מענטש זענען דאָך אומאויסשעפּלעך אין זייער פֿיל־געשטאַלטיקייט. יעדע מינוט האָט זיך איר באַזונדער קאָליר און פֿאַרב און יעדער פּנים האָט אַלע ווײַלע עפּעס אַנדערש צו זאָגן.

ווען ער, סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש, וואָלט איצט אַראָפּגעריסן דעם שוואַרצן דעק פֿון שפּיגל וואָס אַנטקעגן, וואָלט ער זיך דערשראָקן פֿאַר זיך אַליין, אויף אַזויפֿיל האָט ער זיך מסתּם געענדערט. דער אומגליק האָט אים איינגעבראָכן און ער האָט פֿאַרלוירן זײַן גראָדע שטאַלטקייט.

די פֿינגער פֿאַרפּלאָנטערן זיך אין די קנײַטשן אויפֿן ברייטן שטערן און ציטערן אויף ווי די פֿינגער פֿונעם קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָבן זיך אָנגעשטויסן אין דער טיפֿעניש פֿון ראָיאַל אויף אַ ווייטיקדיקן מינאָר.

די אויגן שפּאַרן זיך צו אויף די אונטערגעלייגטע געשוואָלענע בלוילעכע קישעלעך.

די רויטקייט פֿונעם צעצונדענעם ווייטיק גיסט זיך איבער מיט דער ווײַסקייט פֿון די גרוי געוואָרענע האָר, מיט דער בלאַסער ראָזעווקייט, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זײַן געוועזענער טונקל־מאַטעווער עטוואָס געלבלעכער הויט.

שוין עטלעכע טעג, אַז ער האָט נישט געהערט זײַן שטים און וואָלט ער זיך איצט צערעדט, וואָלט ער אויף געוויס דערהערט, אַז זײַן שטים איז איינגעשרומפּן געוואָרן און האָט פֿאַרלוירן איר הילכיקייט.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש נעמט אַרויס פֿון ביכער־שראַנק רחלס אַרכיוו. ער לייענט העפֿטן, טאָג־ביכער, בריוו, באַטראַכט אירע פּייזאַזשן, עסקיזן און פּאָרטרעטן. עס שטיקט אים, גלייך ווי די ברייטע נאָזלעכער פֿון זײַן גרויסער שטאָלצער פֿאַרריסענער נאָז אָטעמען איין אין זיך דעם ריח און גערוך פֿון פֿאַרברענטע ביימער, פֿון אַ יונג פֿאַרשרפּטן וואַלד, וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך מצבֿות פֿון קויל־שוואַרצע שטאַרצנדיקע וואָרצלען.

— וואָס לאָזט מיר צו הערן אָט דאָס קאַרטינקעלע? — באַטראַכט סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש צוויי פֿאַרטאָגן מיטאַמאָל — דעם פֿאַרטאָג פֿון זײַן טאָכטער און דעם פֿאַרטאָג פֿונדרויסן, וואָס העלט אויף דורך די צעעפֿנטע פֿענצטער.

ער פֿאַרקוקט זיך מיטאַמאָל אויף צוויי הימלען. ער גייט צו נענ־טער, טרעט אָפּ ווייטער. אים ווילט זיך דערוויסן, אויף וויפֿל איז רחל דערגאַנגען דעם סוד פֿון ליכט און שאָטן.

וואָס מערער בילדער ער לאָזט דורך פֿאַר די אויגן, אַלץ מער לאָזן זיי אים צו הערן, אַז ער האָט פֿאַרלוירן נישט נאָר אַ טאָכטער, נאָר אויך אַ יורשטע.

ליבע צו עלטערן איז געגעבן געוואָרן יעדן איינעם, און דעריבער איז יעדע טאָכטער אַ טאָכטער, אָבער די גאָב פֿון איבערנעמען, פֿון ירשענען ביי די עלטערן זייערע אינערלעכע אוצרות איז געגעבן געוואָרן בלויז אויסדערוויילטע, געציילטע.

און זי, זיין רחל, איז געווען איינע פֿון די אויסדערוויילטע, איינע פֿון די געציילטע: ניין, נישט גערעכט זענען די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז זיין יורש איז דער זון זיינער, דער טאַלאַנטירטער ליבטער מיכאל, און אַז רחל איז דער מאַמעס יורשטע — זי האָט געירשנט פֿאַלינעס פֿעיקייטן צו מאָלעריי.

יעדעס בילד באַזונדער זאָגט עדות, אַז אויך אים האָט רחל געירשנט. אין יעדן געמעל דערקענט ער עפּעס זיינס, וואָס איז איבערגעגעבן גע־וואָרן איר, זיין טאָכטער — זי האָט געירשנט זיין ליבע צו דער נאַטור, צום פּאָרטרעט, זיין קרעדאָ איז געוואָרן איר קרעדאָ.

„אַ קאַרטינקע באַדאַרף מיר לאָזן עפּעס צו הערן".

וואָס זשע לאָזט מיר צו הערן דער „פֿאַרליבטער"? קאָן סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש לאַנג נישט אָפּווענדן זיין בליק פֿונעם פּאָרטרעט, וואָס רחל האָט געשאַפֿן מיט אַ יאָר צוריק פֿאַר איר טויט, ווען זי איז אַלט געוואָרן 18 יאָר.

ווער איז „דער פֿאַרליבטער"? דער געליבטער פֿון איר טרוים, צי פֿון איר וואָר?

עס גייען פֿאַר אים דורך פֿאַרליבטע און געליבטע איינס שענער פֿונעם צווייטן. און דער טאַטע ווי דער שרייבער ווייסט, אַז אַ שיין פּנים איז נאָך גאָרנישט. און ער דרינגט אַריין אין יעדנס האַרץ, ער קלייבט און קלייבט און ווייסט גאָרנישט וועמען אויסצוקלייבן פֿאַר זיין טאָכטער.

ער געפֿינט אים אויס, דעם באַשערטן, דעם אויסדערוויילטן... ערשט געווען אַ ווייטער, אַ פֿרעמדער, און אָט פֿאַלן זיינע פֿאָטערלעכע בענטש־דיקע הענט אויף זיין קאָפּ.

צי דערמאָנט ער איצט איר נאָמען? צי שטייט זי אים איצט פֿאַר די אויגן? צי טרויערט ער איצט נאָך איר?

נאָר ווי, דער וואָס האָט געזאָגט רחלען — דו ביסט מיין אייגנציקע, דו ביסט מיין באַשערטע, חזרט עס איצטער איבער פֿאַר אַ צווייטער..

און רחל? — רחל איז ווי גאָר אויף דער וועלט נישט געווען...

פֿאַר זיינע אויגן גייט דורך אַ מוטער־פֿאַראַד פֿון מאַדאָנעס, פֿון אַלע מאַדאָנעס, וואָס ער האָט ווען נישט געהאַט געזען. אַ מאַדאָנע נאָך אַ מאַדאָנע און יעדע איינע האַלדזט איר קינד, באַשיצט אים, באַוואַכט אים.

וויפֿל הייליקייט און וויפֿל צער אין יעדן בליק. וויפֿל גבורה און וויפֿל שוואַכקייט אין יעדער האַנט, וואָס נעמט אַרום? וויפֿל שיינקייט אין יעדן פֿינגער, וואָס צערטלט?

און צווישן די אַלע מאַדאָנעס איז נישטאָ און עס וועט נישט זיין די מאַדאָנע פֿון זיין טאָכטער. ווען זי, רחל, וואָלט געלעבט, ווען איר וואָלט געווען באַשערט, וואָלט זי אַליין אויך געוויס געווען די מוטער, און איר אייגן קינד, דאָס קינד פֿון איר מאַדאָנע.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש שטויסט זיך אָן פּנים לפּנים מיט זיין אייגענעם פּאָרטרעט. רחל האָט הערזען אין אים דאָס דייטלעכע, דאָס, וואָס עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן.

דער שטרענגער קינסטלער פֿאַרצייכנט אויף דער לינקער זייט פֿונעם פּאָרטרעט מיט העברעישע אותיותלעך:

אַ פּנים, וואָס האָט איין פּנים, האָט גאָר קיין פּנים נישט. דער מענטש האָט אַ סך נישט אַנטפּלעקטע פּנימער, אַ סך איננו נראהם. דער קינסטלער דאַרף זיין דער רואה — דער אַנטפּלעקער, וואָס באַמערקט, און דרינגט אַריין אין דאָס פֿאַרבאָרגענע און פֿאַרבאַהאַלטענע.

גלייך וועקט זיך אויף אין מענדעלען דער פֿאָטער און ער פֿאַרענטפֿערט זי, די טאָכטער זיינע, די קינסטלערין — די קונסט ווערט נישט געגעבן דעם קינסטלער אין איר שלמות, אין איר איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿאַרענדיקטן אויסזען. זי רייפֿט מיט יאָרן.

דער מאַמען האָט זי צוגעטראָפֿן, — הערט נישט אויף סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש אויסלייענען די וועלטן, וואָס רחל האָט אַנטפּלעקט אין איר מוטער, אין זיין פּאָלינען, — ריכטיק! ריכטיק! קיין איין געפֿעלשטער שטריך.

פון דער פרוי און מוטער איז זי געגאַנגען צו דער קונסט און נישט פון דער קונסט צו דער פרוי און מוטער, און דערפאַר איז דאָ אַזויפיל אומגעמיטלבאַרקייט, אַזאַ אויפריכטיקע פשטות און טיפקייט.

— ווער איז דער? ווער זי?

און ווידער באַמערקטע פעלער, און דער קינסטלער פאַרצייכנט קורץ און שאַרף:

גרין, אומצייטיק.

— גאָרנישט שלעכט, — גייט אָפּ דאָס האַרץ ביים פאָטער.

— גוט, — באַווייזט זיך אַ שמייכל אויף זיין פּנים.

— אויסגעצייכנט! — באַגייסטערט זיך סאָלאָמאָן מאָסייעוויטש.

— ניין, עס טויג נישט, — רעגט ער זיך גלייך ווידער אויף און שרייבט אונטער זיין שטרענגן אורטייל:

קונסט האָט ליב קלאָרקייט. אַ בילד איז נישט קיין היראָגליף.

— די פליגל פונעם אומרו, דער אַרום איז גוט, אַלץ איז אין אָנגע־שטרענגטער באַוועגונג. און ער אַליין, דער גייער, איז הויכט זיך, שטיין געבליבן.

אינעם גייער באַדאַרף אַלץ גיין, באַדאַרף זיך אַלץ באַוועגן.

די פליגן זיך באַוועגנדיקע האַנט, וואָס רופט און גאַנג שטעלט זיך פלוצעם אָפּ. סאָלאָמאָן מאָסייעוויטש ציטערט אויף — וואָס טוט ער עס? ס'איז דאָך שוין פאַרפאַלן, די פעלערן קאָנען נישט פאַרריכט ווערן, די האַנט, וואָס האָט געזוכט, די האַנט וואָס האָט טעותן געמאַכט איז דאָך טויט!

ער הייבט זיך אויף פון אָרט. שפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער. ער וואָלט איצט אַליין געוואָלט ווערן דער גייער, וועלכן ער האָט זיך ערשט פאַרגעשטעלט און פאַרלאַנגט צו זען אין רחלס בילד.

נאָר וווהין גייט מען? וווהין טוט מען זיך אַהין, ווען אין האַרצן איז אַ קבר?

סאָלאָמאָן מאָסייעוויטש גייט צו צום אָפענעם פענצטער. ער רוקט אַרויס זיין קאָפּ אינדרויסן.

פון גאַס אַנטקעגן קומט אָן פאָלינע אין שוואַרצן געקליידט. זי גייט אָפּגעזונדערט. וואָס מער זוניקער אינדרויסן, אַלץ טונקעלער איז ביי איר אויף דער נשמה, וואָס אימפּעטדיקער און ראַשיקער עס טראָגט זיך דאָס לעבן, אַלץ מער דערפילט זי, וואָס דער טויט האָט מיט איר אָפּגעטאָן.

זי קאָן שוין מער נישט איבערטראָגן די איינזאַמקייט און עלנטקייט, וואָס האָבן זי געטריבן איבער די גאַסן פון אָדעס. זי גייט אַהיים. אָט באַלד וועט זי אַריין צו אים אין קאַבינעט.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש גייט אָפּ פון פענצטער, ער וויל אַרויס רוקן זיין ווייבן פאָטעל, אים צוגרייטן פאַר פאָלינען און ער כאַפּט זיך, אַז ער איז גאָרנישט ביי זיך אין קאַבינעט. אַ נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט איז ער אָפּגעווען אין רחלס צימער.

פאָלינע טאָר אים דאָ נישט טרעפן, ער האָט איר געגעבן דאָס וואָרט. אַז ער וועט אַהער נישט אַריינקומען.

פאָלינע טאָר אויך נישט וויסן, אַז ער האָט זיך פאַרנומען מיט רחלס אַרכיוו.

די בילדער פאַלן ביי סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטשן פון די הענט, ער ווייסט נישט וווהין אַהינצוטאָן זיי, וויאַזוי זיי בעסער אויסבאַהאַלטן, אַז פאָלינעס אויג זאָל די גאָענטסטע צייט מיט זיי זיך נישט קאָנען באַגעגענען.

ער פרווט זיי פאַרמאַסקירן הינטער די פאַפּירן און צייטונגען פון רחלס שרייבטיש און גלייך צעשליידערט ער זיי. ער צעעפנט אַלע טישקעסטלעך און פאַרשליסט זיי דערווייל ווידער אין ביכער־שראַנק.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש גלייכט זיך אויס, מאַכט זיך צורעכט, קעמט זיך צו די באָרד און די האָר פון קאָפּ, פאַרשליסט נאָך זיך רחלס צימער און גייט געשווינד איבער צו זיך אין קאַבינעט.

ער באַלייגט דעם שרייבטיש זיינעם מיט אָנגעשריבענע און נישט דערשריבענע פאַפּירן און מיט אַ ריי צעעפנטע ביכער.

ווען פאָלינע האָט אָנגעקלאַפּט, האָט סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש זיך אויפגעהויבן, אַ רוק געטאָן דעם פאָטעל זיינעם און דייטלעך אונטערגעשטאָרבן, מיט זיינע הילכיקע טריט, אַז ער גייט גלייך פון שרייבטיש עפענען איר די טיר.

— אַ גוט מאָרגן!

פאָלינע פאַרוויטלט זיך און קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי אירע ליפּן האָבן אַרויסגעבראַכט דאָס וואָרט גוט. וואָס פאַר אַ גוט מאָרגן? אַ וועלכער גוט מאָרגן?!

— אַ גוט יאָר דיר, פעסעניו!

פון דעם וואָרט גוט ווערט אויך סאָלאָמאָן מאָסייעוויטשן עפּעס נישט גוט.



ח. נ. ביאַליק, בן־עמי, שלום־עליכם און מענדעלע

וואָס פאַראַ גוט יאָר? אַ וועלכער גוט יאָר?

ביידע בלייבן זיי שטיין איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. ביידע ווייסן זיי, אַז טרייסט דאָס איז אויסגעטראַכט. און ביידע פרוּוון זיי צו טראַכטן ווי אַזוי און מיט וואָס איינער דעם צווייטן טרייסטן...

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש זעט, ווי פון פאָליִנעס פנים זענען פאַר די עטלעכע טעג אָפגעווישט געוואָרן אַלע פאַרבליבענע יוגנט־שפורן. ער קוקט גלייך אין אירע רויט אָנגעצונדענע אויגן, וועלכע די נאַכט קאָן נישט צומאַכן אויף קיין איין מינוט און פרעגט ביי איר, צי איז זי געשלאָפן? צי דער קאָפ טוט איר נישט וויי און ווי איז ביי איר מיטן האַרצן?

— געשלאָפן, געשלאָפן, דער קאָפ טוט נישט וויי און דאָס האַרץ האָט זיך באַרויִקט.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש הערט זיך צו און דערקענט נישט פאָליִנעס שטים, פאָליִנעס אַרט רעדן. אויף וועלכער שפראַך זי האָט פריִער נישט געהאַט גערעדט, אויף ייִדיש, רוסיש, פראַנצויזיש אָדער דייטש, פלעגט דאָס וואָרט אַרויסגעבראַכט ווערן ביי איר דורך דער נאָז מיט אַ פראַנצויזישן אָפקלאַנג, און דאָס האָט איר צוגעגעבן אַ באַזונדער שטיפערישן יוגנטלעכן חן. און איצט, קוים וואָס דאָס וואָרט דערגייט צו אירע ליפן.

פאָליִנעס ליפן מורמלען וועגן דעם שפאַציר, וואָס זי האָט ערשט דורכגעמאַכט, וועגן דער פרימאָרגנדיקער פרישער לופט, וואָס האָט זי געקרעפטיקט און געשטאַרקט.

סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטשעס אויגן האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אינעם שוואַרצן שאַרף, וואָס מאַכט נאָך מער ווייסער פאָליִנעס גרויען קאָפ האָר און לאַנג זיך נישט געקאָנט אָפרייסן פון אירע מאַטלאָזע, פאַרלוירענע, אַראָפגעלאָזטע הענט.

— נו, און דו, ווי פילסטו זיך? — רייסט פאָליִנע איבער די שטילקייט, — ווי גייט עס ביי דיר מיט דער מוזע? דו האַלסט דאָך, אַז מוזע שטאַמט פון וואָרט מוזן, מ׳מוז! שרייבן מוז מען שטענדיק, אומעטום, ביי אַלע אומשטענדן.

— ריכטיק! ריכטיק! ס׳איז טאַקע אַזוי, מוזע שטאַמט טאַקע פון וואָרט מוזן. מ׳מוז... אָט זע, — ווייזט אָן סאָלאָמאָן מאָיסייעוויטש אויף די אָנגעשריבענע און נישט דערשריבענע פאַפירן, וואָס זענען געלעגן

צעלייגט אויפן שרייבטיש, און גענומען פאַנאַנדערוויקלען פאַר פּאָלינען אַן ערשט אויסגעטראַכטן סיוזשעט.

פּאָלינע האָט גלייך דערפילט, אַז די וויציקע פרייליכע מעשה איז ערשט דאָ די מינוט באַשאַפן געוואָרן אויף צו באַרואיקן זי. אויף פּאָלינעס ציטערנדיקע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ ביטערער שמייכל:

— ווו קומט דאָס צו דיר, דו ביסט דאָך עפּעס אַ רעאַליסט?

פאַרלירנדיק די טרייסט בלייבן זיי ביידע פאַרלוירן... זיי קערן זיך אָפּ איינער פון צווייטן און באַהאַלטן אויס זייערע פּנימער אין די אָפּענע פענצטער.

זיי בלייבן שטיין ווי פאַרגליווערט און קוקן לאַנג אינדרויסן, אין דער וועלט אַריין...

ווי שיין ס'איז דער מאָנבלאַן

שווייץ איז אַ געבענטשט לאַנד. שווייץ איז באַרימט מיט אירע בערג, מיט אירע אָזערעס, מיט אירע קוראָרטן און מיט אירע זייגערס. אַ שווייצער לויפט נישט פאַרויס און פאַרשפּעטיקט נישט אויף קיין רגע.

ראיעל זענען די ווייזערס און רואיק זענען די אומרוען ביים באַגלייטן דאָס אַוועקגייענדיקע און ביים באַגעגענען דאָס אָנקומענדיקע.

אַ שווייצער זייגער, ווי אַלץ, וואָס ווערט דאָ באַשאַפן, טראָגט אין זיך די פּינקטלעכקייט און זיכערקייט פון רו, דעם שטעמפּל פון פרידנלאַנד...

שווייץ איז געווען דער עיר מקלט פאַר פּאָליטישע עמיגראַנטן, שווייץ האָט אַ דאַך געגעבן אַלע די, וואָס זענען פון זייער לאַנד און פון זייער היים פאַרטריבן געוואָרן.

אַהער, אין דער שווייץ איז אויך געקומען מענדעלע...

זשענעווע. די זעלבע שטאָט הייסט אויף דייטש גענף, און מענדעלע האָט דעם „פ" אַוועקגעשטעלט פאַרן „נ" און דעם „נ" צום סוף, און פון גענף איז ביי אים געוואָרן גפן — אַ שטאָט אַ ווייַנשטאָק, אַ שטאָט וו מ'פילט זיך ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן.

— הער אַ מעשה, — האָט מענדעלע זיך נישט געקאָנט אָנחידושן און אָנלויבן, — אַ שטאָט אָן „חוואָרניקעס", אָן „פּריסטאַוון", אָן „גאָראָדאָוואָיעס" און אָן „פּאַשפּאָרטן".

אדרבא, זאָל זיך יעדער איינער טראַכטן וועגן מיר, וואָס ער וויל, אַ מענטש איז דאָך להבדיל נישט קיין באַקאַליי-קלייט, וואָס באַדאַרף האָבן אַ שרייענדיקע שילד. וועמענס עסק איז דאָס צו וואָסער פאָלק, צו וואָסער שיכט איך געהער און צו וועלכן גאָט איך דין.

און וואָס איז דיין באָבעס דאגות צו מיינע פרימעטעס, הויך, קליין אָדער מיטלוואַקסיק, געל, שוואַרץ, בלאָנד, אָדער גאָר פון אַ מיתה

משוגה=קאָליר? ווי אַזוי זעען אויס די אויגן און וואָס פאַר מויל? — אַן עסער צי אַ פרעסער, אַ שווייגער צי אַ פּלאַפּלער?

און דערנאָך גייט אַ כּורה נאָז, אַ שמעקעדיקע צי חס וחלילה אַ פאַרלייגטע?

האָם האָט איר זיך פרימעטעס, הײנט ווי זענען „אָסאָבע פרימעטעס“?

פרעגט זיך צוליב וואָס? „דער תּירוץ איז אָבער, אַז קשיות פרעגן איז קיין שכל נישט“

אין „גפן“ איז גאָר עפּעס אַנדערש, אין „גפן“ בין איך אַ ווייגשטאָק און ווער עס וויל קומט מיך און באַלעקט מיך און באַשמעקט מיך.

גלייך די ערשטע טעג האָט אים, מענדעלען, אָפּגעשטעלט איינער אַ נאָרוועגער און אים געפרעגט, צי ער איז נישט פון נאָרוועגיע און צי איז ער נישט איבסענס אַ נאָענטער קרוב, ווייל ער כאַפּט אַ שטאַרק אָנבליק צו איבסענען.

אַ גרופּע סטודענטן האָבן אים אָנגענומען פאַר אַ פּראָפעסאָר, פאַר אַן אויסגעשלאָסענעם פּראָפעסאָר און זיי האָבן אַלץ געוואָלט דערגיין ביי אים, צי איז ער אַ פּראָפעסאָר פון פּינקטלעכע צי פון הומאַניסטישע וויסנשאַפטן. און וואָס האָט ער אַזוינס געטאָן, וואָס ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן און פאַרטריבן געוואָרן אַהער קיין ווישענעווע?

איינע אַ מאַמע האָט אַפילו אויף קיין האָר נישט געצווייפלט, אַז דאָס איז ער, דער באַוווּסטער ענגלישער האַרץ=פּראָפעסאָר, אויף וועלכן מ'וואַרט שוין דאָ לאַנג און זי האָט אים געבעטן גלייך זי פאַרשרייבן צו אים אויף אַ וויזיט.

אין פילשפּראַכיקן לאַנד האָט זיך אויך מענדעלעס זאַפטיקער יידיש דערפילט היימיש..

די דייטשיש=רעדנדיקע האָבן באַוווּנדערט די שפּראַך, וואָס איז אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט פון דייטש.

שטעלט אַז אויף מענדעלען עמעצער אַ פּאָר אויגן און שלינגט יעדעם וואָרט זיינס, פאָרט ער אַריין גלייך מיט אַ פּסוק און לאָזט פאָרויס די העברעישע ווערטער, וואָס האָבן זיך צונויפגעלעבט און איינגעבירגערט מיט די יידישע, און די אָנגעשטעלטע פּאָר אויגן לאָזן זיך גלייך אַראָפּ פאַרשעמטע פאַר דעם טעות.

די זינגעוודיקייט פון מענדעלעס יידיש ציט צו דאָס אויער פון די איטאַליעניש רעדנדיקע, און די שפּילעוודיקייט גיט אָנצוהערן די פאַר=

ליבטע אין פראַנצויזיש, אַז אויך דאָס יידישע וואָרט איז אויף זיין אופן שפּילעוודיק.

מכל ימיו האָט מענדעלע ליב געהאַט בערג און מכל ימיו האָט אים געצויגן צום העכסטן באַרג...

אויפן גרויסן בריק, וואָס איז איבערגעוואָרפן איבער דעם טייך ראָנע, האָט מענדעלע שעהן לאַנג געקאָנט אָפּשטיין, ווייל פון דער בריק האָט מען אַרויסגעזען דעם ווייסן, דעם שטענדיק מיט שניי באַדעקטן מאָנ-בלאַן, דעם העכסטן פון די אַלפּן און מערב-אייראָפּע.

עס מאַכט נישט אויס, וואָס דער מאָנבלאַן געפינט זיך אויף דער פראַנצויזישער גרענעץ, פאַרקערט, וואָס ווייטער דער באַרג, אַלץ העכער זעט ער אויס.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און דער שטאַלטנער רייז-גרויער מאַן אין שאָקאָלאַד-קאָלירענעם מאַנטל מיטן ווינטערדיקן קיילעכדיקן היטל אויפן קאָפּ און מיטן שטעקן אין האַנט איז באַוווּסט געוואָרן צווישן אַלע איינוווינער, עמיגראַנטן, טוריסטן און קוראָרטניקעס פון זשענעווע. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור, דער סאַמע יינגסטער זיידע, וואָס האָט נאָך אַליין אַ זיידן.

שטענדיק, ווען מ'פלעגט פרעגן מענדעלען, ווהין איילט ער עס אַזוי? פלעגט ער פאַרזשמורען די אויגן און קינדעריש זיך צעשמייכלען,

— וואָס הייסט ווהין? צו אים, צום זיידן, צום מאַנבלאַן.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור איז געקומען אַהער נישט ווי קיין טוריסט, נישט ווי אַ קוראָרטניק, נאָר ווי אַן עמיגראַנט, ווי אַן אַנטלאָפענער פון די אָדעסער פּאָגראָמען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין 1905-טן יאָר.

****

ווי שיין זי זאָל נישט זיין די שווייץ, און ווי גוט ער, מענדעלע, זאָל זיך נישט פילן אין זשענעווע, איז צו דער היים קומט עס נישט.

זיין היים איז אָדעס, זיין היים איז רוסלאַנד.

מענדעלע. וואָס איז בטבע געווען נישט פון די שטאַרק צוגעלאָזענע, און וואָס נישט אַזוי גרינג האָט ער זיך געקאָנט צונויפלעבן מיט אַ מענטש, האָט זיך אין גלות שווייץ שטאַרק געענדערט.

ער האָט שטענדיק געזוכט און שטענדיק געבענקט נאָך אַ מענטשן פון רוסלאַנד. עס האָט נישט אויסגעמאַכט אויב דער מענטש פון רוס-

לאַנד געפֿינט זיך שוין אין דער שווייץ אַ סך פֿריער פֿון אים. אַלצאיינס האָט ער ביי אים אָפּגענומען אַ גרוס — וואָס הערט זיך עפּעס דאָרט ביי אונדז? וואָס טוט זיך דאָרט?

פֿון אַן אָדעסער איז שוין אָפּגערעדט. אַן אָדעסער איז ביי אים געווען דאָס אויבערשטע פֿון שטויסל.

אַן אָדעסער האָט פֿאַר אים געדאַרפֿט אויסמעסטן אָדעם אין דער לענג און אין דער ברייט, אויסרעכענען יעדע גאַס, נישט געאײַלט דורכגיין די מאָלדאַוואַנקע, זיך דורכשפּאַצירן מיט אים פֿון סטאַנציע ביז סטאַנציע, פֿון דער ערשטער ביז דער זעכצנטער, ביזן גרויסן פֿאָנ־טאַן, אַראָפּ מיט אים צום ים, אַריין מיט אים אין די ווײַנגערטנער און זיך פֿאַרשיכורן מיט אים צוזאַמען פֿון די אַקאַציע־ריחות.

אַלע אינדערפֿרי, פֿאַרן טיי טרינקען, האָט מענדעלע צום אַלעם ערשטן באַדאַרפֿט איבערלייענען די אָדעסער און די צענטראַלע רוסישע צייטונגען, וואָס מע פֿלעגט אים ברענגען פֿון דער פּאָסט.

אין איינעם אַ שיינעם פֿרימאָרגן, ווען מענדעלע האָט זיך געכאַפּט, אַז ביי אים אין שטוב אַרבעט אַן אייגענער צענזאָר, וואָס דערלאַנגט נישט צו אים די פֿינצטערע ידיעות, וואָס קומען פֿון רוסלאַנד, האָט מענדעלע אַזוי געזאָגט: היט מיך גאָט פֿון מײַנע אייגענע צענזאָרס, פֿון די פֿרעמדע וועל איך זיך, ווי עס גייט, אַליין אויסהיטן.

און פֿון יענעם טאָג אָן איז אויס, אויס פּאַרטרויען אַ צווייטן. און שטענדיק, ווען עמעצער האָט אים געפּרוווט פֿאַרשפּאָרן אַ גאַנג, פֿלעגט זיך מענדעלע אָפּשלאָגן מיט הענט און מיט פֿיס. ניין, און ניין, הלמאי זאָלט איר זיך מטריח זיין, איך בין אַ דאַנק גאָט אַליין אַ מוכר ספֿרימניק און וועל זיך, ווי עס איז, אַליין באַדינען...

די צייטונגען זענען געווען פֿון פֿאַרשידענע ריכטונגען, און פֿאַר יעדער באַזונדער צייטונג האָט מענדעלע געהאַט אַן אַנדער נאָמען און אַן אַנדער אָרט.

דעם „חכם“ האָט ער געהאַלטן אין בוזעם־קעשענע, דעם „רשע“ אין דער הינטער־קעשענע, דעם „תם“ און „שאינו יודע לשאול“ אין די זייטיקע.

ווייזט זיך מענדעלע מיט די צייטונגען, רינגלט מען אים אַרום פֿון אַלע זייטן און מע לאָזט אים נישט צורו, ווי אַמאָליקע יאָרן אין די שטעטלעך אַ מוכר ספֿרימניק, וואָס האָט געבראַכט שפּאָגל נייע, טשע־קאָווע און פּיקאַנטע ביכלעך צום לייענען.

— חכם מה הוא אומר? — וואָס זאָגט עפּעס דער „חכם“?

— רשע מה הוא אומר? — וואָס זאָגט עפּעס דער „רשע“?

— און דער „תם“, דער ניע טאַם און ניע טוט, פרעגט נאָך אַלץ מה זאת? — וואָס איז דאָס? וואָס קומט עס פאָר?

— און דער „שאינו יודע לשאול“, די שטומע ליליע שווייגט נאָך אַלץ?

מענדעלע הייבט אָן שטענדיק פונעם „רשע“. אין דער הגדה פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט דער חכם. נאָר אין לעבן איז גאָר עפּעס אַנדעריש, אין לעבן איז דער רשע דער בעל־הבית, אין לעבן איז דער רשע דער חכם, דער רעדלפירער און וואָרט־זאָגער.

— אַהאַ! — באַרימט זיך איינער פון די צוהערער, — וואָס האָב איך געזאָגט, איך האָב נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק געזאָגט, אַז דאָס און דאָס וועט אין די נאָענטסטע טעג זאָגן דער „רשע“.

— ריכטיק! ריכטיק! לאָזט מענדעלע אַראָפּ דיברילן פון שטערן און באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס דעם גליקלעכן יונגנמאַן, דעם פאָר־אויסזאָגער און פּראָגנאָסטיקער — ריכטיק! ריכטיק! יעדער ייִד ווייסט נאָך פון אייערנעכטן, וואָס עס וועט זיין אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג איבערמאָרגן.

ס'איז אַ פּשוטער שכל, ווייל ס'איז נישטאָ אַזאַ ייִד אויף דער וועלט, ער זאָל זיך שטענדיק נישט געפינען אין דרוק...

די בילבולים פונעם „רשע“ האָבן גאָר קיין סוף און קיין ברעג נישט. ער האָט די העזה אַפילו איבערצושאַצן די ייִדישע געשיכטע, פאַר־גלייכן און אויסגלייכן דעם נעכטן מיטן היינט.

— אָוואַ! אָוואַ! — שרייט אויס מענדעלע — אַן אייזערנער זכרון! איינער אַ בן שלושים געדענקט, וואָס ס'איז געווען מיט פופציק יאָר צוריק און אַט דער שוואַרצער קומענדיקער איז גאָר נישט קיין מיע־לאָטשנער, ווי באַלד לייגן, איז פאַרוואָס נישט אויף הונדערט יאָר, אויף מויזנט?...

וואָס? וואָס זאָגט ער דער טאַנעבאַרע? איר הערט לשון?

...די ייִדן וועט מען קיינמאָל נישט מוחל זיין דערפאַר, וואָס זיי האָבן געטויט יעזוסן און דערפאַר, וואָס זיי האָבן געבוירן מאַרקסן.

מען וועט זיי קיינמאָל נישט מוחל זיין פאַר די בראָדסקעס, פּאָ־ליאַקאָווס און ראָטשילדס און פאַר די שוואַרצע בלוזעס מיט די לאַנגע האָר...

זיי שפּילן זיך מיט פייער, די ייִדן, און דערפאַר ווערט הייַנט, ווי שטענדיק, מיט זייער בלוט געלאָשן דאָס פייער פון דער רעוואָלוציע.

מענדעלע און זייַנע צוהערער רעגן זיך אַלע וויילע אויף. שטעלן זיך אָפּ און רירן ווייטער, און אַזוי פאַמעלעך פאַרגייען זיי אין „ענגלישן גאָרטן", וואָס גיבן דער זשעגעווער אָזערע, דאָס סאַמע באַליבסטע אָרט מענדעלעס.

און דער „רשע" שעמט זיך נישט אין סאַמע העלן טאָג, פאַר דער שיין פון דער זון, פאַר דער לויטערקייט פונעם הימל, פאַר די ביימער, פאַר די קלאָרע וואַסערן פון דער אָזערע און פאַר די ווייסע, שטאָלצע שוואַנען, וועמענס אויפגעהויבענע קעפּ מיט די האַלב קיילעכדיקע העלדזער דערמאָנען מענדעלען אין האַרפעס.

די שווימענדיקע האַרפעס, אַזוי רופט זיי מענדעלע, די האַרפעס פון דער שוואַנען־ליד.

דער „רשע" פאַרמיאוסט אַלע שיינקייטן און ציילט ווי זיין רייכסטן פאַרמעגן פּאָגראָם נאָך פּאָגראָם, אַזוי פיל ייִדן האָט מען געהרגעט, אַזוי פיל זענען נאָך געבליבן לעבן. נישקשה, עס וועט נאָך סטייען אויף אַ צווייטן און דריטן פּאָגראָם...

פאַר מענדעלעס אויגן גייט דורך דער חורבן...

פעדערן, פעדערן... אַ מבול פון פאַרבלוטיקטע און אויסגעפליקטע פעדערן... ווי, ווי, וויפל פייגל ס'זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן!..

די פייגלען, וואָס פליען דאָ אין גאָרטן זענען פון די אַנטלאָפענע, פון די געראַטעוועטע, פון די לעבן־געבליבענע.

עס דערגייט צו זיין אויער דאָס געשריי פון בלוט, דאָס געשריי פון די אומגעקומענע, דאָס געשריי פון די, וואָס האָבן געקאָנט קומען און וועלן מער קיינמאָל נישט קומען אויף דער וועלט.

מענדעלע הערט, צום וויפלסטן מאָל הערט ער שוין, ווי זי, די „קליאַטשע" קלאָגט זיך פאַר אים:

...אויף מיין פעל שטייט אָפּגעדרוקט מיט אַלערליי צייכנס די גאַנצע געשיכטע פון אַכזריות, פון ווילדקייט און פון נאַרישקייט, וואָס האָבן געהערשט אין יענע שווערע, ביטערע צייטן.

מיין אָפּגעבאַרעטע פעל מיט די בלויע צייכנס, מיין צוקאַראַבאַשע־טער רוקן מיט די ביילן — איז די געשריבענע געשיכטע פון יענע אַלטע דורות. קוק אייך מיין פעל און לייען!...

י. ל. לעווינסקי, מענדעלע, י. ח. ראווניצקי (זיצן)
ח. נ. ביאַליק, א. גוטמאַן (ש. בן־ציון)

עמעצער וואַרפט פאַר דעם זייַדן, ווי קומט עס צו אים, ער זאָל זיפצן, אַז זיין מיתה איז נאָר צאָרעגען און שעלטן...

און מענדעלע איז מפסיק און פאַרענטפערט זיך, אַז דאָס האַרץ איז גישט קיין פילאָסאָף, אַז ס'טוט אים ווי — זיפצט ער, נאָגט ער און וויינט.

ווידער שטיל און ווידער לייענט מענדעלע די מגילה פון געבראָטענע ייִדן, די מגילה פון פייער און בלוט, און אַ מידער צעבראָכענער פסוק רייסט זיך אַרויס פון זיינע ליפּן:

„עיפה נפשי להורגים“ — איך בין שוין מיד געוואָרן צו דערהרגעט ווערן! וויפל מאָל קאָן מען? וויפל מאָל איז דער שיעור?

איינמאָל אַן עקידה, אַ צווייטן מאָל אַן עקידה, אַ צענטן מאָל, אַ הונדערטן מאָל...

„בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו“ — אין יעדן דור שטייט מען אויף צו פאַרלענדן און צו פאַרטיליקן אונדז. זיין דור פייניגט זיך אויס פאַרן צווייטן, איין דור גיט איבער דעם צווייטן...

איז ווער קאָן עס אַריבערטראָגן? איז דען מעגלעך יעדן טאָג, ביי יעדן אָטעם, ביי יעדן קלאַפּ פונעם האַרצן צעריסן און צעפליקט ווערן אויף שטיקער? און געבראַכט ווערן צו עקידה אויף אַלע מזבחות פון דער וועלט?

די האַרבסטיקע זון וואַרעמט פרילינגדיק. מענדעלע מאַכט צו די אויגן גישט אויף איינצודרימלען, חס וחלילה, נאָר אויף קוקן און זען ווייטער. שטענדיק ווען מענדעלע פאַרטראַכט זיך, ווען מענדעלע דערמאָנט זיך אין עפּעס, האַלט ער צוגעמאַכט די אויגן.

מענדעלעס זכרון איז לייכט און פלינק, ווי די פויגלען, וואָס פליען דאָ אַרום.

מענדעלעס זכרון האָט פליגלען, אַ פלי, און ער איז גלייך דאָרט, וו ער איז שוין לאַנג נישט געווען.

אַ פלי, און ער וואַקסט אויס אין די לאַנג פאַרשוווּנדענע ציימן, ביי די לאַנג געוועזענע דורות.

— איר זענט מיד, זיידע, — רייסט זיך אַריין אין דער אַרומיקער שטילקייט אַ נישט געוואַגטע שטים, — איז זייט אַזוי גוט און גיט אַהער דעם „חכם“ וועלן מיר לייענען און איר וועט הערן.

— וואָס זאָגט איר עפּעס צוויף דעם חכם, — צעעפנט מענדעלע ברייט זיינע אויגן, — איך האָב געלייענט דעם „רשע“ און ער וועט

לייענען דעם „חכם". א העזה א ביסל — פארבייטן דעם זיידן, דער זיידע ביימיקט זיך נאך גישט, מ'זאל אים פארבייטן.

די אנגעכמורעטע פנימער פון מענדעלעס צוהערער ווערן אויפגע־לעבט.

מענדעלע פאלט צו צום „חכם" און באגעגנט יעדע שורה, ווי מ'באגעגנט די זונען־שטראלן, וואס האבן זיך דורכגעריסן און דורכ־געשלאגן א וועג איבערן פארוואלקנטן הארבסט־הימל.

מענדעלע לייענט און טייטשט אויף זיין אופן יעדעס ווארט און אלע נעבן אים ווערן ביי זיך זיכערער.

די אלדערס יאגן זיך נאך די קראען און זיי ווילן זיי פאריאגן...

קעגן די פאגראמען טרעט ארויס טאלסטאי, קאראלענקא, גארקי. אהבעטער, רוסישע ארבעטער שליסן זיך איין אין די יידישע זעלבסט־שוץ־אטריאדן.

טויזנטער טרעטן ארויס קעגן דער „שווארצער מאה".

דער „חכם" זאגט: בעטן ביים קיסר גנאד, איז ווי ביים תלין בעטן, ער זאל די שטריק נישט פארציען, ער זאל די האק נישט אויפהייבן.

רעדן צום געוויסן פון די שווארצמאהניקעס איז ווי צו דער וואנט. געוויסן איז לויטער און קלאר ווי ערשט אראפגעפאלענער שניי, און זיי זענען שווארץ ווי די פינצטערע נאכט.

מענדעלע איז מסכים מיטן „חכם" און איז נישט מסכים מיט מענ־דעלען, מיט יענעם מענדעלען, וואס האט נישט אנערקענט ביאליקס „אין שחיטה־שטאט".

ביאליק האט אין זיין פאעמע געצארנט קעגן די קרבנות, וואס זענען געגאנגען צו דער שחיטה, ווי שאף, און מיט א ברכה אויף די ליפן אויסגעשטרעקט זייערע העלדזער פארן חלף.

ביאליק האט געצארנט קעגן אנמאכט, און איך — אנערקענט זיך מענדעלע אפן דא פאר אלעמען, — האב עס אויפגענומען ווי אן אכזריותדיקע פארשוועכונג פון ביאליקס זייט. ניין, ניין, מיין ליב אייניקל איז גערעכט, און דער זיידע איז אומגערעכט, שטארק אומגערעכט!

ביאליק זאגט:

„לא ידענו למה מתם ועל מי ועל מה מתם" — מיר ווייסן נישט פארוואס, צוליב וואס און פאר וועמען איר זענט אומגעקומען.

יאָ, מ׳האַרף ווייסן, ווי אַזוי און פאַרוואָס אומצוקומען ווי מ׳דאַרף ווייסן אין נאָמען פון וואָס און צוליב וואָס לעבן.

און האָט מענדעלע זיך אָפּגעווענדט פון די ציטונגען צו ביאַליקן, מוז ער שוין פאַרזעצן די אָפּווענדונג, אַזאַ איז דער שטייגער זייגער ביים שרייבן, ביים שמועסן, ביים דערציילן.

יעדע אָפּווענדונג אין אַ זייט פרישט אים אָפּ און גיט אים צו כוחות ביים אומקערן זיך צום עיקר.

און טאָמער טרעפט, אַז די אָפּווענדונג ווערט וויכטיקער ווי דער עיקר, איז עס אויך אַ קליינער אומגליק. מענדעלע איז נישט פון די שרייבער, וואָס אַדאַנק זייער איבערלעבער אָרעמקייט פאָרן זיי רייטנדיק בלויז אויף איין אויסגעדאַרטן געדאַנק און האַלטן זיך בלויז ביי דער גריווע פונעם סיוזשעט.

און מענדעלע זידלט מענדעלען, — דער זיידע האָט געמאַכט אַ סך טעותן אין זיין לעבן, עס האָט געטראָפן, אַז גלאָז, פשוט גלאָז, האָט ער אָנגענומען פאַר אַ דימענט, און דעם עכטן דימענט האָט ער אָנגענומען פאַר גלאָז.

איי, בין איך ווערט שמיץ!... איך האָב זיך שטאַרק געטשעפּעט צו ביאַליקן. דאָ איז מיר נישט געפעלן געוואָרן זיין „המתמיד“ און דאָ איז מיר נישט געפעלן געוואָרן זיין „אריה בעל גוף“, וואָס זשע טוט ער אָפּ אָט דער שקאָץ, אָט דער ביאַליק, ער שרייבט ווייטער, און וואָס ווייטער אַלץ בעסער, אַלץ טיפער.

איך שטיי אויף די קני פאַר אים און שריי — האָב רחמנות אויפן זיידן און זיי אים מוחל! פאַרגעס, וואָס ס׳איז געווען, און ער ווערט אַלץ פאַרשייטער און שקאָצעוואַטער.

איך בין זיך מודה פאַר אים — נצחתני בני — דו ביסט מיר ביינגעקומען, זון מיינער! און ער, ווי גאָרנישט צו אים, גייט פון איין נצחון צום צווייטן! איי אַ בראַנד, איי איז דאָס אַ בראַנד, אָט דער ביאַליק, אַזאַ בראַנד־מייסטער האָט נאָך די וועלט נישט געזען, אַליין דער אונטערצינדער און אַליין דער פייערלעשער. שרייבט ער אָן „אַ מגילת האש“ איז קאָן מען פאַרשרפעט ווערן פון איר, און גלייך „ואתא מיא וכבה לנורא“ — איז געקומען דאָס וואַסער פון זיין „הברכה“ און האָט פאַרלאָשן דאָס פייער.

ס׳איז דען אַן „הברכה“: ס׳איז אַ ברכה פון זיין ליבן נאָמען!

מענדעלע ווערט אַנטשוויגן, שפּיגלט זיך אין די וואַסערן פון אָזערע און אויף זייגע ליפּן לויפן אָן און שטיפן פאַרשייטע שורות פון ביאַליקס „הברכה“.

אַן אָפּגעפרישטער און אָפּגעלעבטער נעמט זיך מענדעלע ווידער צו די צייטונגען, ידיעות, כראָניק, קאַרטינקעלעך, וואָס לאָזן עפּעס צו הערן....

מענדעלעס בליק האָט זיך אָנגעשטויסן אויף גאָר וויכטיקס און ער שרייט אויס הויך אויף אַ קול: — אַ וואונדערלעכע טעמע! אַ ראָמאַן! וווּ נעמט מען אַ ראָמאַניסט? שלום־עליכם ווו ביסטו? דו ביסט דאָך ביי מיר עפּעס פון די אחשתרנים, פון די פליגקע!

איר הערט? זייט אַזוי גוט, כאַפּט אַ קוק אַהער אין צייטונג און זעט, ניין, הערט און איך וועל לייענען.

גריגאָריעוו, דער רוסישער סטודענט גריגאָריעוו, האָט אָנגעפירט מיט אַן אָטריאַד פון דער יידישער זעלבסטשוץ און איז העלדיש אומגעקומען.

זיין אייביקע רו האָט ער געפונען אינעם ברודער־קבר אויפן אָדעסער יידישן בית־עולם.

גריגאָריעוו האָבן באַוויינט אַלע אָדעסער יידישע מאַמעס און טאַטעס, אַלע יידישע ברידער און שוועסטער, ווייל ער איז געוואָרן אַלעמענס זון, אַלעמענס ברודער, אַלעמענס נאָענטער און אייגענער.

מענדעלעס צוהערער און פאַרערער, וואָס זענען ווי מענדעלע געקומען אַהער קיין זשענעווע זיך ראַטעווען פון די שוואַרצמאַהשע פּאָגראָמען, באַערן דעם אָנדענק פונעם רוסישן סטודענט, פונעם רוסישן קדוש מיט שווייגן...

ער איז אַריין אין זייער בלוט — ער האָט פאַרגאָסן זיין בלוט פאַר זייער בלוט.

און מענדעלע, וועמען ס'איז באַשערט געווען „זיך אַראָפּלאָזן אויפן נידעריקן טרעפּל פון יידישן לעבן, אונטן אין די קעלערס“ און שטענדיק האָבן צו טאָן מיט אביונים און קבצנים און שטענדיק זען פאַר די אויגן די טאָרבע — „די אַלטע, גרויסע טאָרבע“, קוקט אַ צייט אַריין אין דער יידישער געשיכטע, ווי אין אַ פרישער, ערשט נאָר וואָס אָנגעקומענער צייטונג.

די יידישע געשיכטע איז אים באַקאַנט פון דעם ערשטן ביז דעם לעצטן בלעטל, ער ווייסט גענוי אַלע אירע וועגן און אומוועגן, ווי ער

ווייסט די וועגן צו זיין היים אין אָדעס, ווי ער ווייסט די וועגן דאָ אין זשעניעווע צום „ענגלישן גאָרטן“.

מענדעלע פירט אַריין דעם רוסישן סטודענט, וואָס האָט מקריב געווען זיין לעבן פאַר די אָדעסער ייִדן, אין דער ייִדישער געשיכטע און זעצט אים אַוועק אויבנאָן צווישן אַלע די, וואָס האָבן ווי ער אין פאַרשידענע צייטן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַרן ייִדישן פאָלק.

פון די גיגלאָפּיאַטעווער, גלופּסקער רייזעס אויפן פאַרזונעטן סקריפּענדיקן וועגעלע, רייזט איצט מענדעלע פלינק פון לאַנד צו לאַנד, פון דור צו דור, ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע אין רוים.

...אין רוים איז געווען איינגעשטעלט, אויב עס שטאַרבט איינער פון די סענאַטאָרן, ווערט בטל יעדער גאָר נישט פאַרענטלעכטער און נישט אויסגעפילטער געזעץ.

ויהי היום, באַשטימט דער רוימישער סענאַטאָר אומברענגען אַלע ייִדן, וואָס געפינען זיך אונטער דער הערשאַפט פון רוים.

די אָנגענומענע גזירה איז געווען געהיים. וועגן איר האָבן אַפילו נישט געוווסט די תנאים רבי אליעזר, רבי יהושע און רבי גמליאל, וואָס האָבן דאַן געוווינט אין רוים.

געפינט זיך צווישן די סענאַטאָרן איינער אַזאַ, וואָס באַשטימט דורך זיין טויט מבטל צו מאַכן די גזירה און ראַטעווען דאָס לעבן פון ייִדישן פאָלק.

אויף איינער פון די זיצונגען פון סענאַט, אויף וועלכער ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער פּלאַן ווי צו פאַרניכטן די ייִדן, האָט דער סענאַטאָר אָנגעטאָן אַ פאַרסמטן גאָלדענעם רינג אויף זיין פינגער.

און ווען אַלע סענאַטאָרן האָבן אויפגעהויבן אינדערהויך די הענט צו שטימען, האָט דער סענאַטאָר איינגעזאָפּט דעם גיפט פון זיין רינג און זיין האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און געפאַלן אַראָפּ. דער סענאַטאָר איז געשטאָרבן און די גזירה איז בטל געוואָרן.

מענדעלע פאַרלאָזט רוים. די וועגן, וואָס פירן פון רוים זענען נישט ווייניקער ווי די וועגן, וואָס האָבן געפירט קיין רוים...

אויף יעדן וועג זענען פאַרהיט די וואַנדער־טריט פון דער ייִדישער געשיכטע.

גזירות. בלוט, פיינט און פריינד...

אויף אייביק זענען פאַרקריצט אין זכרון פון פאָלק זיינע פריינד!

אויף אייביק זענען פאַרקריצט אין זכרון פון פאָלק זיינע פיינט!

מענדעלע וווּנדערט זיך, גלייך ער האָט זיך ערשט דערוווּסט וועגן דעם, — עד היכן מגיע — ווי ווייט עס דערגייט! ווי ווייט דאָס פאָלק האָט געקאָנט אָפּשאַצן אַלע די, וואָס האָבן אים מיטגעפילט און איבער־געלעבט צוזאַמען מיט אים זיין צרה, זיין אומגליק...

די רוימער, די באַהערשער, פאַרמשפּטן צום טויט די צען גרעסטע יידישע געלערנטע. פריער פון אַלץ, דאַרף דער קאָפּ אַראָפּגענומען ווערן!

דער תלין באַקומט אַ באַפעל באַזונדערס פּייניקן רבי עקיבא און חנינה בן תהדיון.

דער תלין שפּילט זיך מיט חנינה בן תרדיונס לעבן ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז.

חנינה קוקט אַרויס אויפן טויט ווי אויפן גרעסטן אויסלייזער און דער תלין קערט אים אום אַלע ווייַלע דאָס לעבן.

אַ שעה, צוויי און דריי, און דאָס שטייַנערנע האַרץ פון תלין האָט אָנגעהויבן פּליסן מיט בלוט. האָט אָנגעהויבן קלאַפּן ווי עס קלאַפּט אַ מענטשלעך האַרץ, האָט אָנגעהויבן קלעמען, ווי טאָן און מיטפילן.

דער תלין פאַרגרעסערט דאָס פייער פונעם שייטער און חנינה קומט גלייך אום.

עס געדויערט נישט קיין רגע און דער תלין אַליין וואַרפט זיך אַריין אין פייער און ווערט פאַרברענט.

איז אַ בת קול אַראָפּ פון הימל און געגעבן צו וויסן — דער תלין איז הייליק ווי חנינה און ווי חנינה וועט ער פאַרקניפּט און פאַרבינדן ווערן אין אייביקן בונד פונעם לעבן, ווי חנינה וועט דער תלין קיינמאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון דער געדעכעניש פון פאָלק...

אַ ביישפּיל נאָך אַ ביישפּיל און ווידעראַמאָל קערט זיך אום מענדעלע צום רוסישן סטודענט, וואָס האָט מקריב געווען זיין לעבן פאַר די אָדעסער יידן.

*   *

*

ווען מענדעלע וואָלט געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אין „ענגלישן גאָרטן“, וואָלט זיך קיינער פון אָרט נישט גערירט.

אין דער סביבה פון מענדעלען, — זאָגן שטענדיק זיינע פריינד אין אָדעס און דאָס זעלבע אין זשענעווע — אם ר' מנדלי יש כאן הכל יש כאן — איז מענדעלע דאָ איז אַלץ דאָ...

מיט מענדעלען ציט זיך נישט די צייט, ווייל ער בייט און ענדערט די צייט, קערט אום די פאַרגאַנגענע און דערנענטערט די נאָך נישט אָנגעקומענע.

— שוין צייט אַהיים! — זאָגט מענדעלע — איך וועל שוין היפּש אַריינכאַפּן פון מייניקע פאַר פאַרבויגן אַ פרישטיק און פאַר פאַרשפּעטיקן צום מיטאָג.

מענדעלע לאָזט דעם שטעקן פאָרויס, ער נאָכן שטעקן און אַלע נאָך אים. און מענדעלעס שטעקן האָט די טבע פון זיין בעל הבית, ער לאָזט נישט דורך קיין איין בוים, ער לאָזט נישט דורך קיין איין גרעזל, קיין איין בלעטל.

דער שטעקן קלאַפּט אָן אין אַ בוים און מענדעלע פאַרהערט זיינע מיטגייער, צי ווייסן זיי וואָס פאַר אַ בוים דאָס איז. צי קאָנען זיי לויט די קאַרבן זאָגן וויפל דער בוים איז אַלט, און צי קאָנען זיי איצט, אין האַרבסט, דערפילן, ווי דער בוים שמעקט און וואָס פאַר אַ ריחות ער גיט אַרויס אין פרילינג.

דער שטעקן טרעט אָן אויף געל אויסגעטריקנטע בלעטער. די בלעטער שורשען.

מענדעלע הייבט אויף אַ זשמעניע בלעטער, גלעט זיי און באַשמעקט זיי, ווי ער זאָל פאַר זיי פאַרענטפערן דעם נישט פאָרזיכטיקן טראָט פון זיין שטעקן.

— אַזעלכע בלעטער, — דערפרייט זיך מענדעלע, — זענען אויך ביי אונדז פאַראַן, ביי אונדז אין ווייסרוסלאַנד, ביי אונדז אויף וואָלין, ביי אונדז אויף אוקראַינע.

אַזאַ בלאַט איז ביי אונדז נישט בנמצא, דערפאַר זענען אָבער ביי אונדז, אין אונדזערע קאַנטן, פאַראַן אַזעלכע בלעטער, וואָס דאָ זענען זיי נישטאָ.

אַ וווּנדערלעכער פּייזאַזש קומט אים אַנטקעגן, אַלע זענען איבעראַשט.

מענדעלע מאַכט צו זיינע אויגן און גייט נאָך פאַמעלעכער נאָכן שטעקן. פלוצעם שרייט ער אויס אַ צופרידענער: מיר קומט שלום=עליכם, גיט מיר אָפּ שלום=עליכם! איר שטעלט זיך גאָרנישט פאָר, ווי איך בין ערשט געווען, פונוואַנען איך קום אָן. איך קער זיך ערשט אום פון אַ רייזע צוזאַמען מיט אַברהמל דעם הינקעדיקנם כאַליאַסטרע.

אַ האַרבסט טאָג. אַ וווּנדערלעך שיין אָרט, וואַלד און פעלד. מיר צעשטעלן אין מיטן פעלד די ביידלעך, צעלייגן אַ שייטער און קאָכן וואַרמעס.

אַ רויך מיט ריח פון האַרבסט־בלעטער און סמאָלע, אַ טעם פון גן־עדן!

דער רויך ציט זיך אײַנדערהייך צום הימל, ווי דער רויך פון אַ קרבן צו זײַן ליבן נאָמען פון דער ליבער שיינער וועלט, וואָס ער האָט באַשאַפן.

זאָל איך האָבן אַזאַ יאָר, ווי יענער פּייזאַזש איז אויף קיין האָר ניט מיאוסער געווען פון אָט דעם איצטיקן זשעניעווער פּייזאַזש.

— נו זיידע, — פרעגט איינער פון די געוואַגטע, — און אַזאַ אָזערע האָט איר באַגעגנט אין אײַערע קאַנטן?

— אַ פראַגע, און ווו איז ביאַליקס „הברכה“, ביאַליקס סאַזשעלקע? ווו האָט איר נאָך אין דער וועלט אַזאַ צנועה מיט אַזאַ קלאָר לויטער וואַסער, געבענטשט מיט אַזויפיל שיין און מיט אַזויפיל אומרואיקן אומרו!

ווו האָט איר נאָך געזען אַזאַ סאַזשעלקע, וואָס האַלט אין איין פאַנגען דאָס גאָלדן פישל און חלומט וועגן אַ וועלט, וואָס איז איבער־געקערט מיט קאָפּ אַראָפּ?

— נו, זיידע, — נעמט זיך אָן מיט העזה איינער פון די פאַרשייטע,

— און וואָס וועט איר זאָגן מכוח דעם מאָנבלאַן?

— וואָס איז דאָ צו זאָגן... איך קאָן נאָר זאָגן, אַז איך פאַל בײַ זיך אויך ניט אַראָפּ מיטן שוואַרצן ים. דער שוואַרצער ים איז אויך ניט עפּעס אַבי וואָר, אויך ניט עפּעס קיין גניליאָפּיאַטעווקע!...

— אַהיים! אַהיים! פאַרגיכערט מענדעלע זײַנע טריט.

שוין ציִט אַהיים! אוי ווי עס ציט אַהיים, ווי עס ווילט זיך קיין אָדעס.

דער זיידע איז געראָטן אין זײַנע אײניקלעך, שלום־עליכם, ווו ער זאָל ניט זײַן, שרײַט ער גוואַלד! — „אָדעס, אָדעס. אחריך אַני מת“ — אָדעס, אָדעס, איך שטאַרב נאָך דיר!

און דער צווייטער מײַנער, ביאַליק, שרײַבט צו שלום־עליכמען:

„...אין ארץ טובה כרוסיא אין עיר טובה כאודיסה. לאודיסה, לאודיסה, שלום עליכם!“... — נישטאָ נאָך אַזאַ גוט לאַנד ווי רוסלאַנד,

מענדעלע אויף א שפאציר אין פאָדבראָדזע

און נישטאָ נאָך אַזאַ גוטע שטאָט ווי אָדעס. קיין אָדעס. קיין אָדעס. שלום־עליכם!

ווייזט אויס, אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך, קיין צווייטע היים איז אויף דער וועלט נישטאָ!...

אדם — אַ מענטש, צפּור — אַ פֿויגל, קאַטשקע דריי זיך

ס'איז געווען אַ שיינער זוניקער האַרבסט־טאָג. מענדעלע איז שוין אָפּגעשטאַנען זיינס אויף דער בריק, וואָס איז איבערגעוואָרפֿן געוואָרן איבער דעם טייך ראָנע, זיך אָנגעקוקט און איבערגעקוקט מיטן תמיד שניי־באַדעקטן מאָנבלאַן, מיטן מלך פֿון די אַלפּן, וועמענס מאַיעסטעטישע הויך עס האָט גאָר קיין גרענעץ...

די שטימונג איז ביי מענדעלען געווען אַ געהויבענע. דער מאָנבלאַן איז היינט געווען צו אים באַזונדערס אויפֿגעלייגט און זיך אַנטבלויזט פֿאַר אים מיט אַ סך נייע שיינקייטן.

דער וויים־גרויער קאָפּ פֿונעם הויכן באַרג האָט זיך מילד גענויגט צו אים און ווי פֿאַרן סאַמע נאָענטסטן אַנטפּלעקט פֿאַר אים אַ סך פֿון זיינע סודות, אַ סך פֿון זיינע אייביק יונגע, אייביק ברויזנדע כוחות.

— ווי שיין ס'איז דער מאָנבלאַן! האָט מענדעלע היינט, ווי צום ערשטן מאָל און אפשר נאָך אַ סך מער, זיך באַגייסטערט מיט דאָס געזעענע, מיט דאָס איבערגעלעבטע און איבערגעטראַכטע.

אים האָט זיך געוואָלט, אַז די שיינקייט פֿון דער הויך זאָל אַראָפּנידערן אויף דער ערד און באַשיינען יעדן פּנים און דערוואַרעמען יעדנס האַרץ. אים האָט זיך געוואָלט, אַז יעדער איינער זאָל דערפֿילן, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסער יום־טוב אויף דער וועלט!

— אַ גוט מאָרגן, זיידע!

— אַ גוט מאָרגן, זיידע!

— וואָס מאַכט עפּעס דער זיידע?

— ווי פֿילט זיך עפּעס דער זיידע?

— וואָס זאָגט עפּעס דער זיידע?

באַגריסן פֿון אַלע זייטן די ניי־צוגעקומענע מיטגייער און באַגלייטער.

און מענדעלע קוקט זיי אָן גלייך, ווי זיי זאָלן אים באַגריסן מיט „אַ גוטן אָוונט“ ביי דער שיין פון דער זון.

ער פאַרשטייט גישט, ווי קאָן מען איצט, ווי אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר אים טראָגן אַנטקעגן דעם „גוטמאָרגן“. און מענדעלע ענט־פערט נישט אָפּ, ווי געוויינלעך מיט „אַ גוט יאָר“, נאָר מיט אַ גוט יום־טוב.

— אַ גוט יום־טוב אייך, מיינע פריינד! אַ גוט יום־טוב, אייך!

און אַז דער זיידע גיט אָפּ אין מיטן וואָך „אַ גוט יום־טוב“ ווערט אוים וואָך, ווערט אומעטום יום־טוב, ווערן אַלע יום־טובדיק.

מענדעלע מיט זיינע מיטגייער און באַגלייטער שפּיגלען זיך אין דער אָזערע, וואָס זעט הייגט אַליין אוים אַ סך שפּילנדיקער, קלאָרער און לייטערער, ווי אין אַ געוויינלעכן וואָכעדיקן טאָג.

אַ געפּאָך פון פליגלען, אַ צווישערײַ און גראַגערײַ פון פויגלען.

מענדעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט זיין שטענדיק גרייטן הנני — אָט בין איך! און מיט זיין שטענדיק גרייטן מי יתנני — ווער זאָל מיר געבן אַ פליגל, וואָלט איך ווי אַ פויגל געפלויגן.

און אַז מענדעלע זאָגט מי יתנני... איילן אַלע צו די פויגלען.

און אַז מענדעלע זאָגט הנני — אָט בין איך, זאָגן אַלע זיינע נאָענטע, מיר זענען דאָ!

מענדעלע שטעלט פאָר פאַר זיינע פריינד דעם פויגל־אָרקעסטער, די שווימענדיקע האַרפעס, די קוואַקערס, די צווישערס, די גראַגערס, די שרייער, פייפער און סווישטשער, די טאַץ־קלאַפּער און פויקער.

— יעדער פויגל, — דערקלערט מענדעלע — האָט זיך זיין באַזונ־דער גאַנג, זיין באַזונדער קול, זיין באַזונדער פליגל און זיין באַזונדער פאָרשטעלונג וועגן הייך און וועגן טיף.... ווי דער מענטש להבדיל.

גישט אומזיסט שטייט געשריבן, — לאַכט מענדעלע און שטעקט אָן אַלעמען מיט זיין געלעכטער, — מאלפנו — ער טוט אונדז טאָן־טון לערנען פון יעדער חיה, פון יעדער בהמה, פון יעדן פויגל, פון יעדער פליג, מוקל, זשוקל, שמיצערל, שרצל, און ווערעמל.

— פלייסיקייט לערנען מיר זיך ביי דעם מילב, געדולדקייט ביים קעמל, געטריישאַפט ביים הונט, געזאַנג ביים סאָלאָוויי, דרייסטקייט ביים אָדלער, ווי פּיקן יענעם אין מוח ביים פּיקהאָלץ, ווי פאַרסמען די לופט — ביים טכויר, כיטרע גענג ביי דעם פוקס, קראַקען און הנאָה האָבן פון ווערימדיקום. צעפוילטס—ביי דער ראָב, אכזריות ביים וואָלף, מאַכט־דורשטי־

קייט — ביים ליב, שרעק — ביים האַז רזשעגמעלמעגישקייט — ביים האָז, צניעות — ביי דער קאַץ, איר הערט, ביי דער קאַץ און נישט ביי דער שמילער טויב, ווייל וואָס שייך צניעות, איז זי, די טויב, געבעך, געכאַפּט אין דער מעשה, אַז אמתע הולטייקע, וועמען ס'איז פּרעמד דאָס געפיל פון בושה.

מע־טע־טע, איך בין שוין פאַרפאַרן אין אלף השישי אריין, פאַר־דריסט גלייך מענדעלען, וואָס ער האָט אָנגעהויבן פון דער טויבס זיגד אין דער צייט ווען זי פאַרמאָגט אַזויפיל גוטע מידות און מעלות.

מה רעש, — פּרווט מענדעלע אין די מינוטן פון חרטה רייגוואַשן די טויב פון אירע זינד, וואָס אַז מ'וויל צוריקרייהנדיק, איז עס גאָר קיין זינד נישט, — מה רעש, אַז זי האָלובעט זיך און קושט זיך אין די פּיסקעס, זי קושט זיך מיט דער אייגענער פּאָר, מיטן אייגענעם מאַן, און מיטן אייגענעם מאַן מעג מען אַפילו על פּי דין, פאַרקערט, ס'איז גאָר אַ גרויסע מצווה.

און אויב זי פאַרלירט די בושה, איז דאָס נאָר פון גרוים ליידנ־שאַפט. פון טיפער ליבע. דאָס זעט מען דאָך קלאָר אַרוים פון איר געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט. די טויב פאַראַט קיינמאָל נישט איר פּאָר! און נישט אומזיסט זאָגט מען — לעבט ווי די טייבעלעך, ווערט ביי אייך שטענדיק שלום זיין...

מענדעלעס ווייסע, זויבערע הענט צאַפּלען אינדערלופטן, ווי ערשט באַפרייטע אַרויסגעלאָזענע טויבן.

צו דער טויב שיקט מען אונדז זיך לערנען ליב האָבן אונדזער נעסט, די ערד, אויף וועלכער מיר וווינען, און אין וועלכער מיר זענען איינגעוואָרצלט.

די טויב, ווען מ'רויבט פון איר אַפילו אַוועק די יונגע טייבעלעך, פאַרלאָזט זי נישט איר טויבנשלאַק.

ווי ווייט זי זאָל נישט פאַרפליען פון איר נעסט, געפינט זי אַלץ דעם וועג אויף צוריק.

ריכטיק! ריכטיק!

אָבער מיט דעם בין איך נישט מסכים, — ענדערט זיך פּלוצעם מענדעלעס שטים, ענדערט זיך פּלוצעם מענדעלעס פּנים, — ניין און ניין, דאָ שטעל איך זיך איינגאַנצן אויף דער זייט פון ביאַליקן און לייקן אָפּ די חכמים.

יעדער ייד, — האָבן געזאָגט די חכמים, — דאַרף אויף זיך מקבל זיין די יסורים און שחיטות פון אַלע צייטן, ווי די טויב. די טויב ווען מ'שעכט זי, ציט זי אויס דאָס העלדזל אונטערן חלף און טוט אַפילו קיין צאַפּל נישט...

די טעמע פון טאָג רוקט אָפּ אין אַ זייט דעם געשפּרעך וועגן פויגלען.

וועגן וואָס מ'האָט נישט גערעדט אין יענע פינצטערע טעג איז מען אַליין צוגעקומען צו די יידישע פּאָגראָמען, וואָס זענען פאָרגעקומען נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905-טן יאָר.

* *
*

גאַ-גאַ-גאַ — האָבן געשריגן די פויגלען און געפּאָכעט מיט די פליגלען — ס'איז טאָקע מאָדנע מענטשן איר זענט, אַליין זיך אַ יום-טוב באַשאַפן און אַליין פאַרשטערט איר אים. געניט זיך פאַרביטערט דאָס לעבן! קוקט ווי שיין דאָ איז אַלץ אַרום!...

און די מענטשן האָבן זיך צוגעהערט צו די פויגלען און ווידער גערעדט וועגן פויגלען.

אייניקע באַוווּנדערן די שיינקייט פון די שוואַנען און אייניקע זענען מקנא די ווילדע גענדז, וואָס האָבן, סוף כל סוף, דאָ, אין די וואַסערן פון אָזערע, געפונען זייער רו.

אָט די פויגלען איז בעסער פון אונדז. זיי זענען באַהיט און באַוואָרנט פון שחיטה און זיי וועט נישט שיסן קיין שום יעגער.

זאָל פּרוּוון עמעצער א וואָרף טאָן אין זיי אַ שטיינדל, וועט זיך קערן די וועלט. הלוואי האַלטן מיר, יידן, שוין אַזוי!

— הלוואי וואָלטן מיר שוין אויך געווען אַזוי באַוואָרנט מיט פּרנסה ווי זיי, אָט די גליקלעכע פויגלען, — רייסט זיך אַרויס דער ווונטש באַגלייט פון עמעצנס אַ טיפן זיפץ, — אַ קלייניקייט, זיי זענען דאָ אויף אַלעם גרייטן און ווייסן נישט פון דאגות פּרנסה, די שווערסטע דאגה, וואָס איז שווערער, ווי קריעת ים סוף.

מענדעלע, דער שרייבער פון קבצנות און קבצנים, האָט קיין זאַך אין דער וועלט אַזוי נישט פּיינט געהאַט, ווי אַ גייסטיקן קבצן, ווי אַ קבצנישע נשמה, וואָס איז אויסגעטריקנט, ווי אַ פאַרדאַרטע קישקע.

אזעלכע לייט וועט ער קיינמאָל נישט שוינען, אזעלכע לייט וועט ער קיינ־מאָל נישט פארשווייגן.

— יונגערמאַן, — צעבייזערט זיך מענדעלע, — איר זעט דאָס קערנדל און באַמערקט נישט די שטייג.

ווי דעם פויגל, וואָס פארלירט זיין אומרו. רו איז דאָס מעסער, וואָס שניידט אונטער די פליגלען און מאַכט דעם פויגל פאר אויס פויגל.

גליקלעך איז דער מאַנבלאַן, ווייל פריי איז דער מאַנבלאַן, פריי איז אויך די אָזערע.

און זיי, די פויגלען, זענען דאָ געפאַנגענע קנעכט. זיי איז פארבאָטן פליען, זיי איז פאַרבאָטן שווימען איבער דער לענג און איבער דער ברייט פון דער אָזערע. זיי האָבן רעכט בלויז אויף אַ פאַרצאַמטן ענגן קרייז — אַט פונדאַנעט און ביז אַהער און נישט ווייטער!

דער פרייער פויגל בויט זיך אַליין זיין נעסט, יעדער פויגל, ווי עס ווילט זיך אים און ווי עס געפעלט אים.

און דער געפאַנגענער פויגל האָט נישט קיין היים, דער געפאַנגענער פויגל האָט קיין רעכט נישט צו בויען.

דער פרייער פויגל נערט זיך פון וועלטס גנאָד און דאַרף נישט אָנקומען צו דער גאָב פון מענטשן, וואָס מאַכט געהאָרכזאַם, דערנידע־ריקט און אונטערטעניק.

אַ סך פונעם עולם, וואָס זענען געקומען אַהער זיך פארווײַלן מיט די געפאַנגענע פויגל, וואַקסן אויס אַרום זיידן. זיי איז אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס ער זאָגט וועגן פויגל.

...דער גורל פונעם פויגל, — זאָגט מענדעלע, — איז פארשידן, ווי דער גורל פונעם מענטש. נישט אומזיסט האָבן די זינגער פון אַמאָל די ביטערע האָליע פונעם פארשטויסענעם מענטש פאַרגליכן צום פויגל — כצפור לנוד — ווי אַ פויגל, וואָס ווערט פאַרוואָגלט פון זיין נעסט, נע־ונד־וועט און פאַלט אריין מיט אונטערגעהאַקטע פליגל אין געפענ־געניש.

און דעם גליקלעכן גורל פונעם מענטש האָט מען פאַרגליכן צום פרייען פויגל — כדרור לעוף — צום פרייען פויגל, וואָס רייסט זיך אַרויס פון נעסט, האָט הנאה פון זײַן געזאַנג, פון זיין דרייסטן פליען אין די הימל־הויכן.

צפור דרור שאינה מקבלת מרות — פריי איז דער פויגל, וואָס איז נישט מקבל קיין הערשאַפט איבער זיך.

אַלס עדות ברענגט מענדעלע נחת טויב.

די טויב האָט מיט איר פּאָר, ווי אַלע אַנדערע פֿויגלען, געפֿונען איר שוץ אין נחת קאַסטן אין דער צייט פֿונעם מבול.

ווען די וואַסער האָט גענומען אָפּפֿאַלן האָט זי נח געשיקט אין אויסשפּיר און ווי נאָר די טויב האָט אויסגעפֿונען דאָס ערשטע שטיקל יבשה, האָט זי זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן גרינעם בלאַט און אויסגעשריגן: בעסער די ביטערע בלאַט, וואָס איך אַליין געפֿין און וואָס איך אַליין רייס אָפּ, ווי די זיסע בלאַט, וואָס דער מענטש טראָגט מיר אונטער.

די פֿאַרשידענע פֿייגל, יעדער פֿויגל מיט זיין פּאָר, ווי ביי נחן אין קאַסטן, וואָס זענען געשווימען הין און צוריק איבער דער אָפּגעצאַמטער שטיק אָזערע און זיך געסטאַרעט אויסנעמען ביי זייערע פֿילצאָליקע צושויער, האָבן זיך פּלוצעם אַלע מיטאַמאָל אַ לאָז געטאָן צום ברעג.

זיי האָבן געפּאָכעט מיט די פֿליגלען און געהאַלטן אין איין גאַגען — גאַ־גאַ־גאַ! ווי זיי זאָלן זאָגן, זייט מוחל, רב מענדעלע, איר חזרט איבער נאָכאַמאָל, וואָס נחס טויב האָט געזאָגט.

מענדעלע האָט זיי באַגריסט מיט זיינע אויפֿגעהויבענע הענט. נאָר גלייך האָבן זיך מענדעלעס הענט פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט. די ווייסע שטאָלצע שוואַנען, די ווילדע גענדז, די ענטלעך מיט די פֿאַרשידענע אַנדערע פֿויגל זענען געקומען אַהער בעטלען, זיך דערקוויקן מיט די געשמאַקע זאַכן, וואָס די באַזוכער האָבן זיי גענומען וואַרפֿן.

מענדעלע האָט הויך זיך צעשריגן אויף אַ שוואַן, וואָס האָט זיין בעטלעריש מויל, ווי אַ טאָרבע, צעעפֿנט און מיט הנאה געכאַפּט די שטיקלעך און ברעקלעך, וואָס מ'האָט אים פֿון אַלע זייטן געוואָרפֿן?

עך, שוואַן דו איינער, דאָס ביסטו דער שוואַן, וואָס אַלע לויבן דיין שוואַנען־ליד?

נאָר די פֿייגל איז אַלץ קאַרג, אַלץ ווייניק, זיי דוכט זיך אַלץ, אַז זיי וועט נישט סטייען, אַז אויף יעדן חלק באַזונדער וועט גאָרנישט אָנקומען, און מען פּיקט זיך און מען שלאָגט זיך פֿאַר יעדן ביסן.

— קוקט, — טייטלט מענדעלעס שטעקן, — אָט זענען די יורדים, די געוועזענע פֿייגל.

און אָט די — זענען געבוירענע שלעפּער, שלעפּער שבשלעפּער, אייניקלעך און אוראייניקלעך פֿון שלעפּער.

קאַליקעס! אויב זיי האָבן פריער געקאָנט אַ ביסעלע לויפן, אַ ביסעלע שווימען, אַ ביסעלע פליען, קאָנען זיי שוין דאָס אויך נישט, קאַליקעס, אַז איין גאָט זאָל אויף זיי רחמנות האָבן!

מענדעלעס חוזק רייסט פלוצעם איבער אַ הארצרייסנדיקער געשריי פון אַ שוואַן, וואָס איז אָפּגעזונדערט מיט זיין צער פון אַלע פייגל.

ווען צענדליקער קולות גראַגערן אַלצאיינס און איין קול שרייט באַזונדער אויף זיין אופן, הערט מען בלויז אים, דעם אייציקן באַזונדערן קול.

מענדעלעס אויערן זענען אָנגעשפּיצט, זיינע אויגן זענען צוגעמאַכט, ווי אין די מינוטן, ווען עס קלאַפּט אָן אין זיין זכרון אַ לאַנג פאַרגעסענע זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

— ס'איז ער! — שרייט ער אויס, ווייל זיין געשריי איז ענלעך אויף איר געשריי...

הערט אויס אַ מעשה, ס'איז כדאי, כ'לעבן, אויסצוהערן, — די מעשה הייבט זיך אָנעט פון אַ ליבע, וויקלט זיך פאַנאַנדער מיט אַ שמערצלעכער צעשיידונג און פאַרענדיקט זיך נישט ווי די היינטצייטיקע מעשיות, מיט פאַלשע גוטע סופן, זי פאַרענדיקט זיך טרויעריק, מיט אַ טיפער בענקעניש, ווי להבדיל, אין נחמן בראַסלאַווערס אַ מעשה.

אין נחמן בראַסלאַווערס מעשיות, ווי איר ווייסט, — פלעגט שוין מענדעלע זיין מעשה מיט אַ פאָר־מעשה, מיט אַ פאָר־געדאַנק און פאָר־אַלעגאָריע, — האַלט מען זיך אין איין פאַרליבן און אין איין צעשיידן זיך, אין איין זוכן זיך אין און איין אויסגיין פון בענקעניש, אין איין ציען זיך צום שורש און דאָרשטן נאָכן אייביקן פרישן, זוידערן קוואַל.

אָפּגעגאָלטן האָט נאָר דעם שני למלך, ווען די בענקשאַפט נאָך דער בת מלכה האָט אויסגעמאַטער ביזן טויט.

— ווייל דו האָסט אַזוי שטאַרק געבענקט, — האָט געזאָגט די געפאַנגענע בת מלכה אין פרעמדן פאַלאַץ, — ביסטו ווערט מיך צו געפינען און אויסלייזן.

און די בת מלכה האָט מיט טרערן אויף איר טיכל אויפגעשריבן און געגעבן צו וויסן דעם שני למלך, ווו זי געפינט זיך.

אָבער די פאַרבלאָנדזשעטע פייגל קאָנען זיך נאָך ביז צום היינטיקן טאָג נישט געפונען. די, וואָס פליען הויך, די בלאָנדזשען ווייט!

מענדעלע און זיין אייניקל

אין איינער „אַ נאַכמאַנטשוקע" — נחמנס מעשיות האָבן ביי זיינע תּלמידים געהייסן „נאַכמאַנטשוקעס" — ווערט אַזוי דערציילט:

צווישן צוויי מדינות הערט זיך תּמיד אַ האַרצרייסנדיקער יאָמער, און פונעם יאָמער כאַפּט אָן אַזאַ גרויל, אַז די צוויי מדינות ווערן אויפגעטרייסלט, ווי פון אַן ערד־ציטערניש. דאָס יאָמערט אַ פויגל־פּאָר, אַן „ער" און אַ „זי", וואָס גייען אוים איינער נאָכן צווייטן און קאָנען זיך נישט געפינען און קאָנען זיך נישט צוזאַמענטרעפן...

פון די אומבאַקאַנטע מדינות טראָגט זיך מענדעלע גלייך איבער קיין אָדעס. מענדעלעס שטים קלינגט אַזוי האַרציק, וואַרעם, אַז עס גלויבט זיך קוים, אַז די זעלבע שטים קאָן צאָרענען.

מיינט נישט, אַז מיין גאַנץ לעבן האָב איך צו טאָן בלויז מיטן הפּערדל שלי, מיט דער קליאַטשע, איך האָב אויך צו טאָן מיט פייגל, איך בין אַ שטענדיקער באַזוכער אין אָדעסער זאָאָלאָגישן גאָרטן.

איז אָט, ויהי היום, דאָס איז געווען אַ צוויי וואָכן איידער איך האָב פאַרלאָזן אָדעס און בין אַוועקגעפאָרן אַהער קיין זשענעווע.

איך קום אַריין אין זאָאָלאָגישן גאָרטן און מיך באַגעגנט גלייך אַ יאָמער פון אַ שוואַניכע מיט אונטערגעהאַקטע פליגל.

די שוואַניכע שרייט און איך גיי נאָך איר געשריי און דערנענטער זיך צו איר.

וואָרנט מיך איינער פון די באַדינער, איך זאָל אָפּטרעטן פון איר און זי לאָזן צורו, ווייל זי איז אין גרוים צער און נעמט נישט אָן קיין טרייסט. זי איז אַזוי בייז און אויפגערעגט, אַז אַפילו די באַדינער, וועלכע זענען געוווינט מיט איר, וואַגן נישט צוגיין נאָענט, ווייל זי קאָן אויס־פּיקן די אויגן.

וואָס־זשע האָט געטראָפן? לאָזט זיך אויס, אַז אַלע האַרבסט שערט מען אונטער די פליגלען פון די שוואַנען, זיי זאָלן זיך נישט אויפהייבן און אַוועקפליען אין אַן אַנדער מדינה, אין אַ פרעמד לאַנד.

און ווי באַלד אַ גזירה, האָט זי אויך נישט אויסגעמיטן אָט פּאָר, אָט די הויפּט־אָנטיילנעמער פון אָט דער זייער טרויעריקער געשיכטע.

די „זי" האָט מען אַזוי אונטערגעשוירן, אַז זי האָט אויפגעהערט גלויבן זיך אַליין, אַז זי האָט ווען עס איז פליגל געהאַט.

און מיט אים, מיט איר באַשערטן איז געשען אַ נס. דאָס האַרץ פונעם פליגל־שניידער האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעשראָקן פאַרן אויסזען

פון דער וועלט אָן פליגל און האָט איבערגעלאָזט אַלס זכר די שענסטע פליגל פון אָט דעם „ער“.

דער „ער“ האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז מען קען זיך צו אים אַ צווייט מאָל נעמען, דאַרף מען פאַרטרויען די פליגל, זיך אָפּטראָגן און קומען אַהין וווּ פליען איז אַלץ און אייגנס ווי אָטעמען.

דער שוואַן איז זיכער געווען, אַז אויך מיט זיין שוואַניבע איז געשען אַ נס. אַז אויף דער וועלט וועט זיך נישט געפונען אַזא פאַרהאָרבן מענטשלעך האַרץ, וואָס זאָל צעשיידן אַ פּאָר.

ווייזט אויס, אַז דער שוואַן האָט נאָך האַן נישט געגוג גוט געקענט דאָס לעבן, ער האָט נאָך נישט געוווסט, אַז אויף נסים טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזן, אַז נסים געשעען זייער זעלטן און חזרן זיך נישט איבער.

דער שוואַן אַנטלויפט, דער שוואַן פליט און דערפילט גלייך, אַז די הימלען זענען לער און פוסט, אַז די הימלען זענען ווי אָפּגרונטן, וואָס ציען אים אַראָפּ. ער קוקט זיך אום און און ווי און ווינד איז אים, זיין שוואַניבע איז נישט מיט אים...

ער איז געפלויגן רעכטס, געפלויגן לינקס, האָט זיך אויסגעקערע־וועט צו דרום, געגישטערט אין מערב, פאַרקראָכן אין צפון און אָט אַזוי זוכנדיק האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אַהער אין דער שווייץ.

און דאָ אין זשענעווע האָט מען אָפּגעטאָן מיט זיינע פליגלען דאָס, וואָס מ׳האָט אָפּגעטאָן מיט די פליגלען פון זיין „זי“ אין אָדעס.

שרייט ער צי איר פון זשענעווע און זי שרייט צו אים פון אָדעס.

מענדעלע ווערט אַנטשוויגן און דער שוואַן פון יענער זייט ברעג שרייט אַלץ און שרייט!

און די פויגל־שפּראַך, די מענה און ווי־געשריי פונעם שוואַן ווערט איצט קלאָר און פאַרשטענדלעך פאַר מענדעלעס מיטגייער און באַגליי־טער, ווי די שפּראַך פון אַ מענטש.

די זון האָט זיך באַהאַלטן אונטער די וואָלקנס און אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך אָנגערוקט די מרה־שחורה פון פאַרטונקלטן האַרבסט.

מ׳פאַרלאָזט די אָזערע. מ׳גייט אַהיים און איינער רעדט נישט אויס מיטן צווייטן קיין וואָרט.

אין מיטן וועג הייבט זיך אויף מיטאַמאָל מענדעלעס שטעקן איבע־דערהויך, זיין פּנים שיינט אויף, ער הערט אינעם שוואַנען־געשריי נישט נאָר אַ קול, וואָס פייניקט, נאָר אויך אַ קול, וואָס דערמוטיקט.

די, וואָס בענקען, די האָבן ליב, און די, וואָס האָבן ליב — די זוכן און זוכן הייסט געפינען!

דער פיינפולער געשריי איז איינציימיק אויך דער געשריי פון אויסלייטערונג און דערהויבונג, וואָס זאָגט אָן, אַז פול איז די וועלט מיט ליבע. אַפילו דאָ צווישן די געפאַנגענע פייגל־קנעכט, צווישן די פייגל־שנאָרערס מיט אונטערגעשווירענע פליגל זינגט דער אומגליקלעכער שוואַן זיין שוואַנען־ליד, דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען...

גיי שרייַ אני מענדעלע

די פּינקטלעכע דאַטע פֿון מענדעלעס געבוירן האָט קיינער נישט געוווּסט. זיין געבורטס-טאָג איז אינערגעץ נישט פֿאַרשריבן געוואָרן.

מענדעלעס עלטערן האָבן זיך איינגעזאַנצן פֿאַרלאָזט אויפֿן זכרון פֿון זייער זון. און ווי באַוווּסט, איז אין יענעם טאָג, ווען מענדעלע האָט אויסגעשריגן זיין ערשטן הנני — אָט בין איך! און געמאַכט זיין ערשטן גוואַלד-געשריי, האָט ער נאָך קיין זכרון נישט געהאַט.

און דאָס, וואָס מענדעלע האָט נישט געקאָנט טאָן גלייך ביי זיין געבוירן ווערן, האָט ער געטאָן, ווען ער איז שוין געווען אַ בחור אין די יאָרן.

דער יונגער מענדעלע האָט זיך נישט געיאָגט עלטער ווערן, ער האָט אַפּילו געוואָלט זיין יינגער ווי ער איז אין דער אמתן, און ער האָט געוואָרפֿן גורל פֿון טאָג צו טאָג, פֿון חודש צו חודש און פֿון יאָר צו יאָר. און דער גורל איז אויסגעפֿאַלן אויפֿן 1835-טן יאָר, אויפֿן 12-טן חודש, אויפֿן 20-טן טאָג לויטן אַלטן סטיל.

דער 20-טער דעצעמבער פֿון 1835-טן יאָר איז פֿאַררעכנט געוואָרן אַלס ערשטער טאָג פֿון מענדעלעס קומען אויף דער וועלט.

אַלע האָבן געוווּסט וועגן מענדעלעס פֿאַרלייקנטע יאָרן, נאָר קיינער האָט נישט געוווּסט אַקוראַט אויף וויפֿל, און יעדער איינער האָט זיך מישער געווען אויף זיין אופֿן.

— וויפֿל מיינט איר האָט ער אויסגעמעקט יאָרן? פֿאַרגעסט נישט, אַז מענדעלע איז אַ גרויסער מעקער, אַליז, וואָס ער רעכנט פֿאַר איבע-ריק, מעקט ער אויס, מעקט אומבּרחמנותדיק!

— וויפֿל זשע פֿאַרט האָט אַזאַ מעקער געקאָנט אויסמעקן?

— איך מיין, אַז אַ פֿינף יאָר געוויס. מענדעלע איז אַ גרויסער בעל חשבון און קלייבט זיך פֿאַנאַנדער אין צאָלן. ער האָט גוט אויסגע-רעכנט, אַז פֿינף אַליין אַז און פֿאַר זיך, איז נישט אַזאַ גרויסע צאָל,

נאָר ליגט מען צו אַ פֿינף צו 55 איז עס אויס מיט די פֿופֿציקער, און ליגט מען צו אַ פֿינף צו 65 איז אויס מיט די זעכציקער...

— יאָ, יאָ, פֿינף איז נישט קיין גוטע צאָל, זי דערגייט די יאָרן, אַזוי, אַז איך רעכן, אַז מענדעלע האָט אַרייַנגעכאַפּט אַ גאַנצן צענדליק, ווײַבאַלד מעקן, זאָל זײַן געמעקט!

— איז וויפֿל זשע פּאַרט איז ער אַלט? ווי קאָן ער אַלט זײַן אינדער־אמתן!

— אויסער מאַנטיקן, מיטוואָכן, שבתים און טאָבעל־טעג דאַרף ער אַלט זײַן... אויף אונדז געזאָגט געוואָרן, הלוואי דערלעבן מיר זײַנע יאָרן!...

מענדעלע האָט שטאַרק נישט געוואָלט לײַדן, אַז מ׳האָט זיך געפּאָרקעט אין זײַנע יאָרן. ציילן יענעמס יאָרן, — האָט ער געהאַלטן, — איז נאָך ערגער, ווי ציילן יענעמס געלט.

ווענעגס האגות איז עס מאַכן אָרדענונג אין גאָטס־בוכהאַלטעריע,

— פֿלעגט מענדעלע אָפּט גאַנץ בייזלעך אָנפֿאַלן אויף זײַנע יאָרן־ציילער,

— נישקשה, ביי גאָט זענען דאָ אַ סך יאָרן, ווי עס שטייט געשריבן: כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול — טויזנט יאָר איז ביי אים, ווי דער נעכטיקער טאָג, גאָרנישט מיט נישט, איז מאַכט נישט אויס, איז אַ קלײנער אומגליק, אַז עס וועלן איבערגיין עטלעכע זײַנע יאָר...

דעם 20־טן דעצעמבער פֿלעגט, יאָר איין יאָר אויס, מענדעלעס שטוב פֿול זײַן פֿון אינדערפֿרי ביז שפּעט בײַנאַכט מיט לייענער, פֿרײַנד און פֿאַרערער, מיט טאָסטן, בלומען, אַדרעסן און ווינטשעוואַניעס.

פֿון גאָר דער וועלט פֿלעגן אָנקומען באַגריסונגס־טעלעגראַמעס: „מיר באַגריסן דעם זיידן מיטן געבורטס־טאָג“. מיטן וויפֿלסטן, דאָס האָט קיינער נישט אָנגעוויזן.

אין די טאָסטן און רעדעס פֿונעם 20־טן דעצעמבער פֿלעגן מענדעלעס פֿרײַנד און פֿאַרערער אים שטענדיק אָנרופֿן דער יונגער זיידע.

לעבן זאָל דער יונגער זיידע!

לעבן זאָל דער זיידע, וואָס ווערט פֿון יאָר צו יאָר ייִנגער!...

איינער פֿון די פֿאַרשייטסטע אייניקלעך האָט אַפֿילו איינמאָל געוואונטשן מענדעלע, אַז אַלע, וואָס האָבן אים ליב, אַז אַלע, וועמען ער איז גאָענט און טייער, זאָלן דערלעבן פֿייערן זײַן בר מצוה — ער זאָל פֿון יאָר צו יאָר ווערן ייִנגער ביז ער זאָל דערגיין צו זײַנע ייִנגלשע יאָרן און דערלעבן דעם עלטער פֿון 13 יאָר.

די געסט זענען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט פאַרן העזהדיקן טאָסט. נאָר גראָדע ער, דער זיידע, האָט זיך נישט באַליידיקט, פאַרקערט, דער טאָסט איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. אַזוי האָט באַדאַרפט זיין, — האָט מענדעלע פאַנאַנדערגעוויקלט דעם געדאַנק פון זיין ליב פאַרשייט אייניקל, — דאָס לעבן האָט באַדאַרפט באַשאַפן ווערן, ווי עס ווערט געשאַפן אַ ווערק, איין וואַריאַנט האָט באַדאַרפט אויסבעסערן און פאַרפולקאָמען דעם צווייטן.

איי, ווי גוט וואָלט געווען, ווען נאָך זיבעציק יאָר וואָלט דער מענטש אָנגעהויבן לעבן איבעראַניים, וואָלט זיך פאַנאַנדערגעבליט, ווי דער בוים אין פרילינג.

אַלע שטיינער אין וועג, אין וועלכע ער האָט זיך פריער געהאַט ספּאָטיקעט, וואָלט ער אויסגעמיטן, אַלע שטרויכלונגען, בלאָטעס און גריבער וואָלט ער געגאַנגען פאַרביי. ער וואָלט זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן און אין איין פאַריכטן פעלערן...

ניין, וואָלט ער געזאָגט, איר צעטרענצלט מיר נישט מיין יוגנט, די יוגנט דאַרף מען שאַנעווען!

איך האָב דען ליב געהאַט? ווי אַזוי האָב איך עס געקאָנט אָפּלעבן אַ לעבן אָן ליבע?

אַ פאַרליבטן, וואָלט ער פאַרגעבן דאָס, וואָס ער האָט פריער פאַר אַ זינד געהאַלטן, ער וואָלט מוחל געווען דאָרט, וווּ ער האָט באַשולדיקט, ער וואָלט געווען גליקלעך דאָרט, וווּ ער איז אומגליקלעך געווען...

איי, ווען דער מענטש וואָלט צום בוים געגליכן געווען, ווען ער וואָלט געקאָנט אָנהייבן לעבן איבעראַניים!

ער וואָלט נאָר אַן אַנדער מענטש געווען, ער וואָלט אַ סך קליגער, אַ סך בעסער און שענער אויסגעזען. נאָר גיי, טו מאַד, אַז דער אויבערשטער געהער צו יענע מחברים, וואָס ווייסן בלויז פון איין וואַריאַנט...

* *
*

מענדעלע האָט זיך געהאַלטן יונג, ער האָט אויסגעזען אַ סך יינגער, אַפילו פון זיינע אמתע יאָרן.

אין די סאַמע הייסטע זומער־טעג האָט ער אויסגעמיטן די שאָטנס און איז געגאַנגען אויף דער זוניקער זייט. ער האָט ליב געהאַט הייסע

זוניקע ריטלעך. ביטע אַ ריטעלע, פּלעגט מענדעלע צעבראַסטען זיין ברוסט און בעטן זיך ביי דער זון זי זאָל נישט שוינען זיין עלטער און זאָל אים בריען און בראָטן ווי אין די אַמאָליקע יונגע יאָרן זיינע.

נישט ווייניקער ווי די הייסע זוניקע ריטלעך האָט מענדעלע ליב געהאַט די אייז־קאַלטע וואַנעס, וואָס ער פּלעגט נעמען יעדן פרימאָרגן, סיי זומער, סיי ווינטער.

אַ הייס האַרץ, — פּלעגט מענדעלע זאָגן, — האָט נישט קיין מורא פאַר קאַלט פריש וואַסער, וואָס קעלטער דאָס וואַסער, אַלץ הייסער ווערן די בלוטן.

דער ים האָט געהייסן ביי מענדעלען „דאָס טינטערל“, און אין ים „טינטערל“ האָט ער צו זיך קיין גלייכן געהאַט, ווי אינעם טינטערל פון זיין שרייבטיש. זיינע געטרייע אייניקלעך, זיינע שטענדיקע נאָכפאָלגער האָבן אין ים נישט געוואַגט אים נאָכטאָן, נישט געוואַגט איבערחזרן זיינע ברייהשע קונדסישע קונצן.

און נאָך שטאַרקער ווי אין ים האָט זיך מענדעלע געפילט אויף דער יבשה. מאַכן אַ שפּאַציר מיט מענדעלען האָט געהייסן בלייבן אָן פיס, האָט געהייסן מאַכן אַ „פּאָכאָד“ ווי אין די יונגע סאָלדאַטסקע יאָרן.

מענדעלע האָט שטאַרק ליב געהאַט אַרויסנאַרן זיינע מיטגייער פונעם גרויסן פּאַנסיאָן, און זיי אומבאַמערקט אַזוי פאַרפירן אין שטאָט אַריין.

— זיידע! מיר זענען דאָך שוין אויף דער 14־טער סטאַנציע, אָט גייט אַ טראַמוויי, לאָמיר זיך זעצן!

— נישט געכאַפּט! ס׳וועט באַלד זיין אַ צווייטער טראַמוויי, און ביזן צווייטן טראַמוויי הייבט שוין אָן מענדעלע אַ צווייטע געשיכטע...

עס יאָגט אָן אַ דריטער, אַ פערטער טראַמוויי, און מענדעלע פאַרפירט זיינע מיטגייער ערגעץ אויף וואָלין, בלאָזט פאַנאַנדער די זאַמדן און שטויבן פון פאַרשווונדענע צייטן און עס ווייזן זיך אַ סך מענטשלעכע טריט, טריט פון פוסגייער, וואָס האָבן נישט געוווּסט פון קיין טראַמוויי און נישט געציילט קיין סטאַנציעס!

— מיר זענען דאָך שוין אויף דער צענטער סטאַנציע!

— הייסט עס, זעקס סטאַנציעס זענען מיר שוין אָפּגעגאַנגען צופוס! אוי, מיינע פיס! עד כאן! מיר גייען מער נישט ווייטער, —

פאַראייניקן זיך עטלעכע שטימען מיטאַמאָל. און מענדעלע לאַכט, לאַכט אויס די קראַנקע צרות מיט די קראַנקע פיס און מיט די קראַנקע הערצער...

עס דערנענטערט זיך אַ טראַמוויי, און מענדעלע טוט רואיק אַ זאָג: יאָ, די מעשה מיטן קראַנקן, וואָס האָט זיך אָרומגעטראָגן מיט זיין קרענק, ווי מיט אַן אבן טוב האָב איך אייך דערציילט? גיין, זאָגט מיר, איז אָט הערט אויס...

און מענדעלעס גייע געשיכטע שפּאַנט זיך, נישט געכאַפּט פון דער צענטער סטאַנציע ביז דער ניינטער, ביז דער אַכטער, ביז דער זיבעטער!...

און די מיטגייער מיט די קראַנקע פיס און מיט די קראַנקע הערצער פאַרלאַנגען איצט בלויז איינס, אַז דער זיידע זאָל כאָטש באַווייזן ביז קומען אין שטאָט פאַרענדיקן די געשיכטע מיטן קראַנקן, וואָס איז פאַרליבט אין זיין קרענק ביז משוגעת.

— — — האָט אים עמעצער געזאָגט, אַז ער זעט היינט אויס ערגער, ווי אַלעמאָל, איז ער גרייט געווען יענעם אַרויפפאַלן אויפן האַלדז און אים כאַפּן קושן.

און, פאַרקערט, האָט אים עמעצער געזאָגט, איר זעט, אַן עין הרע, זייער גוט אויס, האָט זיך אים געוואָלט יענעם צערייסן אויף שטיקלעך, ווי אַ גזלן, וואָס איז אים באַפאַלן אין מיטן וועג. — — —

אַ טראַמוויי נאָך אַ טראַמוויי, און מענדעלעס געשיכטע גייט זיך איר גאַנג...

מענדעלע האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, נישט געטראַכט וועגן דער עלטער און פיינט געהאַט אַלץ, וואָס דערמאָנט אינעם טויט.

אַלע יידישע שרייבער, — פלעגט מענדעלע שפּאַסן, — האָבן מורא פאַר מיר, און איך אַליין האָב מורא בלויז פאַר איינעם, פאַר משה־לייב ליליענבלום, וואָס אַחבעט און קאַנטאָר פון אָדעסער יידישן בית־עולם און איז אַ גאַנצער רב שמעלקע מיטן מלאך המות. ווען איך גיב אויף אים אַ קוק טיאָכקעט מיר דאָס האַרץ, ווי אין די קינדער־יאָרן, ווען איך פלעג באַגעגענען אין קאַפּולע נחקע דאָס בלינדאָוינגל מיט אַ טויט קינדערשן גופל הינטער זיינע אָרעמס.

מיר האָט זיך שטענדיק געדוכט, אַז אָט באַגראָבט ער נחקע דאָס קינדערישע גופל און וועט גלייך קומען נאָך מיר.



מענדעלע אין זיין ביבליאָטעק אין יאָר 1910

אַ פּאָטאָפּאַלנעסט פון אַ שרייבער, שרייבן וועגן תחית־המתים, וועגן דער אויפלעבונג פון פאָלק, און האָבן צו טאָן מיט מתים!
אַ פּאָטאָפּאַלנעסט פון אַ ייד, באַגראָבן יידן...

איינמאָל אין איינע פון די ליטעראַרישע שבת־אויפדערנאַכטן ביי מענדעלען אין שטוב האָט ליליענבלום לייענשאַפטלעך גערעדט וועגן דער לאַגע פונעם יידישן שרייבער.

פלוצעם האָט ער איבערגעריסן זיין רעדע און אויסגעשריגן — די נאַכט איז מיינע און דער טאָג איז ביי מיר אַ פּאַרקויפטער! יידן, עס טאָגט שוין, שוין צייט גיין באַגראָבן יידן!...

— אויך מיין טאָג איז אַ פאַרקויפטער, — איז מענדעלע געגאַנגען אַנטקעגן זיך געזעגענען מיט ליליענבלומען, — מיין טאָג איז אַ פּאַרקויפטער ביי דער תלמוד־תורה.

איצט איז פאַרטאָג, און דער פאַרטאָג איז מיינער, דאַרף מען גיין עפּעס שרייבן, שאַפן און קומען מיט אַ נייעם ייד אויף דער וועלט!

איין לעבעדיקער ייד איז דאָך מער ווערט ווי אַ גאַנצער בית־עולם מיט יידן!

*   *
*

אין שטילן גאַנג פון טאָג־טעגלעכן אָנגריף האָט די עלטער גאָרנישט געקאָנט מאַכן מיט מענדעלען, און זי איז אים באַפאַלן אין שטורמדיקן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה...

מענדעלעס געדיכטע שניי־ווייסע לאָקן האָבן אָנגעהויבן ווערן שיטערער און שיטערער, האָבן געהאַלטן אין איין אויספאַלן.

די עלטער האָט געטאָן אירס... זי האָט געהאַלטן אין איין איבערבאַשאַפן מענדעלען לויט איר פורעם און געשטאַלט.

מיט דער לייכטקייט פון פליקן די האָר האָט זי איינגעוואַלגערט און אויסגעריסן פון מענדעלעס מויל צאָן נאָך צאָן.

די באַקן האָבן גענומען איינפאַלן, די קנייטשן זענען געוואָרן טיפער און אין יעדן קנייטש האָט זיך די עלטער איר נעסט געמאַכט.

מענדעלע האָט פאַרלוירן זיין קלאָרע אויסדריקלעכקייט — אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט בייגן, ער האָט זיך געסטאַרעט האַלטן גלייך.

באַר זײנע נערוועזע, ליכט שפּאַנענדיקע פּיס האָבן אים נישט אונ־טערגעהאַלטן.

דאָס האַרץ איז געוואָרן שוואַכער און שוואַכער.

מענדעלעס האַרץ האָט שוין מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן נישט קײן קעלט און נישט קײן היץ און פּלעגט זיך שיר נישט אָפּרײסן פֿון יעדער ידיעה, וואָס פּלעגט אָנקומען פֿון פראָנט, פֿון די בעזשעניצעס, פֿון די אַרויסגעטריבענע און פֿאַרטריבענע ײדן פֿון די בײפראָנט־ליניעס, וואָס האָבן אָפּגעריכט גלות אין גאָר דער לענג און אין גאָר דער ברײט פֿון לאַנד.

דער גלות האָט געקלאַפּט אין מענדעלעס טיר... זײער אָפֿט האָבן זיך גענומען אַרײנשטעלן צו אים זײנע פּוילישע און גאַליציאַנישע אײ־ניקלעך, וואָס זענען פֿאַריאָגט און פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון זײערע אײגע־נעם הײמען.

אין יענע טעג האָבן שטיוול־טריט און שינעלן פֿאַרפֿילט מענדעלעס שטוב.

אײניקלעך און אוראײניקלעך פּלעגן קומען זיך געזעגענען מיטן זײדן פֿאַרן אַוועקגײן אויפֿן פראָנט, אַז דער זײדע זאָל זײ בענטשן, אַז דער זײדע זאָל זײ ווינטשן, אַז זײ זאָלן זיך ווידעראַמאָל באַגעגענען מיטן זײדן.

די געקומענע פֿון פראָנט, די פֿאַרוווּנדעטע אײניקלעך און אוראײ־ניקלעך פּלעגן קומען אַהער, אַז דער זײדע זאָל מיט זײן וואָרט און מיט זײן בליק הײלן זײערע ווונדן...

צווישן די שינעלן האָט זיך דער זײדע גענומען פֿילן אַלץ שוואַכער און שוואַכער... נאָר צײטנווײז פּלעגט אויך טרעפֿן, אַז די שינעלן פּלעגן אומקערן מענדעלען זײנע פֿאַרלאָזענע כּוחות און צעצינדן אין אים זײן האַס, זײן בײסיקן צאָרן. ער פּלעגט טיף אָטעמען מיט זײנע ברײטע נאָז־לעכער, גלײך ווי צו אים זאָל פֿון די שינעלן דערגײן דער ריח פֿון פּולווער און דער ריח פֿון בלוט, און אויפֿגעבראַכט ווי אַ יונגער הײסטער סאָלדאַט, וואָס וואַרפֿט זיך אין שלאַכט, פּלעגט מענדעלע אַרויסטרעטן אין מלחמה קעגן דער מלחמה.

ס׳אַראַ אומזיסט גײן הרגענען און געהרגעט ווערן — האָט געשריגן זײן אָנצײנדעריקער מויל, האָבן געשריגן זײנע אויגן, האָבן געשריגן זײנע ציטערנדיקע הענט, — זײ, די אָנגעזויפּענע און אָנגעפּרעסנע,

אין קאַרג די וועלט, רייסט מען שטיקער פֿון דער וועלט, און די וועלט גייט אָפּ מיט בלוט, און די וועלט ווערט חרוב.

...ווי איז צו אַלעמען און באַזונדערס אָך און ווי איז צו אונדז, ייִדן. אויב אַלעמען קאָן מען נאָך איינרעדן, אַז זיי האָבן אַ פֿאָטערלאַנד, אַז זיי פֿאַרגיסן זייער בלוט פֿאַר זייער אייגענער ערד, איז אונדז ייִדן קאָן מען אַפּילו מיט אַזאַ איינרעדעניש נישט טרייסטן.

פֿאַרוואָס און אין נאָמען פֿון וואָס קומט אום דער ייִדישער סאָלדאַט? — פֿאַר גאָרנישט. און וואָס קאָן זיין שרעקלעכער, ווי אומקומען פֿאַר גאָרנישט?

פֿון אַלע רעכט האָט מען אונדז בלויז איין רעכט געגעבן, די רעכט געהרגעט צו ווערן אין צייט פֿון פֿרידן און אין צייט פֿון מלחמה, געהרגעט ווערן פֿונעם צאַר-באַטיושקאַ! און געהרגעט צו ווערן פֿאַרן צאַר-באַטיושקאַ!...

ס'אַראַ אומרעכט! ס'אַראַ אומזין! ס'אַראַ הימל-געשריי!

* *
*

מענדעלעס גוף איז שוין אינגאַנצן געווען אין די הענט פֿון דער עלטער, און זיין אינערלעכע וועלט, אָדער ווי מענדעלע פֿלעגט זאָגן, דער ווין, וואָס געפֿינט זיך אין דער כלי, איז געבליבן אומבאַרירט און נישט צוטריטלעך, ווי פֿאַרריגלטע און שטאַרק באַשיצטע אונטערערדישע פֿעסטונגען.

מענדעלען האָט שטאַרק געצויגן צום שרייבטיש, ווייל נאָך אַלעמען האָט ער זיך דערפֿילט, אַז ער האַלט ערשט פֿאַר אַלעמען, אַז ער האָט וואָס צו זאָגן און צו זאָגן...

מענדעלע האָט זיך אַליין אונטערגעטריבן און מיט זיך אַליין געטענהט. — חטוף וכתוב! חטוף וכתוב! — כאַפּ אַריין און שרייב! כאַפּ אַריין און שרייב! שרייב כל זמן עס שרייבט זיך! כל זמן דו קאָנסט נאָך האַלטן די פֿען אין האַנט. שרייב און לייג נישט אָפּ אויף מאָרגן. דער מאָרגן דאַרף זיין אינעם היינט, ווייל אַנדערש, איז ער שוין דער מאָרגן פֿון נאָך אַלעמען, צו שפּעט. ווייל היום כאן ומחר לכאן — היינט איז מען דאָ און מאָרגן גיט דיר אַ כאַפּ דער טייוול און פֿירט דיך אַוועק צו אַלדי רוחות און גיי שריי אַגי מענדעלע!

און מענדעלע האָט געשריבן... גאָר מער קיינמאָל איז שוין נישט געשען דער נס, אַז אַ האַלב שמאָל זײַטעלע פּאַפּיר זאָל סטייען אויף אַ האַלבע שעה לייענען. וואָס טונקעלער די ראיה איז געוואָרן, אַלץ גרעסער זענען אויסגעוואַקסן די אותיות: די אותיות האָבן זיך געוואַלגערט פֿון די פּיס, גלייך ווי נישט פֿון טינט זענען זיי געקומען אויף דער וועלט, נאָר פֿון האַרבע משקאות. זיי זענען זיך פֿאַנאַנדערגעלאָפֿן און זיך געקייקלט, ווי פּערל אָפּגעריסענע פֿון זייער שנור.

אויף אַ האַלבער שעה לייענען האָט איצט מענדעלע באַדאַרפֿט היפּש האָרעווען, אָנשרייבן אַ סך זײַטן. די האַנט האָט געציטערט און מענדעלע האָט אַלץ געשריבן און געשריבן...

דער זכרון קלאָר-לויטער ווי אַ פֿאַרגרעסער-גלאָז, וואָס דערגענטערט דאָס ווייטע — אָט איז עס! אָט איז עס געווען!

צו ניין יאָר האָט מענדעלע געקענט אויף אויסנווייניק דעם תנ״ך, צי געדענקט ער אים איצט?

און מענדעלע טראָגט אונטער יעדן איינעם דאָס קליינע תּנכלע, וואָס דער השכלה-דיכטער אברהם-בער גאָטלאָבער האָט אים געשענקט מיט צענדליקער יאָרן צוריק אין קאַמיענעץ-פּאָדאָלסק, און בעט מען זאָל אים פֿאַרהערן.

זאָל דער פֿאַרהערער אויסקלייבן אַ פּסוק אַלצאיינס צי פֿון אָנהייב, צי פֿון דערמיט, צי פֿון סוף, וועט ער גלייך זאָגן אַלע ווייטערדיקע פּסוקים, וואָס דער קאַפּיטל אַנטהאַלט אין זיך.

גאָטלאָבערס קליין תּנכל פֿול מיט זכרונות פֿון טויזנטער יאָרן צוריק דערמאָנט מענדעלען אין קאַמיעניעץ-פּאָדאָלסק, אין גאָטלאָבערן, אין זײַן טאָכטער, וואָס האָט מיט אים געלערנט רוסיש, דײַטש און מאַטעמאַטיק.

אַ פּסוק!... די קאַמיעניעץ-פּאָדאָלסקער זכרונות ווערן פֿלינק איבערגעריסן און מענדעלע דערפֿרייט זיך מיט די צענדליקער אָנקומענדיקע פּסוקים, ווי מיט אַלטע גוטע פֿרײַנד. מענדעלע זאָגט און זאָגט, זאָגט ווי אַ וואַסער...

און נאָכן זאָגן, ווי פֿאַרן זאָגן, קומען אויף אַלץ נייע זכרונות. מענדעלע געדענקט, ווען ער האָט דעם אָדער יענעם קאַפּיטל געזאָגט, ווען ער איז אַלט געווען זיבן יאָר, זיבעצן, דרייסיק, פֿופֿציק, זיבעציק, פֿינף און זיבעציק...

ער געדענקט די פֿאַרשידענע ערטער, די פֿאַרשידענע צייטן און די פֿאַרשידענע קלאַנגען פֿון זיין שטים, וואָס האָט זיך געענדערט צו יעדער עלטער, צו יעדער צייט.

ער זעט די פּגימער פֿון פֿאַרשידענע צוהערער זיינע, וואָס האָבן געגאַפֿט פֿון זיין זכרון, ווען ער נעמט די פֿעדער אין האַנט, וואָלט ער יעדן איינעם אויסגעמאָלט מיט אַלע פּיטשעווקעס, גלייך ווי זיי וואָלטן דאָ געזעסן און פֿאָזירט פֿאַר אים.

*   *
*

נאָר די עלטער האָט זיך געמאָן אירס... זי האָט אַרויסגעשלאָגן די פֿען פֿון מענדעלעס האַנט.

דער אַנטוואָפֿנטער וועכטער איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון דער וואַך, האָט זיך נישט אונטערגעגעבן.

מענדעלע זיצט אין פֿאָטעל אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן און באַטראַכט יעדעס וואָרט, יעדע שורה, וואָס ער דאַרף דאָ אַרויסזאָגן פֿאַר זיין סעקרעטאַר. מענדעלע רעדט און דער סעקרעטאַר שרייבט.

איצט, אין דער צייט פֿון מלחמה, האָט ער, מענדעלע, גענומען אויף זיך שרייבן וועגן מלחמה.

דער אַלטער נוסח פּונעם אַלט פֿאַרשווונדענעם אָפּגעזעצטן לעבן טויג נישט אַהער. מ'דאַרף באַשאַפֿן אַ נייעם נוסח. דאָס וואָרט קאָן זיך דאָ נישט באַוועגן, ווי עס באַוועגן זיך רואיק און לאַנגזאַם די זונען־שטראַלן פֿון מזרח אויף מערב.

דאָס וואָרט וועגן דער מלחמה דאַרף שנעל ווי דער בליץ זיך צעצינדן און באַלויכטן, פֿליען פֿייל פֿון בויגן.

מענדעלע ציטערט אויף. די קנייטשן אויפֿן שטערן ווערן פֿולער און פֿולער. די אויגן מאַכן זיך צו.

איז דען מעגלעך איצט, ווען ער קאָן די פֿען אין האַנט נישט האַלטן, באַשאַפֿן אַ נייעם נוסח?

נאָר שווייגן ווען עס שיסן האַרמאַטן קאָן ער נישט! טאָר ער נישט!

די נייע ווערטער ווערן שווער געבוירן, זיי איז שווער צו קומען אויף דער וועלט און מענדעלע רייסט זיי פֿון זיך ווי מיט צוואַנגען.

דער סעקרעטאַר לייענט איבער דאָס געשריבענע און מענדעלע באַפוילט: זייט אַזוי גוט און פאַרמעקט, פאַרמעקט פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה.

דער סעקרעטאַר וואַרט אומגעדולדיק אויף אַ נייעם אָנהייב, וואָס זאָל מער נישט האָבן אַזאַ ווייסן סוף ווי דער ערשטער, וואָס איז פּריציזיש פאַרשניטן און פאַרמעקט געוואָרן.

מענדעלע דריקט צו פעסטער דעם שטעקן צו זיך, ווי ער זאָל פאַרלאַנגען פון אים וואַסער שלאָגן פון שטיין...

— איך וואַרט!

מענדעלע קאָן מער נישט איבערטראָגן דעם סעקרעטאַרס דערמאָנונגען און ער שרייט אויס בייז — יונגערמאַן, אַ שרייבער איז נישט קיין סעקרעטאַר, אַ שרייבער, כדי עפּעס לאָזן צו הערן דאַרף פריער אַליין עפּעס הערן, אַליין עפּעס זען.

מענדעלע קאָן לאַנג נישט אויסגעפינען דאָס נויטיקע וואָרט און ער ווענדט זיך צו זיין אַלטן לאַנגיאָריקן פריינד, צו „יידעלען", זיין שטענדיקן בעל יועץ און מיטהעלפער, וואָס איז אים אומעטום בייגעשטאַנען אַלע נויטן.

שטענדיק, ווען ער, מענדעלע, האָט געשטעקט אין אַ געדאַנק, אין אַ וואָרט, אין אַן אויסדרוק, פלעגט ער אַרויסרופן זיין בעל יועץ און אים הייסן זאָגן און אונטערזאָגן:

— יידעלע, טייערער, מיינער, אַזוי זאָגט מען, אַזוי רעדט מען צווישן יידן?

— אַזוי זעט אויס אַ ייד, אַן אָפּגעשמיסענער?

— אַזוי זעט אויס אַ ייד, אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער נאַר?

— אַזוי זעט אויס אַ מאַרק־יידענע אין אַ מאַרק־טאָג?

— יידעלע, קוק אָן דאָס יידישע קינד, ס'איז דען ענלעך אויף אַ קינד? אַן עבט יידל, אַ יידעלע מיט אַלע פּיטשעווקעס.

יידעלע פירט אויך איצט אַרויף מענדעלען אויפן גלייכן וועג, ער זאָגט אים אונטער זיך ווענדן צו מוטער און קינד, צו דאָס סאַמע נאָענטסטע, און דורך זיי, דורך דער מוטער און קינד, אַרויסטרעטן קעגן מלחמה, ווי ער האָט עס אַמאָל געטאָן אין דער „קליאַטשע". זאָל ער באַשרייבן דעם צער גדול בנים, די שלאָפלאָזע נעכט, דער מוטערס טרערן, אירע אַנגסטן און ווייטיקן ביז זי שטעלט איר קינד אויף די

פּים. און שטעלט זי אים נאָר אַוועק, איז כאַפּט מען אים אויס, להבדיל, ווי אַ קעלבל און מע פירט אים גלייך אַוועק צו דער שחיטה!

יאָרן גייען עס אַוועק ביז אַ מאַמע האָדעוועט אויס איין קינד.

און פאַר איין רגע ברענגט אום די מלחמה הונדערטער טויזנטער און צענדליקער טויזנטער קינדער.

אַ רגע און הונדערטער טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מאַמעס ווערן אויס מאַמעס...

ווי זאָגט איר דאָרט אין דער „קליאַטשע“:

„נישט קיין מאַמע איז זי, נישט קיין רעכט אויף אירע קינדער האָט זי, נאָר אַ דינסט איז זי — דעם מלאך המותעס“.

און וואָס שייך נוסח, — מונטערט אויף דאָס יידעלע מענדעלען — פּאַסט דאָ זייער גוט אייער אַלטער נוסח.

מוטער און קינד — דאָס איז אַן אייביקע טעמע. און ווי די טעמע איז אייביק, אַזוי אייביק פריש און ניי איז דאָס וואָרט.

מענדעלע ווערט דערוואַרעמט, זיין פּנים שיינט אויף, דער רוח הקודש האָט זיך אומגעקערט צו אים און אַ באַגייסטערטער ווענדעט ער זיך צום סעקרעטאַר, — הערט! זייט אַזוי גוט, און הערט!

מענדעלע גיסט אויס דאָס האַרץ און דער סעקרעטאַר שרייבט און שרייבט...

און ווידער ווערט מענדעלען שווער. ער דערפילט מיטאַמאָל, אַז דאָס וואָרט, וואָס רייסט זיך פון האַרצן איז ביז עס דערגייט צום סעקרעטאַר און ביז עס ווערט פאַרצייכנט מיט אַ פרעמדער האַנט, ווערט עס אָפּגעפרעמדט און אָפּגעקילט.

מענדעלע ווערט אַנטשוויגן... מענדעלע פאַרטראַכט זיך...

— וואָס איז געשען? — פרעגט דער סעקרעטאַר, — ס'איז דאָך אַזוי גוט געגאַנגען, ס'האָט זיך דאָך אַזוי גוט באַקומען!

און מענדעלע איז שטאַרק פאַרחידושט אויפן סעקרעטאַר, ווי קאָן ער זאָגן, אַז ס'איז גוט געגאַנגען. קאָן דען גיין גוט אַ פרעמדער פוס? קאָן דען גוט אַרבעטן אַ פרעמדע האַנט? קאָן דען פילן יענעמס פון דיין האַרץ? — ניין און ניין!

דאָס וואָרט, וואָס ווערט געשעפּט מיט דיין האַנט פון דיין האַרצן און ווערט איבערגעגעבן דיין פון אין עפּעס אַנדערש... אַזאַ וואָרט ווערט זיבן מאָל איבערגעטראַכט, זיבן מאָל איבערגעוואָרפן אין דיינע אייגענע בלוטן.

איר פאַרשטייט, ס'איז נישט דאָס, — זעצט פאָר מענדעלע זיין געדאַנק אינדערהויך, גלייך ווי דער סעקרעטאַר האָט געהערט אַלץ, וועגן וואָס ער האט דאָ ערשטע געטראַכט... — שרייבן איז אַן אײדעלע מאַטעריע, ס'איז ווי ליבע...

קאָן דען זאָגן דער פאַרליבטער עמעצן, זיי אַזוי גוט, נעם אַרום מיין געליבטע און גיב זי אַ קוש פאַר מיר? — גיין, און גיין!

שרייבן און ליבע דאָס זענען אַזעלכע זאַכן, וואָס קאָנען געטאָן ווערן בלויז דורכן שרייבער, בלויז דורכן פאַרליבטן און מיט קיינעם נישט פאַרביטן ווערן.

איין בליק פון אַ פרעמד אויג און די הייליקייט ווערט פאַרשוועכט. דאָס זעלבע מיטן שרייבן.

איז דער שרייבער אַליין מיט דער מוזע, קאָן ער רעדן בלויז מיט איר...

אַ זייטיק אויג אין אָט די מינוטן קאָן נאָר קאַליע מאַכן, קאָן נאָר געבן אַן עין הרע.

אין קדשי קדשים האָט רעכט געהאַט אַריינגיין בלויז דער כהן גדול און דאָס איינמאָל אין יאָר.

און טאָמער חס וחלילה איז אַ זייטיקע מחשבה אַריינגעדרונגען, איז דאָס לעבן זיינס געווען אין גרויס געפאַר.

יאָ, מיין ליבער סעקרעטאַר, ווייזט אויס, אַז אַ סעקרעטאַר איז גוט פאַרן שרייבן, נאָכן שרייבן, נאָר נישט ביים שרייבן.

* *
*

דער סעקרעטאַר איז געוואָרן מענדעלעס רעכטע האַנט. ער האָט אָן אים קיין מינוט נישט געקאָנט זיין, ווייל ער, מענדעלע, האָט שוין מער נישט געקאָנט באַשטימען קיין צייט ווען צו שרייבן.

דאָס שרייבן איז ביי אים געווען ווי דער הוסט, וואָס קומט אָן אַמאָל ביינאַכט, אַמאָל פאַרטאָג און אַמאָל צווישן טאָג און נאַכט.

ס'איז שטיל. מענדעלע דרימלט איין. פלוצעם וועקט אים אויף דער רעש פון מלחמה... ער קוקט זיך אום, באַטראַכט זיך פון אַלע זייטן, ווו איז ער?



מענדעלע אין יאָר 1910 בײַ זײַן אַרבעטס־טיש

ער ליגט אויסגעצויגן אין בעט, צוגעדעקט מיט אַ לײַלעך ווי אַ פֿאַרוואונדעטער שלאַכטמאַן, וואָס שטעלט זיך נישט פֿאָר און גלייבט זיך נישט, אַז בעטן, קישנס און ווײַסע לײַלעכער זענען דאָ אויף דער וועלט.

גריבער, בלויז גריבער זענען דאָ... אין די פֿאַרשאָטענע ליגן די טויטע און אין די אָפֿענע — די לעבעדיקע.

פֿאַרטאָג און מענדעלע וואַרט אויף זײַנע אייניקלעך. ער וואַרט, אַז יעדער איינער זאָל קומען אים דערציילן מיט וואָס האָט אים די נאַכט באַרײַכערט און מיט וואָס האָט ער באַגעגנט דעם טאָג.

ער וואַרט אויף זיי גערן, אומגעדולדיק און אײַנציטיק שרעקט אים זייער קומען.

קומען זיך צונויף די אייניקלעך קאָן ער נישט אָפּקומען מיט שווײַגן און דאַרף עפּעס אויך לייענען פֿאַר זיי.

און איצט אויף דער עלטער פֿאַרלייענען זײַנע אייגענע זאַכן איז אים פּונקט אַזוי שרעקלעך, ווי דאַן, ווען ער איז אַן אָנפֿאַנגער געווען.

פֿאַרטאָג. מענדעלעס טיר איז שוין אָפֿן. „גוטמאָרגן" טראָגט זיך פֿון אַלע זײַטן.

די געטרײַע אייניקלעך פֿאַרלאָזן נישט דעם זיידן, מ'לייענט אים, מ'עצהט זיך מיט אים, מ'הערט אויס זײַנע באַמערקונגען, מ'שמועסט מיט אים...

פֿאַרשווײַגן דעם זיידן דאָס איז די גרעסטע באַליידיקונג פֿאַר אים און ער וועט עס קיינעם נישט מוחל זײַן.

גיין, גיין, זײַנע געטרײַע אייניקלעך וועלן עס נישט דערלאָזן. דער זיידע טאָר אויף קיין מינוט נישט פֿילן, אַז זײַן שליחות אין פֿאַרענ-דיקט, אַז מ'קאָן זיך שוין באַגיין אָן אים. עס לייענט דער אַרי שבחבורה — דער לייב פֿון דער חברה פֿאָעטן. מענדעלע ווערט בײַ זיך אָפּהענטיק און הויבט זיך אָן שעמען מיט דעם, וואָס ער האָט פֿאַר דער הײַנטיקער נאַכט אָנגעשריבן — ווי שטאַרק ס'איז דאָס אייניקל און ווי שוואַך ס'איז דער זיידע...

— נו, איז וואָס — באַרואיקט דער זיידע דעם שרײַבער, — אַז אייניקל איז אויף צוויי דורות ווײַטער, קאָן דאָך נישט זײַן ער זאָל שטיין באַגלײַך מיט דעם, וואָס איז אויף צוויי דורות פֿריער.

אַז אַזאַ אייניקל איז דאָ אויף דער וועלט איז כדאי געווען זײַן אַ זיידע!

ס'איז אַ גרויס גליק און אַ גרויסער כבוד צו זיין אַ זיידע פון אַזאַ אייניקל...

— הייסט עס, — ציגט זיך אָן די קנאה אינעם שרייבער, — ער איז אַלין און איך בין גאַרנישט!

— קנאה איז אַ מיאוסע מידה, — זאָגט דער זיידע און דער שרייבער דערהווידערט:

— ניין, ווען נישט די קנאה וואָלטן אַ סך וויכטיקע זאַכן פאַרפאַלן געגאַנגען און נישט געקומען אויף דער וועלט.

אַ גוטער בוך רופט אַרויס אַ צווייטן, אַ גאָך בעסערן... ווי עס שטייט געשריבן: קנאת סופרים תרבה חכמה — די קנאה צווישן שרייבער פאַרגרעסערט די חכמה.

דער זיידע לאַכט זיך אויס און דער שרייבער מוז מודה זיין, אַז וועגן קנאה קאָן זיין אַ רייד, ווען עס פאַרמעסט זיך אַ גלייכער מיט אַ גלייכן, יונגט מיט יונגט, פרילינג מיט פרילינג, נאָר נישט די טיפע עלטער מיט דער רייפער יוגנט, דער שפעטער הארבסט מיטן אָנהייב פרילינג.

די קנאה פון די נישט גלייכע ברענגט נאָר בייז און שלעכטס מיט זיך. אוי, די קנאה! אפילו משה, וועגן וועמען ס'ווערט געזאָגט, אַז ער איז געווען דער סאַמע באַשייהנסטער מענטש אויף דער ערד, האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, ווען פון אים האָט זיך אָפּגעטאָן די שכינה און געגומען רוען אויף יהושע'ס זיין תלמיד.

דער געטלעכער מאָן משה בעט זיך ביי זיין תלמיד ער זאָל פאַר אים אַנטפּלעקן דאָס, וואָס גאָט האָט אים געזאָגט און יהושע ענטפערט אים אָפּ, אַז ס'איז אַ סוד און ער איז פאַרבאָרגן פאַר אים, משהן, ווי פאַר יעדן פשוטן יידן.

און משה, וואָס האָט אַזוי נישט געוואָלט שטאַרבן, בעט איצט אויף זיך דעם טויט — מאה מיתות ולא קנאה אחת — הונדערט מאָל שטאַרבן איידער איינמאָל מקנא זיין!

אַ פאַרשעמטער און צעבראָכענער דורך זייטיקע וועגן האָט משה איצט אַליין, לויט זיין אייגענעם ווילן געאיילט צום באַרג נבו זיך איבערגעבן אין גאָטס אָרעמס און אָננעמען דעם גזר פון מיתה בנשיקה — שטאַרבן פון אַ קוש. און גאָט האָט אַ קוש געגעבן משהן און קישנדיקערהייט אַרויסגענומען ביי אים די נשמה...

אינדערמאַתן, וואָס איז דער נביא, ווען די נבואה טוט זיך אָפּ פון אים? וואָס איז דער שרייבער, ווען ער הערט אויף שרייבן, ווען דער רוח הקודש לעשט זיך אויס? — גאָרנישט מיט נישט...

ער איז גערעכט, משה, בעסער הונדערט טויטן, הונדערט מאָל שטאַרבן איידער לעבן אַזאַ לעבן!

ער איז גערעכט, משה!...

מענדעלע לייגט פאַר דעם ארי שבחבורה — דעם לייב פון דער חברה פאָעטן — נאָכאַמאָל איבערלייענען דאָס, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג געלייענט. די בקשה ווערט גלייך אויסגעפילט.

אין די מינוטן פון איבעררעשונג און אַנטציקונג בעט מענדעלע דערלאַנגען זיין שאַפונג פאַר הייַנטיקער נאַכט, און נישט אַריינקוקנדיק אינעם סעקרעטאַרס כתב־יד צעפליקט ער אים אויף פיצלעך...

— ס׳איז נישט מענדעלע, — ציטערט מענדעלעס שטים, — וווהין איז אַהינגעקומען יענער, דער אַמאָליקער מענדעלע?!

מיט דעם מענדעלען וויל איך נישט האָבן צו טאָן, איך וויל אים נישט קענען, איך וויל אים נישט הערן און וויל אים נישט זען!

איי, איז יענער מענדעלע געווען אַ מענדעלע!

נאָר גיי שריי אַני מענדעלע!...

— וואָס מאַכט דער זיידע? ווי פילט זיך דער זיידע? — און דער זיידע ענטפערט מיט אַ שמייכל, — איר פאַרשטייט, אַז איינער איז גוסס, לייגט מען אים צו אַ פעדער צו דער נאָז, אַז דער פעדער רירט זיך איז אַ סימן, אַז ס׳איז גוט, אַז נישט, איז ברוך דיין אמת!...

דער פעדער רירט זיך נאָך ביי מיר! איך שרייב, איז אַ סימן, אַז איך לעב!

אין די שווערע מינוטן, ווען דער זכרון זאָגט זיך אָפּ צו דינען, לייגט מענדעלע צו דעם פינגער צום שטערן און שרייט אויס: די קריע גייט!

דער סעקרעטאַר קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט און מענדעלע דערקלערט אים, וואָס ער מיינט מיט דער קריע.

— יונגערמאַן, איר האָט אמאָל געזען ווי די קריע גייט אויפן טייך? אַ סך שטיקער אייז, גרויסע, קליינע, מיטעלע, צעבראָכענע און איבערגעבראָכענע שטיקער שווימען און לויפן, יאָגן און פרוון אַריבעריאָגן אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז זיי שלאָגן זיך צוזאַמען ביי אַ שמאָלן דורכגאַנג און נישט פון אָרט.

פונקט אַזוי יאָגן זיך, שווימען אָן און שטויסן זיך צוזאַמען אין מיין מוח און אין מיין האַרצן די גרויסע שפע געדאַנקען, זעונגען, בילדער און זכרונות.

זיי פאַרהאַלטן מיר דעם זכרון און איך ווייס נישט אויף וועלכער וועלט איך בין.

די לעצטע פעסטונג, אַרומגערינגלט פון דער עלטער, האָט געהאַלטן ביים פאַלן.

אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אַ חודש נאָך אַ חודש און דער זכרון האָט גענומען אויסזען, ווי אַ חרוב געוואָרענער בנין פול מיט בראָכשטיינער און שטויב.

ביי זיך אין גלופּסק אפילו האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן, ווי אַ פרעמדער.

ער פאַרגעסט אַ נאָמען פון זייער אַ נאָענטן מענטשן, און ער בעט דעם סעקרעטאַר אויסרעכענען פאַר אים אַ צעטל פון נעמען, אַלע נעמען, וואָס ער ווייסט, אַלע נעמען, וואָס ער האָט ווען עס איז געהערט אויף זיין לעבן.

דער סעקרעטאַר הייבט אָן פון די אבות — אברהם, יצחק יעקב, גייט איבער צו יעקבס 12 זין, און ערשט ווען ער קומט צו צו דוד המלך, דערפרייט זיך מענדעלע, גלייך ווי ער, דער סעקרעטאַר האָט אים נאָר וואָס איבערגעגעבן אַ גרוס פון אים, פון דוד זיין אַלטן, אַלטן נאָענטן פריינד.

— ריכטיק! ריכטיק! דוד! דוד! ער הייסט דוד!

אָן אַבזאַץ. אַ צווייטער אַבזאַץ. אַ דריטער... און מענדעלעס וואָרט לויפט דורך ווי אויף אַ גלייכן וועג אָן איין שטרויכלונג.

און ווידער נישט פון אָרט. עס ליגט אויף דער צונג, ס'איז אַ טאָג־טעגלעכע געוויינלעכע זאַך, מיט וועלכער דו קומסט אין באַרירונג אַלע ווילע, און ער ווייסט נישט, ווי אַזוי עס אָנצורופן, און ער שעמט זיך פרעגן ביים סעקרעטאַר אפילו מיט אָן אָנצוהערעניש, מיט אַ זייטיקן וועג, מיט אַ נישט דאָס בין איך אויסן...

מענדעלע קומט אָן צו דער הילף פון אַ ווערטער־בוך. ער בלעטערט די זייטלעך פונעם אות „ש“. ער ווייסט געווייס, אַז דאָס וואָרט, וואָס איז אים אַזוי נייטיק, הייבט זיך אָן אויף אַ „ש“ און ווייטער קיין אות נישט.

מענדעלעס בליקן שפּאַנען נישט געאײַלט פון וואָרט צו וואָרט און פון אות צו אות.

און אויפן זכרון קומט אים איצט אויף דאָס, וואָס ער האָט גאָרנישט געזוכט, עס קומט אים אויף די אַרויסזאָגונג פון איינעם אַן אָנגעזעענעם תּנא וועגן זכרון, וואָס איז אַ שאַץ־קאַמער פון מענטשלעכן געדאַנק, פון דאָס איבערגעלעבטע, געזעענע און געהערטע...

...פאַראַן אַ תּלמיד, וואָס כאַפּט גיך אויף און פאַרגעסט גאָך גיכער. און וואָס קומט אַרויס פון אַזאַ גיכן אויפכאַפּן?

אַ צווייטער כאַפּט אויף שווער און נאָך שווערער איז אים פאַרגעסן דאָס אויפגעכאַפּטע.

צוליב אַזאַ געדעניקען לוינט שוין דאָס אָנמאַטערן זיך ביים אויפנעמען דאָס לערנען.

אַ דריטער כאַפּט אויף גיך און פאַרגעסט קיינמאָל נישט. דאָס איז דער בעסטער חלק, דער שענסטער געשאַנק, די וואונדערלעכסטע גאָב.

אַזוי וויל און אַזוי גוט איז צו אַזאַ תּלמיד!

אַ פערטער כאַפּט אויף שווער, און איידער דאָס אויפגעכאַפּטע באַווייזט זיך אָנצוואַרעמען אין זיין מוח, איז דער מוח שוין לער און פוסט, גלייך ווי דאָרט איז גאָרנישט געווען.

ווי און וויגד איז צו אַזאַ תּלמיד מיט אַזאַ ביטער גורל, מיט אַזאַ פינצטערן באַשערטן חלק.

און מענדעלע דער חריף, און מענדעלע דער בקי, וואָס האָט אין משך פון צענדליקער יאָרן אַלעמען באַגייסטערט און איבערראַשט מיט זיין פענאָמענאַלן זכרון שטעלט זיך איצט אַוועק אין דער ריי פון פערטן תּלמיד.

דעם סעקרעטאַרס פינגער זענען אויסגעבענקט נאָך מענדעלעס אַ נײַ וואָרט, די פען איז גרייט זיך לאָזן אין גאַנג און מענדעלע קלאָגט זיך אויפן זכרון... ער פאַרגלייכט אים צו אַן אויסגעטריקנטן קנויט, וואָס צאַנקט און לעשט זיך אויס.

ער רעדט וועגן יענע פלעמלע, וואָס ציט זיך אײַנדערהויד, וואָס וויל שיינען און לייכטן און פאַלט אָן אָטעם אין דער נידער אַראָפּ צו די אָפּגרונטן פון פינצטערניש...

מענדעלע רעדט און רעדט, רעדט אויף נישט צו פאַרשרייבן... און דאָס, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו דער טעמע, פאַרכאַפּט דעם

סעקרעטאַר נישט ווייניקער ווי די טעמע, צו וועלכער מענדעלע קאָן זיך אין קיין פאַל נישט אומקערן.

מענדעלע לאַכט פון זיך אַליין און הייבט אָן מיטאַמאָל ווי אין די גוטע צייטן מיט אַן „אָמר“.

אמר מענדעלע:

דער מלאך, וואָס איז ממונה איבערן זכרון, גיט צוויי מאָל אַ שנעל דעם מענטשן איבער דער נאָז, ער זאָל פאַרגעסן אַלץ, וואָס ער ווייסט. דאָס ערשטע מאָל ביים געבוירן ווערן, ער זאָל גאָרנישט דערציילן פון דאָרט, פונוואַנען ער איז געקומען און דאָס צווייטע מאָל — ביים שטאַרבן, ער זאָל נישט באַרעדן און נישט אָנרעדן אויף דער וועלט, פון וועלכער ער גייט אַוועק.

ווי אַזוי עס ווירקט דער ערשטער שנעל ווייסט קיינער נישט, ווייל קיינער געדענקט נישט, נאָר אַז דער צווייטער ווירקט בהדרגה, לאַנגזאַם, אין דעם האָב איך זיך שוין אַליין איבערצייגט.

*   *
*

שווערע טעג זענען אָנגעשטאַנען פאַר מענדעלען, ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געוואָלט אַזוי שרייבן ווי איצט, און שרייבן האָט ער מער נישט געקאָנט.

מענדעלע האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן פון זיינע אייניקלעך, ער האָט געשאָלטן די עלטער און זיך אויסגעטענהט מיט גאָט:

...וואָס אינטערעסירט דיר אַזוי, טאַטעניו זיסער, מיין מעטריקע... צום פריזיוו האָב איך שוין לאַנג פאַרשפּעטיקט, און וואָס שייך דין וחשבון אָפּגעבן פאַר דיר, איז נאָך דער בילאַנס נישט פאַרענדיקט, דער סך־הכל נישט אונטערגעפירט.

דו ביסט דאָך אַ באַרמהאַרציקער און לייטזעליקער, איז וואָרף או־מער דיין מענדל בן גנענדל אַ קניפּל לכל הפּחות פון אַ פּאָר הונדערט יאָר... אפשר וועט זיך פאַר דער צייט איינגעבן דעם קנעכט פון דיין דינסט זיך אויסדערציילן און אויסשרייבן... ווייל גרויס איז דיין וועלט און נאָך גרעסער זענען די קליינע וועלטעלעך, וואָס געפינען זיך אַרום און אַרום, דאָס מיין איך, דעם תכשיט דייגעם, דאָס מענטשל, וואָס די האָסט באַשאַפן.

ווייל וויפל מענטשן, אזויפיל וועלטן! יעדער מענטש א וועלט פאר זיך!

ס'איז נאך דא א וועלט מיט ארבעט, אזוי אז לאז מיך נאך איבער אויף דער וועלט!

דו ווילסט דאך נישט, אז דער מענטש זאל שטארבן, דו פארלאנגסט בלויז ער זאל זיך שלאגן על חטא.

על חטא! על חטא!

איך האב געזינדיקט ברצון — מיטן אייגענעם ווילן!

איך האב געזינדיקט בלצון — מיט אפשפעטן, מיט חוזק און מיט איבערגעזאלצענע מלקות.

איך בין אוודאי ווערט שמיץ, נאר דו אליין ווייסט דאך, אז איך האב געמיינט בלויז צום גוטן...

על חטא! על חטא!

איך האב געזינדיקט מיט אראפנויגן דעם הימל צו דער ערד!

איך האב געזינדיקט מיט נישט אויפהייבן די ערד ביז צום הימל!

נאר פאר דיר זענען דאך קיין סודות נישטא, פאר דיר איז אנט־פלעקט און באוווסט, אז ארום און ארום האט מיך ארומגערינגלט א ווייסע פינצטערקייט, פינצטער ווי דער טויט...

אלץ האט געזונגען און זיך געטרונקען אין בלאטע... איך האב זיך איינגעשטעלט דאס לעבן און ביזן האלדז פארקראכן אין דער זינקעניש, אויסגעשטרעקט מיינע הענט און געראטעוועט, געראטעוועט וויפל נאר כ'האב געקאנט!

על חטא! על חטא!

על חטא פאר יארן לאנג שווייגן, ווייל שווייגן בפה אובפען איז נישט בעסער ווי זינדיקן בנבול־פה — רעדן מיטן מויל, רעדן נישט דאס, וואס מ'באדארף!

נאר וואס האב איך געקאנט זאגן אין יענע צייטן, אז דאס לשון האט מיר אפגענומען פון צרות, רדיפות, יאגענישן און פלאגענישן.

על חטא! על חטא!

על חטא פאר אפלייגן אויף שפעטער, פון זיך אייגרעדן, אז מ'וועט נאך באווייזן.

איך בין דאך נישט מער ווי א בשר ודם, וואס טראכט, טראכט, און זעט נישט ווי גאט לאכט...

מענדעלע שטעלט צו אַ צעטל פון חובות, וואָס ער האָט נישט באַוויזן אָפּצוצאָלן פאַר זיין לעבן.

ער האָט פּלאַנירט אַ ראָמאַן וועגן אָרעם...

ער האָט געטרוימט זיך אַראָפּלאָזן אין דער טיפער קרענעצע פון דער פאַרגאַנגענהייט און אַנטפּלעקן די פּערל און די מענגע, וואָס קיין אויג האָט נאָך נישט געזען.

אים האָט זיך זייער געוואָלט ווייזן אַ ריי שטוביקע שטייגער־בילדער פון טאָג־טעגלעכן לעבן, שרייבן וועגן שרייבער, וועגן זיינע אייניקלעך די יורשים, וועגן ליטעראַטור און טעאַטער, וועגן גאַטור און געשיכטע.

חובות! אַזויפיל חובות, אַז די לעצטע געטריי פאַרבליבענע האָר זענען נישט זיינע.

וויפל נישט אויסגעשריגענע געשרייען שרייען נאָך אין אים?

וויפל נאָך נישט אויסגעוויינטע טרערן טריפן פון זיינע אויגן?

וויפל נאָך נישט אויסגעקרעכצטע קרעכצן, וויפל נאָך נישט אויסגעזיפצטע זיפצן?

און מענדעלען איז אַ בזיון און אַ האַרצווייטיק פאַר איינעם אַ זיפץ, וועלכן ער האָט מיאוס אונטערגעפירט...

...געוועזן איז עס אין קאַפּולע, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען און מיט קינדער זיך געשפּילט.

קינדער, ווי קינדער, נאָר זי, די בלאַסע, יתומה, דעם שכנס מיידעלע האָט קיינמאָל נישט געלאַכט, ווען קינדער האָבן געלאַכט, קיינמאָל נישט געשטיפט, ווען קינדער האָבן געשטיפט. זי האָט שטענדיק געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט און געשוויגן.

און איינמאָל ווען קינדער זענען צו איר צוגעשטאַנען, האָט זי געגעבן אַזאַ טיפן זיפץ, אַז אַלע קינדער, זענען געבליבן טויט דער־שראָקן.

דער זיפץ איז אַריין אין שלומקעס ביינער, אין שלומקעס בלוט...

און ביי די ערשטע שרייבערישע זעונגען און אַנטפּלעקונגען האָט ער געשוווירן, אַז ער וועט פאַר אים רו געפונען, אַז ער וועט אים זיין תיקון געבן.

ער וועט אים אויסזיפצן, באַשרייבן, דערציילן אַלץ, וואָס דאָס מיידעלע, די בלאַסע יתומה, דעם שכנס טעכטערל, האָט נישט דער־ציילט...

מענדעלע, פרוי, קינדער און אייניקלעך אין יאָר 1910

און אָט איז שוין נאָך אַלעמען, די שבועה איז נישט אויסגעפילט און דער זיבעץ ווערט דערשטיקט און גייט אויס ווי אַ נישט אַנטפּלעקטער סוד.

און מענדעלע פאַרענטפערט זיך פאַרן האַר פון די זיבעצן, פאַרן באַרמהאַרציקן פאָטער:

— פאַר דיר איז דאָך אַנטפּלעקט און באַוווסט, אַז אַ יידישער שרייבער איז נישט זשעדנע אויף קיין זיבעצן, ער איז מיט זיי געבענטשט און באַוואָרנט אויפן גאַנצן לעבן, האָב איך אַלץ אָפּגעלייגט און אָפּגעלייגט, אַלץ שפּעטער ,און שפּעטער...

איז פרעג איך ביי דיר, מיין ליבער טאַטע, וואָס זשע וועט זיין מיט יענעם זיבעץ? ווו וועסטו נאָך געפינען אַזאַ זיבעצער ווי איך אויף אויסזיבעצן אָט דעם זיבעץ?!

מענדעלעס שטעקן ווערט אויפגעבראַכטער און אויפגעבראַכטער און ווי צוועקעס הערט ער נישט אויף אַריינקלאַפּן אין דיל איין טענה נאָך דער צווייטער.

און ווו וועסטו נעמען אַזאַ האָרעפּאַשניק און יגיע־כפּימניק, ווי מענדעלע?

ווי נאָך וועסטו געפונען אַזאַ משוגענעם ווי איך, וואָס זאָל אַזוי פיילן און שלייפן, אַזוי האָרעווען און אָפּגיין מיטן זיבעטן שווייס איבער אַ וואָרט, איבער אַן אויסדרוק, איבער אַ שורה?

ווער נאָך ווי איך וועט דינען אַזוי געטריי דיין וועלט מיט אַלע אירע שיינקייטן און מיאוסקייטן, מיט אַלע אירע באַשעפענישן און פאַרזעענישן?

ווער נאָך ווי איך וועט זיך ווי אַ יינגל — אַ קונדס נאָכיאָגן נאָך אַ וואָלקנדל, וואָס ווייזט זיך אויפן הימל, נישט קאָנען אָפּרייסן דאָס אויג פונעם הויכן בוים און זיך נידעריק בויגן צום קלענסטן גרעזל.

איז נעם זשע צו אָט דעם איצטיקן מענדעלען, דעם מענדעלע, וואָס קאָן נישט שרייבן און קער אום יענעם מענדעלען, מענדעלע דעם שרייבער.

ער וועט שוין איצט קלוגער זיין און מער נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער.

ער וועט זיך גלייך צעצאָלן מיט אַלע חובות און פריער פון אַלץ מיטן זיבעץ דעם מאָנער, וואָס לאָזט נישט צורו.

מענדעלע טענהט און טענהט, בעט און בעט, און פלוצעם גיט א פאַל דער שטעקן און מענדעלעס האַנט לאָזט זיך הילפלאָז אַראָפּ אָן דעם מינדעסטן גלויבן, אַז זיינע טענות וועלן דערגיין, אַז זיינע תפילות וועלן אָנגענומען ווערן!

גיי שריי, אַני מענדעלע!...

אינהאַלט

	זייט
אַ גלגול פון א נאָמען	7
גאָספּאָדינו מענדעליו באַדאַרף מען נישט	17
למד = וואָווניקעס	33
אין דער נאַכט פון גלות	50
מיט טאָלסטאָיען ביי איין טיש	71
ביי פאַרהאנגענע שפיגלען	80
ווי שיין ס'איז דער מאָנבלאַן	93
אדם — אַ מענטש, צפור — אַ פויגל, קאַטשקע דריי זיך	108
גיי שריי אני מענדעלע	118